# גאָלדפאַדען, אברהם

[גאָלדענפאָדים]

[געבוירן 12 יולי 1840 — געשט. 9 יאַנואַר 1908]



געבוירן 12 יולי 1840 אין סטאַראָ-קאָנסטאַנטין, וואָלינער גוב., וואָלין. פאָטער — אַ זייגערמאַכער. לויט ג. דערציילט, איז זיין פאָטער געווען דער איינציקער בעל-מלאכה אין שטעטל, וועלכער האָט געהאַט הנאה אַריינצוקוקן אין אַ יידיש ספר און האָט דעריבער נישט געשפּאָרט זיין לעצטן גראָשן צו לערנען זיין זון לשון-הקודש. ג.׳ס פאָטער פלעגט אויך פון צייט צו צייט אָפּדרוקן אין דער העברעאישער פרעסע קאָרעספּאָנדענציעס אין דער פאָרם פון בריוו אין רעדאַקציע.

דעם פאָטערס באַציאונג צום געדרוקטן וואָרט האָט געהאַט אַן השפּעה אויף זיינע קינדער. אין 1868 דרוקט ג.׳ס יונגערער ברודער, יוסף, אין „קול מבשר״ קאָרעספּאָנדענציעס און באַאַרבעטונגען פון דער דייטשער און רוסישער ליטעראַטור. „אַ פּנים, אַז די שטוב פון גאָלדפאַדנס פאָטער איז געווען אַ שטוב, וואו עס האָט זיך לאַנגע יאָרן נאָכאַנאַנד אויפגעהאַלטן דער פונק פון געוויסע קולטורעל-געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן״. [נ. אויסלענדער און או. פינקעלס „א. גאָלדפאַדן״, מינסק 1926].

ג. האָט געלערנט אין חדר ביי אַ גמרא-מלמד, און ביי אַ לערער אין דער היים — דייטש, רוסיש און תנ״ך מיט דייטשער איבערזעצונג.

אויס מורא פאַר דער גזרה, אַז מען וועט נעמען קליינע קינדער פאַר סאָלדאַטן, לערנט אים דער פאָטער זייגערמאַכעריי, כדי צו קאָנען אים אַריבערשטעלן די רומענישע גרעניץ אַלס פאַרטיקן בעל-מלאכה. ג. ווייזט דערביי אַרויס גוטע פעאיקייטן. אָבער אַזוי ווי עס דערשיינט באַלד דער „אוקאַז״, אַז די שילער פון די ביי-געגרינדעטע „יידישע קרוין-שולן״ וועלן באַפרייט זיין פון רעקרוטירונג, פאַרשרייבט אים דער פאָטער אין 1855 אין אַזאַ שול, ניט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט פון די פאַנאַטיקער.

ג.׳ס לערער פון יענער צייט, אברהם-בער גאָטלאָבער, שרייבט וועגן דעם שפּעטער אין זיינע מעמואַרן:

„צווישן אַלע תלמידים איז געווען אַ יונגעלע גאָר אַ יונגס, אברהמלע גאָלדפאַדען. דאָס יונגעלע האָט אַ חוץ דער שול, ביי מיר צו הויזע פּריוואַט געלערנט, איבערהויפּט פלעגט ער זיך זייער צוקוקן ווען איך האָב געשריבן זשאַרגאָן; דאָס איז געווען גאָר זיין ליידנשאַפט. ציינד דאַרף איך ניט דערציילן, איר ווייסט שוין ווער ער איז און וואָס ער האָט שוין אָנגעשריבן, אַ חוץ האָט ער אויפגעטאָן יידיש טעאַטער צו שפּילן״.

ג. ענדיקט די שול מיט אַן אויסצייכנונג און אין עלטער פון 17 יאָר (1857) טרעט ער אַריין אין דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול.

די אָפיציעלע אויפגאַבע פון דער ראַבינער-שול איז געווען צו-צוגרייטן ראַבינער און לערער. אָבער פאַקטיש פלעגן אַהין אָנקומען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן נאָר געוואָלט דאָרט באַקומען וועלטלעכע בילדונג און געוויסע יידישע למודים „כדי פאָרטצוזעצן די יידישע טראַדיציע״. כמעט די גאַנצע אָרטיקע באַפעלקערונג איז געשטאַנען ווייט פון דער ראַבינער-שול און זיך נישט אינטערעסירט מיט איר. אין דער שול גופא האָט געהערשט אַ „מאָדערנער גייסט״. אויף זייער בקשה האָבן די תלמידים באַקומען אַ דערלויבניש צו טאַנצן, און פלעגן, אויפפאַלנד קאָסטיומירט, באַזוכן מאַסקאַראַד-בעלער אין זשיטאָמירער טעאַטער. איינער פון די תלמידים, וואָלף קאַמראַש, האָט נאָך אין 1853 אָנגעשריבן אין דראַמאַטישער פאָרם אַ בייסנדע סאַטירע אויף קהל, וועלכע דער קיעווער צענזור-קאָמיטעט האָט פאַרווערט צוליב „ניהיליזם״. ווייטער: אויף דער איניציאַטיוו און אונטער דער אָנפירונג פון מאַדאַם סלאָנימסקאַ, די פרוי פון אינספּעקטאָר פון דער שול, איז אין 1862 איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער שול אַ יידישע שילער-פאָרשטעלונג פון דר. שלמה עטינגערס קאָמעדיע „סערקעלע״ אין דער קעגנוואַרט פון די שילער, לערער און דער איבריקער זשיטאָמירער אינטעליגענץ. די טיטל-ראָל, „סערקעלע״, איז געשפּילט געוואָרן דורך ג., וועלכער האָט זיך — לויט די מעמואַרן פון אַ תלמיד פון דערדאָזיקער שול, א. י. פּאַפּערנאָ, — אויסגעצייכנט מער פון אַלעמען.

[ג. האָט אין אַ שמועס מיט ד. י. זילבערבוש דערציילט, אַז ער „איז געווען די רעכטע האַנט ביי פרוי סלאָנימסקאַ. באַזאָרגן די דעקאָראַציעס און ביים איינלערנען די תלמידים איז ער געווען כמעט דער גאַנצער קנאַקער״.]

„דאָ האָט זיך גאָלדפאַדען דאָס ערשטע מאָל געלערנט צופּאַסן זיך צו די מינימאַלע סצענישע מעגלעכקייטן פון אַן אימפּראָוויזירטן טעאַטער. . . . . יעדנפאַלס האָט גאָלדפאַדען פון דעם אָוונט גוט פאַרגעדענקט ווי צו באַנוגנען זיך מיט די קנאַפּסטע סצענישע מיטלען, צו באַגיין זיך אָן אַ פרויען-פּערסאָנאַל אין דער טרופּע און אָן די נויטיקסטע שפּיל-מאַטעריאַלן״ [נ. אויסלענדער און או. פינקעל].

ג. איז אין ראַבינער-שול אַ פלייסיקער שילער: ער ווערט דורכגעדרונגען מיט די השכלה-אידעען און באַקומט אין דער זעלבער צייט אַ ליטעראַרישע דערציאונג, בפרט פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

ווי ד. י. זילבערבוש דערציילט אין זיינע זכרונות, האָט אים ג. איבערגעגעבן, אַז ער האָט אָנגעהויבן פאַרפאַסן גראַמען נאָך אַלס קינד פון 6-7 יאָר. דער פאָטער פלעגט אים דערפאַר רופן „אברהמלע בדחן״. ווען ג. האָט נאָך געאַרבעט ביי זיין פאָטער, איז (אַרום 1854) צו זיי אָנגעקומען אַלס פועל אַ בחור נחמן פון בראָדי, וועלכער איז נאָך אין דער היים געווען אַ משורר און האָט אויך דאָ שבת געזונגען ביים חזן. נחמן פלעגט ביי דער אַרבעט זינגען חזנישע שטיקלעך און יידישע לידער פון בערל בראָדער און וועלוועל זבאַרזשער. האָט ג. פאַר אים פאַרגעזונגען זיינע אייגענע לידלעך, וועלכע דער בחור פלעגט נאָכזינגען מיט אַ באַזונדערער מתיקות. דאָס האָט ביי ג. דערוועקט דעם חשק צו שאַפן נייע לידער און נייע ניגונים, וועלכע זיינען באַלד געזונגען געוואָרן אויך פון אַנדערע משוררים און שפּעטער פון מיידלעך און ווייבלעך פון שטעטל און אפילו פון די אַרומיקע שטעטלעך. נחמן האָט די אַלע לידלעך אַריינגעשריבן אין אַ העפט מיט דער אויפשריפט: „לידער און לידלעך פאַרפאַסט און צו זיי געמאַכט אייגענע ניגונים פון נחמן בראָדער״. ערשט איצט האָט ג. אָנגעהויבן זיך אָנגעבן אַלס מחבר פון די לידער.

אין דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול האָט ג. געשריבן לידער אין פאָלקס-טאָן, וועלכע מען האָט באַלד נאָכגעזונגען אפילו אין דער פּראָווינץ און אַזוי אַרום איז ער, נאָך זיצנדיק אויף דער שול-באַנק, געוואָרן אַ פּאָפּולערער און באַליבטער פאָלקס-דיכטער.

„עס איז שווער אָנצונעמען — באַמערקן נ. אויסלענדער און או. פינקעל — אַז דידאָזיקע לידער האָט גאָלדפאַדען געשריבן פאַרבלייבנדיק אין דער איזאָלירונג, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די ראַבינער-שול אין זשיטאָמיר. עס איז צו גלויבן, אַז גאָלדפאַדען איז געווען פון די איינציקע שילער, וועמען עס האָט זיך

איינגעגעבן אַזוי אָדער אַנדערש צו האָבן אַ געוויסע פאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, זען מיט וואָס עס לעבט די ברייטע יידישע מאַסע, פאַרגעדענקן אירע געשטאַלטן און איר לעבן-שטייגער.

„פון זיינע באַגעגענישן מיט די זשיטאָמירער אינטעליגענטע קרייזן ווייסן מיר גאַנץ ווייניק. גאָלדפאַדען איז געווען אַ אריינגייער אין הויז פון וואַרשאַווסקי, דער פאָטער פון באַרימטן דיכטער מ. וואַרשאַווסקי, וואו עס האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון קולטור-אינטערעסן.

„דאָ, אין זשיטאָמיר, באַגעגנט זיך אויך גאָלדפאַדען ווידער מיט א. ב. גאָטלאָבער, ביי וועמען אין הויז עס קומען פאָר מוזיקאַלישע אָוונטן. דאָ באַגעגנט זיך גאָלדפאַדען אויך מיט לינעצקין, מיט וועלכן ער האָט שפּעטער אין זיין לעבן אַזויפיל דורכגעמאַכט צוזאַמען. אַ גרויסן איינפלוס אויף לינעצקין אין דער ראַבינער-שול האָט געהאַט צווייפעל, וועלכער איז שוין דאַמאָלט אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַנאָנים ביכל פאַר יידיש און האָט מסתמא געווירקט אויך אויף גאָלדפאַדענען.

נישט אויסגעשלאָסן איז אויך, אַז גאָלדפאַדען האָט זיך דאָרטן באַגעגנט מיט מענדעלען, וועלכער האָט געוואוינט אין בערדיטשעוו און פלעגט גאַנץ אָפט באַזוכן זשיטאָמיר".

אין 1862 דעביוטירט ג. מיט אַ ליד אין „המליץ", און באַלד נאָכדעם הייבט ער אָן דרוקן זיינע יידישע לידער אין „קול מבשר" (נומ. 25, 42, 1863).

אַ דאַנק זיינע העבראַאישע לידער פלעגן די לערער אָנווייזן אויף ג. ווי אויף אַ מוסטער און אים מוחל זיין פאַר זיין קנאַפּן דערפאָלג אין אַנדערע למודים (מאַטעמאַטיק, א. ד. ג.).

אין 1865 האָט ג. אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע העבראַאישע שירים א"נ „ציצים ופרחים מאת אברהם בן חיים-ליפּא גאָלדפאַדען" — געווידמעט זיין פאָטער. דאָס ביכל האָט געמאַכט אַ קנאַפּן רושם.

אַ יאָר שפּעטער (1866) ענדיקט ג. די ראַבינער-שול און גיט אַרויס אַ זאַמלונג פון זיינע יידישע לידער א"נ „דאָס יידעלע פון אברהם גאָלדענפאָדים", — געווידמעט זיין מוטער. באַלד נאָכן דערשיינען פון דאָזיקן ביכעל איז אויף ג. געפאַלן דער אָפּגלאַנץ פון אַ פאָלקס-דיכטער.

[ב. גאָרין גיט איבער, אַז אויף דער עצה פון אַ לערער אין ראַבינער-שול האָט ג. געענדערט זיין נאָמען אויף גאָלדענפאַדען, כדי אָפּצוּרייבן פון אים דעם פּראָסט-יידישן קלאַנג, און נאָך שפּעטער האָט ער שוין אַליין פאַרקירצט דעם נאָמען אויף גאָלדפאַדען.]

דידאָזיקע לידער האָט מען גלייך גענומען זינגען איבער שטעט און שטעטלעך און ג.'ס שם אַלס פאָלקס-דיכטער איז שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן לאַנד.

וועגן דעם ביכל שרייבן נ. אויסלענדער און או. פינקעל: „אים [גאָלדפאַדענען] איז נישט פרעמד געווען די נאַציאָנאַליסטישע באַגייסטערונג פון „דאָס פינטעלע ייד", וועלכע ער האָט שוין געפּרובט, אַזוי צו זאָגן, „עמאַנסיפּירן". אגב דער אויסדרוק „דאָס פינטעלע ייד" האָט, דאַכט זיך, גאָלדפאַדען דער ערשטער אריינגעפירט אין יידישן ליד. אים איז אויך ניט פרעמד געווען צו אָנהייבן זינגען די מאָטיוון פון „על נהרות בבל" אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט געדאַרפט אויסנעמען ביי די „אויפגעקלערטע" פאַרשטייער פון דער „יידישער טראַדיציע". אָבער דער גרעסטער טייל פון גאָלדפאַדענס ביכל איז דאָך געווידמעט סאָציאַלע מאָטיוון, וואָס זיינען גענומען געוואָרן פון סאָציאַלן לעבן, דורכגעדרונגען מיט די דאַמאָלטיקע געפאַלענע שטימונגען פון יידישן מיטלשטאַנד — „דעם פאַרזאָרגטן בעל-הביתל" — און איבערגעגעבן אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט אויך געקאָנט זיין נאָנט דער ברייטער יידישער מאַסע, אירע אָרעמע שיכטן".

אין 1867 איז ג. געוואָרן לערער אין סימפעראָפּאָלער רעגירונגס-שול. אָבער דאָ האָט ער זיך אויפגעהאַלטן נאָר אַ קורצע צייט, און אין 1868 זיך אַריבערגעטראָגן קיין אָדעס. דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין פעטער, דעם נגיד יידל קעסעלמאַן, ביי וועלכן ער האָט — לויט י. רימיניק — „געזאָלט באַקומען אַ מאַטעריעלע שטיצע. די ערשטע צייט איז גאָלדפאַדען געווען זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. שטענדיק אַן אויפגעלייגטער און אַ פרייליכער, איז גאָלדפאַדען געווען דער ליבלינג אין דער משפּחה. באַזונדערס וואָרעם האָבן אים אויפגענומען קעסעלמאַנס קינדער. איינער פון זיי, יוסף, איז געווען אַ גוטער פּיאַניסט. ווי ס'ווערט דערציילט, האָט ער אַ סך מיטגעהאָלפן גאָלדפאַדענען ביים צוקלייבן מעלאָדיעס פאַר זיינע לידער. נאָר אויב די קינדער האָבן שטאַרק ליב געקראָגן גאָלדפאַדענען, האָבן אָבער דער פעטער מיט דער מומען אינגיכן אָנגעהויבן ווערן אומצופרידן. דערצו נאָך איז גאָלדפאַדען געווען אַ מענטש מיט גרויסע השגות און פאָדערונגען פונם לעבן. האָבנדיק דעם פעטער ביי דער זייט, האָט גאָלדפאַדען געקאָנט באמת אַ לעב טאָן פריי און זאָרגלאָז ווי ער האָט ליב געהאַט. פאַר דער צייט וואָס גאָלדפאַדען איז געווען, פלעגט די גאַנצע שטוב גיין כאָדאָראָם. זיין אויסטאַנצן און זיין אויסזינגען האָט גאָר קיין שיער ניט געהאַט. זיין גרעסטער חסרון איז געווען דאָס, וואָס ער איז געווען אַ וויטראָפּאָל. יידל [דער פעטער] האָט מיט אים דערפאַר טאַקע אָפט געהאַט צו טאָן, פאַרוואָס ער טראַכט ניט וועגן אַ תכלית. ווי דער טאָג פלעגט זיין גרויס — פלעגט ער איבערליגן מיט לינעצקין און בערנשטיינען אין סטעפּ און שרייבן לידלעך. די נעכט פלעגט ער אויסזיין וואו אַ טעאַטער. ער האָט זיך געקאָנט פאַרגינען קומען ביינאַכט 2-3 אַ זייגער אויף אַ איזוואָזטשיק און אויפהייבן אַזאַ גערודער, אַז די גאַנצע שטוב איז געגאַנגען כאָדאָראָם".

ביים פעטער מיט דער מומען האָט זיך געשאַפן אַן אומצופרידנקייט. באַזונדערס נאָכדעם ווי ס'האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט פון זייער פּלאַן חתונה צו מאַכן ג. מיט זייער טאָכטער. ג. האָט אַ באַליידיקטער פאַרלאָזט זייער הויז און אָנגעהויבן אָפטער באַזוכן די פאַמיליע פון דעם העבראַאישן דיכטער אליהו מרדכי ווערבעל (אַן אָדעסער אינטעליגענט, וועלכער האָט געשטאַמט פון גאַליציע און האָט זיך געדרוקט אין „המליץ" און „הבוקר אור" און האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג העבראַאישע לידער), מיט וועמענס טאָכטער פאַולינאַ, ער האָט שפּעטער חתונה.

דאָ, ווי אויך אין דער סביבה פון דער אָרטיקער יידישער צייטשריפט „קול מבשר" געפינט ג. דערמוטיקונג אין זיינע ליטעראַרישע נייגונגען.

אין 1869 דרוקט ג. אין אָדעס אַ זאַמלונג: „דיא יודענע, פאַרשיעדענע געדיכטע און טהעאַטער אין פּראָסט יודעשען פון אברהם גאָלדפאַדען (דער מחבר פינעם יודעלע)". אין דאָזיקן ביכל איז פאַראַן ג.'ס ערשטער שריט צו דער דראַמע: — דער דראַמאַטישער עסקיז „צוויי שכנות" און אַ שטייגער-קאָמעדיע „דיא מוהמע סאָסיע". דאָס ביכל האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג, אַז דריי יאָר שפּעטער איז עס אַרויס אין אַ צווייטער אויפלאַגע.

בעת דר. י. שאַצקי האַלט, אַז „די מוהמע סאָסיע" איז אַ פאַריידישונג פון אַ פראַנצויזישן וואָדעוויל, און ב. גאָרין געפינט, אַז די קאָמעדיע איז געשריבן אונטערן איינפלוס פון עטינגערס „סערקעלע", באַמערקט דער רוסיש-יידישער זשורנאַליסט א. יאַמפּאָלסקי, אַז דער גרויסער דערפאָלג אין אָדעס האָט זיך גענומען פון דעם „וואָס די טיפּן פון דערדאָזיקער קאָמעדיע זיינען גענומען

פון אָרטיקן (אָדעסער) יידישן לעבן". געשטיצט אויף עדות, שילדערט י. רימיניק אין זיין „צו דער געשיכטע פון גאָלדפאַדנס „מומע סאָסיע" [אין „שריפטן", קיעוו, 1928, זז. 337-43] די אנטשטייאונג פון דערדאָזיקער קאָמעדיע, וועלכע איז דורך ג. אויסגעאַרבעט געוואָרן אויפן יסוד פון זיינע אייגענע איבערלעבענישן ביי זיין פעטער יידל קעסעלמאַן אין שטוב:




שער־בלאַט פון א. גאָלדפאַדענס „דיא יודענע" (אָדעס 1869). געפינט זיך אין מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק.

„די טיפּן פון דער קאָמעדיע זיינען פערזאָנאָפיצירט פון די בני-בית, אריינגענומען אויך ג. אַלס העלד. צו די ווירקלעכע פּאַסירונגען זיינען צוגעגעבן געוואָרן אַ טייל וואָדעוויל-אַרטיקע פּרטים. דערביי מערקט זיך אויך אַ געוויסע השפּעה פון עטינגערס „סערקעלע"."

בעת ג. איז שפּעטער מיט זיין טרופּע געקומען אין אָדעס, האָט ער דידאָזיקע קאָמעדיע ניט געשפּילט מחמת דעם, וואָס די פּראָטאָטיפּן פון דער קאָמעדיע האָבן זיך געפונען אין שטאָט.

נאָכדעם ווי „דיא מוהמע סאָסיע" איז אַזוי גוט אויפגענומען געוואָרן האָט ג. אָפּגעדרוקט אין „קול מבשר" (נומער 44, 1871): „פּאַליגע [„פּאַלגע" רופט מען אין יענעם געגנט אַ שניידער] שכור, אַ טרינק-ליד פון אַ שניידערל פון מיין וואָדעוויל די וויבאָרעס פון גובערנסקן רב", אַ פראַגמענט פון אַ דראַמאַטישן פּרוב, וועלכן ער האָט קיינמאָל ניט פאַרענדיקט.

די סביבה פון שרייבער (ש. בערנשטיין, אולריך קאַלמוס, ש. טראַכטמאַן) און בפרט זיין עפנטלעכער אַרויסטריט מיט זיינע ווערק פאַר דעם אינטעליגענטן אָדעסער פּובליקום, וואָס האָט זיך געקרוינט מיט דעם גרעסטן דערפאָלג (ווי ג. אַליין דערציילט) האָבן געשטאַרקט אין אים דעם ווילן צום שרייבן. אָבער זיין מאַטעריעלע לאַגע אין אָדעס איז געווען אַ שווערע: 18 רובל אַ חודש פאַר אַ פאַרהייראַטן מאַן איז געווען מער ווי באַשיידן, וואַרפט ער אַוועק לערעריי און ווערט צוערשט אַ קאַסירער אין אַ הוט-מאַגאַזין, שפּעטער אַליין בעל-הבית פון אַ הוט-מאַגאַזין, האַנדעלט אַ געוויסע צייט „גרויס" און — „ער זעצט אָן 80 טויזנט רובל, און ווען ס'פלעגן קומען צו אים בעלי-חובות מאָנען, פלעגט ער זיי זינגען לידלעך, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט. אָט די מדה פון זינגען לידלעך האָט גאָלדפאַדען נאָך געהאַט ווען ער האָט געלערנט אין דער ראַבינער-שולע. ער פלעגט אָפט דאָרט זינגען אייגענע פאַראָדישע לידלעך אויף די לערער. אָבער אָפט פלעגט ער אויך פאַרפאַסן און באַלד זינגען פאַרנאָגראַפישע לידלעך. פאַרשטייט זיך, אַז זיינע בעלי-חובות האָבן זיך מיט די לידלעך נישט באַנוגנט און ווען גאָלדפאַדען האָט געזען, אַז זיי ווערן ערנסטער און דראָענדיקער, האָט ער געמאַכט פּיס פון רוסלאַנד" [יצחק ליבערסקאָ אין זיינע זכרונות אין ז. זילבערצווייגס „הינטערן פאָרהאַנג", ווילנע 1928].

אין 1875 פאָרט ג. קיין מינכען, וואו ער וויל שטודירן אויף דאָקטאָר. אָבער צוליב געוויסע מניעות וואַרפט ער אַוועק זיין ווייטערדיקן שטודיום און פאָרט קיין לעמבערג מיטן געדאַנק זיך צו ווידמען דער ליטעראַטור.

אין לעמבערג באַגעגנט זיך ג. מיט זיין יוגנט-חבר י. י. לינעצקי און ביידע גיבן דאָ אַרויס דאָס וואָכנבלאַט „ישראליק" [דערשינען פון 23 יולי 1875 ביז 2 פעברואַר 1876], וועלכעס צייכנט זיך אויס מיט אַ ראַדיקאַלער שטעלונג צו דער שפּראַכן-פראַגע.

אברהם פישזאָן גיט איבער אין זיינע מעמואַרן, אַז בעת ג. האָט באַזוכט רוסלאַנד כדי צו שאַפן אַבאָנענטן פאַר זיין בלאַט „ישראליק" (אַרויסגעגעבן אין לעמבערג), האָט ער אין זשיטאָמיר זיך געטראָפן מיט ג. בעת זיינע (פישזאָנס) און גראַדנערס „יידישע קאָנצערטן", און דאָ האָט אים ג. געגעבן זיין פעליעטאָן [?] „די מומע סאָסיע", וועלכן פישזאָן האָט באַלד דערויף אויפגעפירט אַלס פּיעסע [אַ סצענע?].

פישזאָן דערציילט: „מיט טרערן אין די אויגן, זאָגט ער [גאָלדפאַדען, נאָכדעם ווי ער האָט געזען די פאָרשטעלונג]: — דאַנקען גאָט וואָס איך האָב דערלעבט צו זען מיינע שטומע ווערטער לעבעדיק. ס'איז ביי מיר דער גרעסטער יום-טוב אין לעבן. זיי וועלן לעבן. איצט ווייס איך שוין, אַז מיינע ווערטער וועלן לעבן. איר האָט אַריינגעבלאָזן אין זיי אַ רוח חיים.

„ער [גאָלדפאַדען] האָט באַקומען אין אַ קאָנווערט 100 רובל האָנאָראַר. דאָס איז געווען דער ערשטער האָנאָראַר. ער איז געווען אַזוי דערפריים, אַז ער האָט אונז [פישזאָן און גראַדנער] באַלד געגעבן נאָך אַ פּיעסע אין 3 אַקטן: „אין דער ראָטע" [„די רעקרוטן"?].

[דערמיט וויל פישזאָן פעסטשטעלן, אַז ער האָט דער ערשטער געשפּילט יידיש טעאַטער נאָך איידער גאָלדפאַדען האָט אָנגעהויבן אין רומעניע. פישזאָן האָט אפילו אַן אַפּיש פון יענער צייט].

ש. ל. ציטראָן דערציילט אין זיין בוך „דריי ליטעראַרישע דורות": „נאָך זיצנדיק אויף דער באַנק פון דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול האָט ער [גאָלדפאַדען] אָנגעשריבן זיין ערשטע קאָמעדיע אין 4 אַקטן „די מומע סאָסיע", וועלכע איז אין ענגען קרייז פון צושויער פאָרגעשטעלט געוואָרן אויף דער בינע דורך אים און זיינע חברים. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז לויט זיין איניציאַטיוו האָט זיך געגרינדעט צווישן די תלמידים פון ראַבינער-שול אַ קליינער קרייזל „ליבהאָבער פון דראַמאַטישער קונסט". דערדאָזיקער קרייזל האָט אַמאָל אויפגעפירט מיט גאָלדפאַדענען אין דער הויפּטראָל דעם דר. שלמה עטינגערס שטיק „סערקעלע". פון דאַמאָלט אָן האָט גאָלדפאַדען אָנגעהויבן חלומען וועגן אַ יידישן טעאַטער".

אין לעמבערג האָט ג. „געהאַט געגוג געלעגנהייט זיך אָנצוקוקן און אָנצוזען מיט די בעסטע דראַמען און אָפּערן, פּוילישע, רוסישע, דייטשע, פון אַלע קלענסטע אָפּערעטן ביז אין די באַרימטסטע ווערדיס, מייערבערס, הלוים און אין ווין האָב איך זאָגאַר געהאַט די געלעגנהייט צו זען אין אָפּערן-טעאַטער אַלע וואַגנערישע שפּילן. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען און הערן די בעסטע אַרטיסטן פון יענער צייט, ניט נאָר ראָסי, סאַלוויני" [אברהם גאָלדפאַדענס „אויטאָביאָגראַפיע"].

1876 טראָגט זיך איבער ג. קיין טשערנאָוויץ (בוקאָווינע), וואו ער גיט ארויס דאָס וואָכנבלאַט „דאָס בוקאָווינער איזראַעליטישע פאָלקס-בלאַט“. [אויף אַן אָנפרעג פון ד. י. זילבערבוש פאַרוואָס ג. איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט לינעצקין, ענטפערט ג.: „אָבער איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, אַז יצחק יואל איז אַ מיוחסל, אַ רבניש קינד, דער זון פון וויניצער רב, און איך אברהמלע גאָלדענפאָדים, בין אַ פשוטער בשר ודם, דאָס קינד פון אַ בעל-מלאכה, דער זון פון חיים ליפאַ דעם זייגער-מאַכער אין אַלט-קאָנסטאַנטין. איך אַליין האָב יונגלווייז ביי מיין טאַטן אויך געלערנט זיין מלאכה“.] אָבער דאָס וואָכנבלאַט עקזיסטירט נאָר אַ פערטל יאָר, מחמת — ווי ג. ווייזט אָן — „די ווייניקע בוקאָווינער יידן האָט דער זשאַרגאָן ווייניק געשמעקט“.

ג.'ס מאַטעריעלע לאַגע אין טשערנאָוויץ איז געווען זייער אַ שווערע. יצחק ליבערסקאָ, וועלכער איז געווען אין יאַסי דער נישט-האָנאָרירטער אַגענט פון ג.'ס וואָכנבלאַט, דערציילט אין זיינע זכרונות: „דורכשניטלעך האָב איך יעדן טאָג געמאַכט איין אַבאָנענט און תיכף דערויף צוגעשיקט דעם גולדן אַבאָנעמענט-געלט. ווי גאָלדפאַדענס פרוי, פאַליע, האָט מיר שפּעטער דערציילט, איז געווען אַ צייט ווען מיט די גולדנס האָב איך זיי ממש אויפגעהאַלטן.

„ווען גאָלדפאַדען האָט געזען וואָס פאַר אַן אַגענט ער האָט אין מיר און אַז יאַס נעמט אַ שיין ביסל עקזעמפּליאַרן פון זיין בלאַט, שרייבט ער מיר איינמאָל בערך אַזאַ בריוול:

אומבאַקאַנטער פריינט ליבערסקאָ!

מיין בלאַט וואָלט זייער גוט אַוועק, נאָר דאָס וואָס יעדעס מאָל מוז איך ענדערן דעם נאָמען, דערהרגעט דאָס געשעפט. ווידער, ארויסגעבן כסדר אונטער איין נאָמען קאָן איך נישט, מחמת כ'האָב נישט קיין 3000 גולדן אויף אריינצוטראָגן קויציע, אָבער אַזוי ווי אין יאַסי איז נישטאָ קיין געזעץ, אַז מען מוז אריינטראָגן 3000 גולדן אויף קויציע, דאָרט קאָן מען פריי ארויסגעבן אַ בלאַט, בעט איך אייך, אַז איר זאָלט מיר שרייבן אויב עס איז נישט גלייך דאָס צו טאָן און אפשר וואָלט איר מיך אַראָפּגעבראַכט קיין יאַסי.“

ליבערסקאָ האָט באַלד אַדויסגעשיקט אויף הוצאות און ג. איז אין הערבסט 1876 געקומען אין יאַסי, וואו ער איז ביי דער באַן אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פאַראַד דורך אַ גרעסערער גרופּע משכילים. באַלד דערויף איז דאָ געגרינדעט געוואָרן אַ פאַריין „חוטי הזהב“ (גאָלדענפאָדים) און ג. איז באַשטימט געוואָרן אַלס ערן-פּרעזידענט. כדי אָבער נישט צו צעברעקלען דעם עקזיסטירנדיקן פאַריין „לבנון“, איז דער ניי געגרינדעטער פאַריין באַלד אַנולירט געוואָרן און ג. איז נאָמינירט געוואָרן אַלס ערן-פּרעזידענט פון פאַריין „לבנון“.

נאָכן זיצן 2 וואָכן ביי ליבערסקאָן איז ג. מסכים, פאַרן האָנאָראַר פון 100 פראַנק, פאַרצולייענען זיינע ווערק אין שמעון מאַרקס גערטנדל אין וועלכן צוויי בראָדערזינגער, ישראל גראַדנער און משה פינקעל, פלעגן זינגען פאַרשיידענע לידער, דערונטער אויך ג.'ס.

ג. שילדערט אַזוי זיין אויפטריט: „שמעון מאַרק האָט זיך אָבער אויך נישט גענאַרט, ער האָט געמאַכט אַ גוט געשעפט. ער האָט די נאַכט געשטעלט אַ גרויסן „אַנטרע“ און זיין גאָרטן איז געווען פול, איבערפול, אָנגעשטאָפּט מיט... זעט איר, מיט וואָס, קאָן איך אייך שוין נישט זאָגן — צי מיט מענטשן, צי מיט חיות, צי מיט בהמות, ווייל קוים בין איך דערשינען אויף דער בינע און האָב אָנגעפאַנגען צו דעקלאַמירן מיין באַקאַנטע פּאָעמע „דאָס פּינטעלע ייד“, האָט אין גאָרטן געהערשט אַ טיפע טויט-שטילקייט. וואַרשיינלעך, טראַכט איך מיר, ווייל אנשטאָט אַ לידל-זינגער מיט שיך און זאָקן, האָבן זיי פּלוצלינג געזען שטיין פאַר זיך עפּעס אַן עלעגאַנטן „פּריץ“ אין אַ פראַק, און מיין ערנסטע מינע האָט זיי וואַרשיינלעך איינגעפלעסט אַ מין רעספּעקט און זיי האַלטן איין דעם אָטעם זיך אויפמערקזאַם צו-צוהערן צו די ווערטער. איך האָב דעקלאַמירט הויך, אָנגענעם, מיט עקסטאַז. איך ענדיק דאָס געדיכט, דער עולם שווייגט. איך פאַרנייג זיך, מען שווייגט. איך גיי אַוועק, מען שווייגט!

„נאָ! — האָב איך געקלערט, — אפשר איז דעם פּובליקום שווער צו באַגרייפן, אָדער אפשר האָט ער קיין לוסט נישט צו ערנסטע פּאַטריאָטישע געדיכטע. איך וועל ארויסגיין דעקלאַמירן איינס פון מיינע געלונגענסטע הומאָריסטיש-סאַטירישע געדיכטע „דער מלאך“. איך זאָג אָפּ די ערשטע אָפּטיילונג „די יונגע נשמה“, — מען שווייגט. איך זאָג אָפּ „די אַלטע נשמה“, — מען שווייגט ווייטער. דאָס שווייגן וואָלט שוין גוט געווען, איך נייג מיך און גיי אַוועק... — ברידער! מען פייפט!“

ליבערסקאָ אין זיינע זכרונות שילדערט ג.'ס ארויסטריט אַביסל אַנדערש: „דער אָוונט ווען גאָלדפאַדען איז אויפגעטראָטן, איז דער גאָרטן טאַקע געווען פול, אָבער גאָלדפאַדען האָט געהאַט אַ גרויסן מאָראַלישן דורכפאַל. גאָלדפאַדען אַליין האָט וועגן זיין דורכפאַל געשריבן, אָבער נישט דערציילט די ריכטיקע סבה פון דורכפאַל. באמת איז עס געקומען צוליב גאָלדפאַדענס שולד. ער האָט נישט געהאַט קיין קול צו זינגען פאַר אַ פּובליקום, און ער האָט זיך געשטעלט זינגען זיינע אייגענע לידער, וועלכע גראַדנער פלעגט פריער פאַרן זעלבן עולם זינגען מיט חן און אַ גוטן טעם. דער עולם איז געווען דעריבער זייער בייז. ערשטנס, וואָס זיי האָבן געצאָלט טייערע פּרייזן פאַר די בילעטן. דאָס האָט שמעון מאַרק געמאַכט, כדי זיך אָפּצונעמען די 100 פראַנק, וועלכע ער האָט געגעבן גאָלדפאַדענען עקסטרע, והשנית, האָט דער עולם געקוקט אויף גאָלדפאַדענען, ווי אויף איינעם, וואָס שפּעט אָפּ פון אים, דעם עולם; און דעריבער איז ביי אַ טייל דער כעס געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן אים געוואָלט שלאָגן. גראַדנער מיט מיר האָבן קוים אָפּגעראַטעוועט גאָלדפאַדענען פון קלעפּ און איך האָב אים ארויפגעזעצט אויף אַ דראָשקע און אָפּגעפירט צו זיך אַהיים.“

איצט האָט ג. באַשלאָסן ענערגיש צוצוטרעטן ארויסצוגעבן זיין בלאַט. אָבער נאָך איידער ער איז ארויס אין גאַס זאַמלען אַבאָנענטן, האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט דער פּלאַן פון גרינדן אַ יידיש טעאַטער.

ליבערסקאָ דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות: „גאָלדפאַדען איז שוין געשטאַנען אָנגעטאָן אין צילינדער און גענומען דעם שטעקן אין האַנט ארויסצוגיין אין גאַס אריין, רופט זיך פּלוצלינג אָן מיין פרוי צו אים:

— מאָסיע גאָלדפאַדען, אין בוקאַרעסט איז שוין פאַראַן אַ בלאַט „היועץ“. שטאַרבט דער רעדאַקטאָר זיבן מאָל אין טאָג פון הונגער. וואָס וועט איר אויפטאָן? איר וועט אויך ארויסגעבן אַ בלאַט, וועט איר ביידע שטאַרבן פון הונגער. איר פאָלגט מיך בעסער, האַקט אָפּ פון דעם משוגעת. יידן פעלט אַ טעאַטער, נעמט זיך בעסער דערצו. איך האָב געלעזן פון אייך „די מומע סאָסיע“ אין 4 אַקטן, — עס איז אַקוראַט ווי צום שפּילן, נאָר איר האָט עס געמאַכט בלויז צום לייענען, קאָנט איר עס דאָך מאַכן טאַקע צום שפּילן. איך מיין אַ יידיש טעאַטער, אַקוראַט ווי ביי גויים, נישט אַזוי ווי גראַדנער און פינקעל מאַכן. —

„ווען מיין ווייב האָט געענדיקט ריידן, האָט גאָלדפאַדען אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן, אויסגעטאָן דעם הוט און געזאָגט צו מיר:

— איר ווייסט, ליבערסקאָ, אייער ווייב האָט מיר געגעבן אַן אידעע. מ'וועט שאַרן „נאַפּאָלעאָנס“ מיט לאָפּאַטעס. —

„מיר האָבן געשיקט רופן גראַדנערן און אים דערציילט דעם פּלאַן וועגן שפּילן טעאַטער. גראַדנער האָט מסכים געווען און געזאָגט,

אַז רומענישע אַקטיאָרן, וואָס פּלעגן אים קומען הערן, האָבן אים אָפּט געקושט און געבעטן, אַז ער זאָל מאַכן אַ טעאַטער ווי ביי לייטן, נאָר ער האָט דאָס נישט געטאָן, וואָרום ער האָט ניט געהאַט וואָס צו שפּילן.

„גראַדנער האָט באַלד געבראַכט אַ גאַנצע חברה. ווער זיי זיינען געווען, געדענק איך ניט. גראַדנער אַליין האָט זיך אָפּגעגאָלט די וואָנסעס. עס איז אויך אונטערגעקומען אַ שיין ייִנגל, שכר גאָלדשטיין, אויב פּינקעל איז אויך געווען, געדענק איך ניט. אָבער ער איז זיכער אויך געווען פון די ערשטע. ער האָט געשפּילט צוזאַמען מיט גראַדנערן אין מאַרקס גאָרטן, נאָר, דאַכט זיך, אַז שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָרן און פּינקעל איז ניט געווען ביי דער גרינדונג פון יידישן טעאַטער.

„גאָלדפאַדען אַליין האָט זיך באַלד באַגייסטערט פון דעם נייעם פּלאַן. ער האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן צוליב וואָס ער איז איינגנטלעך געקומען קיין יאַס, און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי מיר אין שטוב שרייבן אַ טעאַטער-שטיק. ער האָט שוין דאַמאָלט געהאַט פאַרטיק איניקע לידער פון דער שפּעטערדיקער פּיעסע „די באָבע מיטן איניקל“ און ער האָט געמאַכט פון די לידער אַ גאַנץ טעאַטער-שטיק.“

דאָסדאָזיקע שטיק איז טאַקע באַלד איינשטודירט געוואָרן ביי ליברעסקאָן אין שטוב. דער קלעזמער, וועלכער האָט איינשטודירט די מוזיק, האָט געהייסן וועלוול דער גרויסער.

ג. אַליין שילדערט אַנדערש די אַנטשטייאונג פון יידישן טעאַטער:

„אין יענער צייט האָט זיך דאָס יאַסער יידישע פּובליקום אונטערהאַלטן מיט די לידער-זינגער, וועלכע פּלעגן אין געוויסע סאַלאָנען פאָרטראָגן יידישע לידער, און אַזוי ווי די זינגער פּלעגן פילע פון מיינע לידער אויך זינגען, האָט מיך די נייגירדע געטריבן צו זען וואָס פאַר אַ פּנים די לידער האָבן ביי יענעם אין מויל. און זיצנדיק איינמאָל אין אַזאַ סאַלאָן, איז מיר דאָס ערשטע מאָל געקומען אויף מיין מחשבה די אייגענע לידער צו פאַרבינדן מיט פּראָזאַ און מיט אַ קליינעם אינהאַלט אַלס טעאַטער-שטיק פאַר דעם פּובליקום פאָרצושטעלן.

„...איך האָב שוין פאַרגעסן, אַז דער צוועק פון מיין קומען דאָ אַהער, איז גאָר צו גרינדן אַ יידישע צייטונג, און מיינע געדאַנקען און געפילן זיינען גאָר געווען באַשעפטיקט מיט איין וואונש: אַז איך זאָל זיין אימשטאַנד און האָבן די מעגלעכקייט צו רעאַליזירן מיין חלום.

„...מיין פּלאַן איז פאַרטיק געוואָרן און אום חול-המועד סוכות האָב איך געלייגט דעם גרונדשטיין פון „יידישן טעאַטער“.“

ג. האָט זיך איבערגערעדט וועגן דעם מיט גראַדנערן. און הגם גראַדנער — ווי ער האָט דערקלערט, — „מיט נאָך אַנדערע לידער-זינגער האָבן שוין געפּרובט צונויפשטעלן אַזאַ מין זאַך ווי צ״ב „דער טאַבאַק-מאַכער“, „דאָס אַדעסער ווייבל“, „דער רעקרוט“, אָבער ס׳האָט דעם עולם זייער ווייניק באַגייסטערט“, איז אים דער פּלאַן געפעלן געוואָרן און גאָלדפאַדען איז צוגעטראָטן „שרייבן“ אַ טעאַטער-שטיק.

וועגן דעם דערציילט ג. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער“ פון שלום פּערלמוטער אין פילאַדעלפיער „די אידישע וועלט“: „איך האָב באַלד מיט גראַדנערן איבערגערעדט וועגן דער אידעע פון אַ צוויי-אַקטיקעס שטיק. איך דריק מיך אויס „איבערגערעדט“, נישט אָנגעשריבן, ווייל שרייבן אַ שטיק, אָדער אַ ראָלע, איז נישט געווען וואָס און פאַר וועמען. אַבי מען האָט אויסווייניק געוואוסט די אידעע, האָט מען שוין געקאָנט קנאַקן דערנאָך וואָס עס איז געקומען אין מויל אַריין פאַר אַ ווערטער—אַבי דאָס וויכטיק-





סטע, דער קרן איז נאָר געווען. און דאָס האָט געמיינט — דאָס פאַרטיקע לידל מיטן טאַנץ. איך האָב גראַדנערן פאַרגעלייגט, אַז אום צו ריידן עפּעס פּראָזאַ אויף דער בינע, מוז מען האָבן מיט וועמען צו ריידן; צו זיך אַליין קאָן מען דאָך ניט ריידן. עס דאַרפן זיין כאָטש נאָך אַ פּאָר מענטשן אַ חוץ אים. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַ חבר, וועלכער העלפט אים אַרויס פון צייט צו צייט. ער איז אַ בעל-מלאכה, אָבער ער דענקט, אַז ער האָט אַביסל טאַלאַנט. ער איז אַוועק און מיר געבראַכט אַ ייִנגל מיטן נאָמען שכר גאָלדשטיין. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט דאָס ייִנגל אַוועקגערופן פון דער אַרבעט (ער האָט געאַרבעט ביי אַ זאָטלמאַכער). איך האָב דעם יונג באַטראַכט און האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז לויט זיין יונג פּניםל, וואָלט ער געקאָנט טויגן צו פרויען-ראָלן. און צוזאַמען מיט שכר גאָלדשטיין, האָט ער מיר אויך געבראַכט נאָך אַ גאַסן-יונגל, אָן אַ נאָמען. איך האָב באַלד אַוועקגעזעצט גראַדנערן און גאָלדשטיינען נעבן מיר, זיי אָנגעשריבן עטלעכע ערנסטע און קאָמישע לידלעך, וואָס זיי האָבן זיי טאַקע באַלד איינשטודירט און איך האָב זיי אָנגעזאָגט וואָס זיי האָבן צו טאָן און וואָס זיי האָבן צו ריידן. וועלן זיי נישט געדענקען אַקוראַט, מעגן זיי צולייגן זייערע ווערטער — וואָס ס׳וועט זיי קומען אין מויל אַריין. זיי דאַרפן נאָר וויסן ווען זיך צו קושן, ווען זיך צו שלאָגן און ווען זיך איבערצובעטן און טאַנצן. מיר האָבן באַלד, שוין טאַקע אין שטוב, געמאַכט פּראָבע, און ס׳איז אַרויס, צו מיינע צרות, אַ צוויי-אַקטיקעס שטיק. אַ שטיק... איך ווייס אַליין נישט וואָס! אַ מין דולעניש, אָן אומזין, אַ קאַלאַטוכע, אַז איך געדענק אפילו ניט וואָס פאַר אַ נאָמען דאָס האָט געהאַט.“

דאָס „שטיק“ האָט מען געשפּילט 2 טעג [בערך 5-8 אָקטאָבער 1876]. דער עולם האָט אָנגעקוואָלן, אָבער די „פּיעסע“ איז באַלד באַגראָבן געוואָרן אין אַרכיוו.

דער סוזשעט פון „שטיק“ איז געדרוקט אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע.

די צווייטע „פּיעסע“, וועלכע האָט אויך געזאָלט געשפּילט ווערן פון גראַדנער און גאָלדשטיין, האָט ג. צונויפגעשטעלט פון זיינע צוויי לידער „די חסידה“ און „שלאָף מיין קינד“. אָבער אַזוי ווי ס׳איז שוין געווען נאָך סוכות און אין שמעון מאַרקס גאָרטן האָט מען מער ניט געקאָנט שפּילן, [דעם זאַל פון אַ געוויסן זעליג ריישער האָט מען ניט געקאָנט באַקומען, ווייל ריישער האָט זיך אָפּגעזאָגט אים „צו לאָזן באַשמוצן מיט יידישע זינגער“], דעריבער איז געבליבן, אַז ג. מיט די אַקטיאָרן פאָרן קיין באָטושאַן, אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון דער געזעלשאַפט „לבנון“, וועלכע האָט דאָרט געהאַט אירע אַן אָפּטיילונג. צוזאַמען מיט ג. זיינען געפאָרן גראַדנער, גאָלדשטיין, אהרן ראָזענבלום, אַ געוויסער איינבינדער שוואַרץ און נאָך איניקע, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז באַלד דערויף אַוועק פון יידישן טעאַטער.

אין באָטושאַן, וואו עס האָט דעמאָלט געלעבט אַ גרויסע צאָל גאַליציאַנער אידן, וועלכע האָבן שוין פריער דאָרט באַזוכט די בראָדערזינגער, האָט ג. געדונגען אַ גרוים טעאַטער צום שפּילן, אָבער באַלד רוקט זיך אונטער די רומענישע רעקרוטירונג פאַר סאָלדאַטן, און ג. מיט זיינע אַקטיאָרן מוזן זיך באַהאַלטן אויף אַ בוידעם, וואו זיי נעמען זיך צוגרייטן רעפּערטואַר אויף נאָך „דער רעקרוטירונג-בהלה“. דאָ האָט ג. דערציילט זיינע אַקטיאָרן דעם סוזשעט פון „די קאַץ און דער ברונעם“ (גענומען פון זיין שווערווערבעלס דערציילונג „עדים נאמים“, וואָס האָט שפּעטער אויך געדינט אַלס יסוד פאַר ג.׳ס אָפּערעטע „שולמית“), אָבער ער האָט באַלד איינגעזען, אַז זיין טרופּע קאָן אַזאַ פּיעסע נאָך ניט אויפירן. ג. לייענט נאָך פאַר זיי זיין קאָמעדיע „די מומע סאָסיע“,

אָבער אַזוי ווי די קאָמעדיע פֿאָדערט אַ פּערסאָנאַל פֿון 4 פֿרויען און 12 מענער, מוז מען אויך פֿון דעם פֿאָרלויפֿיק זיך אָפּזאָגן.

ג. באַשליסט איצט אָנצושרייבן אַ סאָלאָ-שפּיל וועגן אַ רעקרוט. „אין דער ראָלע — שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע — קאָן אַ טיכטיקער קאָמיקער באַווייזן זיין טאַלאַנט איינער אַליין און עס זאָל דויערן פֿאַסט אַ שטונדע, ווערנד ער מאַכט נאָך די אומגעלומפּענהייט [אומגעלומפּערטקייט] פֿון אַ רויען, ווילדן בויער, ווערנד מען פֿאַנגט אים אָן צו לערנען די אָנפֿאַנג-רעגולן פֿון דער דיסציפּלין". גראַדנער האָט אים תיכף דערקלערט, אַז ער קען אַזאַ טיפּ און האָט באַלד פֿאַר אים „פֿאָרגעשטעלט" אַ קאָמישן טיפּ פֿון אַ יידישן רעקרוט [ווי ג. גיט אָן, איז דאָס געווען וועלוועל זבאַרזשערס אַ שיין הומאָריסטיש ליד „דער יידישער סאָלדאַט", אין וועלכן דער יידישער סאָלדאַט רעכנט אויס זיין יחוס און קלאָגט זיך, אַז אַזאַ כשר קינד פֿון אַזאַ משפּחה, דאַרף זיין אַ סאָלדאַט. גראַדנער (ווי די אַנדערע בראָדערזינגער) פֿלעגט עס זינגען, פֿאַרקליידט אַלס סאָלדאַט מיטן נאָמען „חיים שעיה קאָטער"].

אָט דאָס ליד פֿון זבאַרזשער האָט געפֿירט ג.'ן צו דער אידעע צו מאַכן אַ דריי-אַקטיקע אָפּערעטע מיטן נאָמען „די רעקרוטן", אין וועלכער ס'פֿיגורירן אויך אַ פֿרוי און איייניקע נעבן-ראָליסטן. צו דער אָפּערעטע האָט ג. גענוצט אויך איייניקע פֿון זיינע פֿריער פֿאַרפֿאַסטע לידער (ווי „דאָס חסידישע מיליטער" אָדער „רבונו של עולם, הורא !", „פֿונם יידישן טשאַסאָוואָי" [וועכטער], „חטא אידיאַט" א. א.).

אין משך פֿון די איייניקע וואָכן, בעת וועלכע ג. מיט זיין טרופּע האָבן אין באָטושאַן איבערגעוואַרט די בהלה, האָט ג. אָנגעשריבן לידער פֿאַר דער אָפּערעטע, אַ מאָנאָלאָג אין 2טן אַקט פֿאַרן הויפּטהעלד און דאָס איבריקע האָט ער די אַנטיילנעמער ד ע ר צ י י ל ט.

נאָך דער רעקרוטירונג זיינען „די רעקרוטן" אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין אַ טעאַטער.

ג. שילדערט דידאָזיקע פֿאָרשטעלונג אַזוי : „דאָס טעאַטער איז געווען פֿול. איך אַליין בין געשטאַנען, אַמאָל הינטער די קוליסן, אַמאָל האָב איך מיך אַריינגעכאַפּט אין סופֿליר-שטיבל און האָב סופֿלירט אַלץ אויסווייניק. דער עולם האָט אַפּלאָדירט. איבערהויפּט דעם לעצטן טאַנץ. דאָס טעאַטער — האָב איך געזאָגט — איז געווען פֿול, אָבער געלט איז געווען זייער ווייניק. נאָך אַלע חשבונות און רעכנונגען זיינען מיר אונזער ווירט נאָך שולדיק געבליבן עטלעכע הונדערט פֿראַנק. אין טעאַטער האָט מען מער ניט געקאָנט שפּילן, ווייל עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַזוינע שרעקלעכע רעגנס און בלאָטעס, אַז צום טעאַטער איז ניט געווען מעגלעך צוצוקומען. איך האָב געמוזט איבערלאָזן אין דער אכסניה פֿאַר אַ משכון מיין טרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען, מישטיינס געזאָגט, פֿון די בידנע צוויי (אויב איך מעג זיי אָנרופֿן אַקטיאָרן), גראַדנער און גאָלדשטיין, און איך בין אַריינגעפֿאָרן קיין גאַלאַץ צו דינגען אַ לאָקאַל און באָרגען געלט צו באַציען אַהין מיין טרופּע."

„די רעקרוטן" זיינען אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע קיינמאָל ניט דערשינען ; פֿראַגמענטן פֿון זיי און דער סוזשעט זיינען געדרוקט אין ג.'ס אויטאָביאָגראַפֿיע און איבערגעדרוקט אין ב. גאָרינס „געשיכטע פֿון אידישען טעאַטער" (I, זז. 8-174).

אַ יאָר שפּעטער, ווען צו דער טרופּע איז צוגעקומען דער אַקטיאָר יעקב ספּיוואַקאָווסקי, וועלכער האָט אין „די רעקרוטען" געשפּילט די ראָל „צדוק", האָט ג. פֿאַר אים ספּעציעל צוגעשריבן אַ דעקלאַמאַציע, פּאַראָדירט לויט שילערס „די יונגפֿרוי פֿון אָרלעאַנס".

וועגן דער ערשטער יידישער פֿאָרשטעלונג אין באָטושאַן, געפֿינען מיר אין ליבערסקאָס זכרונות : „עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָב איך באַקומען פֿון גאָלדפֿאַדען אַ בריוו, אַז „זיי זיינען אומגליקלעך". אמת, אַז בינו לבינו איז אויסגעבראָכן אין לאַנד אַ גרויסע מהומה צוליב דער רוסיש-טערקישער מלחמה, אָבער איך מיין, אַז דער דורכפֿאַל אין באָטושאַן איז נישט געווען צוליב דעם, נאָר ווייל דאָס פּובליקום איז געווען אומצופֿרידן פֿון דער טרופּע. גאָלדפֿאַדען האָט מיך אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן מיט בריוו, וואָס ער זאָל טאָן. ער האָט געבעטן נאָר אַן עצה, ווארום געלט, האָט ער געוואוסט, קאָן ער נישט באַקומען. איך האָב באַלד דערויף געמאַכט אַ זיצונג פֿון דער יאַסער צענטראַלע פֿון „לבנון" און מיר האָבן אַוועקגעשריבן צו אונזער פֿאַריין אין גאַלאַץ, אַז אַזוי ווי גאָלדפֿאַדען, אַ זייער באַגאַבטער מענטש, איז אין באַטושאַן אויף גרויסע צרות, וואָלט געווען זייער גלייך, אַז ער זאָל קומען קיין גאַלאַץ דאָרט שפּילן, און מיר בעטן, אַז מען זאָל אים דאָרט אונטערשטיצן. מ'האָט אויך אַרויסגעשיקט גאָלדפֿאַדענען מיט דער טרופּע איייניקע הונדערט פֿראַנק אויף הוצאות און די גאַנצע טרופּע איז געקומען קיין גאַלאַץ."

ג. איז זייער וואַרעם אויפֿגענומען געוואָרן פֿון פֿאַריין „לבנון" דורך וועמעס הילף עס ווערט אין „האָטעל צוקער" אויפֿגעבויט אַ פּראָוויזאָרישע בינע מיט דעקאָראַציעס, געמאָלט פֿון 60-יאָריקן משה באַס און פֿון ג.

דאָ האָט ג. זיך אויך באַקענט מיט זיין שפּעטערדיקן אַקטיאָר מאַקס קאַרפּ.

נאָכדעם ווי „די רעקרוטן" זיינען דאָ געשפּילט געוואָרן [בערך פּורים 1877] 8-10 מאָל מיט אַ גרויסן דערפֿאָלג, האָט ג. צוגעטראַכט אַ וואָדעוויל אין 1 אַקטן מיט געזאַנג „דאָס בינטל האָלץ", וואָס איז געשפּילט געוואָרן דורך גראַדנער און גאָלדשטיין.

דער סוזשעט פֿון דעם וואָדעוויל (וועלכער איז קיינמאָל ניט אַרויס אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע) געפֿינט זיך אין ג.'ס אויטאָביאָגראַפֿיע און אַ פֿולער מאַנוסקריפּט ביי ש. פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

כדי צו האָבן די מעגלעכקייט אויפֿצופֿירן גרעסערע פּיעסן, האָט ג. גענומען זוכן אַ פֿרוי, וועלכע זאָל מסכים זיין צו ווערן אַ יידישע אַקטריסע. ענדלעך האָט ער באַקומען אַ מיידל פֿון 16 יאָר („שרה האָט זי געהייסן. דעם פֿאַמיליען-נאָמען האָב איך פֿאַרגעסן") [גאָלדפֿאַדען — אויטאָביאָגראַפֿיע. עס האַנדלט זיך וועגן שרה סיגאַל, שפּעטער סאָפֿיע גאָלדשטיין-קאַרפּ]. אַזוי ווי איר מוטער האָט מורא געהאַט זי צו לאָזן פֿאָרן אַליין מיט מענער, האָט מען געשלאָסן אַ שדוך צווישן איר און דעם אַקטיאָר שכר גאָלדשטיין.

ג. באַשליסט איצט אָנצושרייבן אַ דראַמע. „איר קאָנט אייך גאָרנישט פֿאָרשטעלן, ליבע לעזער — שרייבט ג. אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע — ווי איך האָב מיך דאַמאָלט מחיה געווען מיט — ניט מיט דער מויד, נאָר מיט דער אידעע פֿון דעם נייעם שטיק, וואָס איז מיר איינגעפֿאַלן צו שרייבן. איך האָב מיך געוואָלט פּאַקטיש אָן דעם פּובליקום נוקם זיין זיך מיט דעם שטיק, ווייל איך בין שרעקלעך געווען אין כעס אויפֿן עולם, וואָס ער צווינגט מיך מיט גוואַלד, איך זאָל מאַכן אַ באַלאַגאַן פֿון מיין בינע. ניין, ברידער ! אַז איך האָב יאָ אין מיינע הענט באַקומען אַ בינע, זאָל זי זיין אַ שולע פֿאַר אייך. איר, וואָס האָט קיין צייט געהאַט אין אייער יוגנט צו לערנען, צו בילדן זיך, זאָלט איר קומען צו מיר און זען ווי איך מאָל אייך אָפּ געטרייע בילדער פֿון לעבן, איר זאָלט אייך אַליין אַרויסזען ווי אין אַ שפּיגל מיט גוטע און שלעכטע זיטן, און איר זאָלט אייך נעמען אַ מוסר און אַליין אויסבעסערן אייערע פֿעלער, וואָס איר מאַכט צווישן זיך אין פֿאַמיליען-לעבן, סיי צווישן

זיך „יידן“ און סיי צווישן זיך און די „קריסטן“, וואָס איר וואוינט שטענדיק מיט זיי אין איינעם. ווען איר האָט געשמאַק געלאַכט און איר האָט אייך אונטערהאַלטן פון מיינע קאָמישע וויצן, האָט מיר דאַמאָלט דאָס האַרץ געוויינט אויף אייך קוקנדיק. יעצט, ברידער, נאַט אייך אַ דראַמע, אַ טראַגעדיע פונם לעבן, וויינט איר און מיין האַרץ וועט זיך דאַמאָלט פרייען.“

צוליב דעם וואָס די אַקטריסע האָט נאָך ניט געהאַט קיין שום בינע-דערפאַרונג, האָט ג. פאַר איר אָנגעשריבן אַ קליינע ראָל, מער צו „דערשיינען אויף דער בינע“ ווי אויף צו שפּילן. די נייע פּיעסע האָט ג. שוין פּאַקטיש אָנגעשריבן און איר אַ נאָמען געגעבן „די אינטריגע“ אָדער „דוואָסי די ספּלעטניצע“ [פּליאַטקע-מאַכערין].

פון דער דראַמע, וועלכע איז שפּעטער פון ג. באַאַרבעט געוואָרן אַלס קאָמעדיע און איז אויך קיינמאָל ניט דערשינען אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע, איז אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע פאַראַן בלויז דער סוזשעט.

דאָס „פּערסאָנאַל“ לייענט זיך דאָרט אַזוי:

## „די אינטריגע אָדער דוואָסי די פּליאָטקע-מאַכערין

רעאַליסטישע דראַמע אין 5 אַקטען פון א. גאָלדפאַדען

פּערזאָנען:

יאָזעף, אַ יונגער מאַן פון אַ יאָר 32............גראַדנער (דער ליטוואַק)

רחל׳ע, זיין פרוי, אַ יונג ווייבל פון 22 יאָר..........דאָס מיידל [סאָפיע גאָלדשטיין-קאַרפּ]

הערשעלע, זייער קינד פון אַ יאָר אַכט...............מיר וועלן זען [ד. ה. מ׳וועט שוין אָפּזוכן אַ קינד]

גוטמאַן, יאָזעפס יוגנט-פריינט...............אַ גאַסן-יינגל [געמיינט אַ סטאַטיסט]

דוואָסי, זייער שכנה, אַ יידענע פון אַ יאָר 35...............גאָלדשטיין

חיים, רחלעס ברודער, אַ ייד פון אַ יאָר 40...............אַ גאַסן-יינגל [געמיינט אַ סטאַטיסט]“

אין דערדאָזיקער פּיעסע האָט ג. אַריינגעשטעלט פאַר זיין אַקטריסע צוויי לייכטע נומערן געזאַנג: „אַ קוש-דועט“ און „אַ ליד“ ווי אויך אַן איבערזעצונג פון דעם דאַמאָלט פּאָפּולערן קופּלעט „מאַדאַם אנגאָ“ פון לעקאָקס אָפּערעטע „די טאָכטער פון גהינום“.

ווי ג. גיט איבער, איז דאָס פּובליקום אין אַלגעמיין געווען צופרידן פון דער פאָרשטעלונג.

„גאַלאַץ, קאָן איך זאָגן, — שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, — איז די ערשטע שטאָט אויף אונזער רייזע, פון וועלכער מיר זיינען אַרויסגעפאָרן בשלום. דאָס הייסט: אויסער אַלע שפּעזן, וואָס מיר האָבן געהאַט אין פאַרלויף פון דעם מאָנאַט, בעלי-חובות באַצאָלט, געמאַכט די בינע און די גרויסע סומע, וואָס די ערשטע פּרימאַדאָנע, די כלה, האָט אונז געקאָסט, האָבן מיר נאָך יעדער במזומן אַ פּאָר פראַנק אין קעשענע; ווייל די קאַסע און קאָנטראָל זיינען איינגעשטאַנען אין די הענט פון אונזערע בראַווע פאַראיינס-ברידער „לבנון“, וועלכע האָבן געזען צו מאַכן די גרעסטע עקאָנאָמיע כדי עס זאָל אונז עפּעס בלייבן.“

ענלעך איז אויך ליברעסקאָס באַריכט וועגן דעם שפּילן אין גאַלאַץ: „דאָ האָט זי [די טרופּע] געשפּילט אין אַ גרויס טעאַטער און געהאַט דערפאָלג. די רומענישע פּרעסע האָט זייער געלויבט די פאָרשטעלונגען. די קריסטלעכע אַקטיאָרן פון רומענישן טעאַטער האָבן זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן אין דער פּרעסע.“

אָבער אַזוי ווי די טרופּע איז דאָרט שוין לאַנג געשטאַנען, איז מען פון גאַלאַץ געפאָרן קיין בראַאילאַ. (אָן דער אַקטריסע שרה, וועלכע איר ברודער האָט ניט געלאָזט מיטפאָרן צוליב געוויסע פאַרמאַליטעטן). דאָ האָט מען אין דער ביר-האַלע פון „האָטעל וויבעל“ געמאַכט אַ קליינע, פּראָוויזאָרישע בינע און אויפגעפירט „די רעקרוטן“, וועלכע האָבן אין אָנהייב אויסגענומען, אָבער נאָך אין זעלבן אָוונט איז געקומען צו אַ געשלעג צווישן פּובליקום צוליב אַ דעבאַטע וועגן דער טענדענץ פון דער קאָמעדיע, און דער אורטייל איז געווען, אַז די טרופּע שפּאָט אָפּ פון יידישן רעקרוט און דעריבער טאָר מען מער די קאָמעדיע ניט שפּילן. ג. האָט דערפאַר באַשלאָסן איינצואָרדנען אַן אָוונט מיט אַ פּראָגראַם אין 3 טיילן:

„1) אברהם גאָלדפאַדען וועט פּערזענלעך האַלטן אַ וויכטיקע רעדע צום פּובליקום.

2) אַ דיווערטיזמענט פון פאַרשיידענע פּאַטריאָטישע לידער.

3) צום שלום, אַ נייע אינטערעסאַנטע קאָמעדיע אין צוויי אַקטן מיט געזאַנג „די באָבע מיטן איניקל“.“

דעם סוזשעט פאַר דער נייער קאָמעדיע האָט ג. גענומען פון אַ פּאָפּולער רוסיש ליד, אין וועלכן אַ יונג רוסיש מיידל גיסט אויס פאַר איר געטרייער ניאַניע די געפילן פון איר געהיימער ליבע. ג. האָט דערפון געמאַכט אַ „פּאַראָדיע“ אין יידיש, מיט דער זעלבער מעלאָדיע, נאָר אַנשטאָט צו דער „ניאַניע“ האָט עס דאָ דאָס יידישע מיידל געזונגען צו איר אַלטער באָבען. אין דער יידישער באַאַרבעטונג האָט ג. די האַנדלונג פאַרטיילט צווישן 3 פּערזאָנען: „די באָבע“ (אַ ראָל פאַר גראַדנער), „דאָס איניקל“ (גאָלדשטיין) און „דער ליבהאָבער“ (ישראל ווייגבלאַט, וועלכער איז דערווייל צוגעקומען צו דער טרופּע), האָט צוגעשריבן אַביסל „פּראָזע“, בעת דאָס ליד פון יידישן „איניקל“ צו דער „באָבע“ ווערט געזונגען מיט דער אָריגינעלער רוסישער מעלאָדיע. די קאָמעדיע איז באַלד אויפגעפירט געוואָרן און האָט זייער אויסגענומען. שפּעטער איז די קאָמעדיע דורך ג. באַאַרבעט געוואָרן אַלס מעלאָדראַמע אין 3 אַקטן און האָט באַקומען אַ דאָפּלטן נאָמען „דיא באָבע מיטין איינעקיל“ אָדער „באָנציע דיא קנייטלעכלייגערין“, און איז זייט 1879 דערשינען אייניקע מאָל אין דרוק.

נאָכן אויפהאַלטן זיך 2 וואָכן אין בראַאילאַ, איז די טרופּע ווידער אַריין אין חובות. ג. לאָזט איבער די טרופּע אין האָטעל און פאָרט אָפּ קיין בוקאַרעסט, כדי צו שאַפן מיטלען אַהינצוברענגען די טרופּע.

לויט ליברעסקאָ איז אַ געוויסער לאַזאַר, אַן אייגנטימער פון אַ קאַפע-הויז אין בוקאַרעסט, ספּעציעל געפאָרן קיין בראַאילאַ און אויף זיינע הוצאות געבראַכט ג. מיט דער טרופּע קיין בוקאַרעסט.

ג. דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז ער האָט געשפּילט [נאָך פּסח 1877] אין בוקאַרעסט אויף אַ רעגולערער בינע ביי לאַזאַר קאַפּעדשוי אין סאַלאָן אויף סטראַדאַ קאַלעיאַ וואַקאַרעשט.

לויט אַן אַנאָנס אין בוקאַרעסטער „דער יודישער טעלעגראַף“ אין אַפּריל 1877 איז „גאָלדפאַדען פאַרבליבן אין בוקאַרעסט אויף 12 פאָרשטעלונגען מיט זיין באַרימטער טרופּע“.

ב. גאָרין גיט אָן, אַז „גאָלדפאַדען איז געקומען קיין בוקאַרעסט מיט אַ רעקאָמענדאַציע צו אַ געוויסן אהרן שנאַפּ, וועלכער האָט אים געהאָלפן צו קריגן דעם טעאַטער „זשיגניצע“ און ער האָט דאָרטן געשטעלט „די רעקרוטן“. מען האָט אין דעם דאָזיקן טעאַטער געשפּילט נאָר איין מאָל, און ביי יענער פאָרשטעלונג איז צוגעקומען נאָך אַן אַקטיאָר, [פּנחס] שאַפּיראָ. ... נאָך דער דאָזיקער פאָרשטעלונג האָט גאָלדפאַדען גענומען אַ האָל [זאַל] ביי אַ געוויסן לאַזאַר.“

דעם 30 אַפּריל (א. ס.) 1877 האָט ג. דאָ אויפגעפירט „האָט זשע מיר אין זייט זשע מיר געזונד“, וואָדעוויל אין 1 אַקט. [לויט דר. שאַצקי — וואַרשיינלעך „די צוויי שכנות“].

אָבער אַ פּנים, אַז די געשעפטן זיינען אַזוי אַוועק, אַז ג. איז פאַרבליבן ווייטער שפּילן און גענומען פאַרשטאַרקן זיין טרופּע. בעת זיינע ערשטע 2 אַקטיאָרן האָבן געשטאַמט פון די פאָלקסזינגער, האָט ער איצט גענומען זוכן בינע-קרעפטן צווישן די משוררים.

ב. גאָרין שרייבט וועגן דעם: „אין יעדער שטאָט און שטעטל זיינען די משוררים געווען די פריילעכסטע קונדסים. אין אַ לוסטיקער געזעלשאַפט האָבן זיי נאָכגעקרימט און איבערגעמאַכט די תנועות און העויות פון אָנגעזעענסטע בעלי-הבתים ווי אויך פון די חזנים. קיינער איז פאַר זיי נישט געווען צו חשוב, קיין זאַך איז פאַר זיי נישט געווען צו הייליק. ווען גאָלדפאַדען איז אָנגעקומען קיין בוקאַרעסט, איז דאָרטן דער חזן געווען דער באַוואוסטער קופּער. צווישן זיינע משוררים זיינען געווען זעליג מאָגולעסקאָ, לייזער צוקערמאַן, [משה] זילבערמאַן, [שמחה] דינמאַן [אָדער דילמאַן]. אין דער זעלבער צייט וואָס מאָגולעסקאָ, דאַמאָלט אַ ייִנגל פון זיבעצן יאָר און צוקערמאַן מיט אַ יאָר אָדער צוויי עלטער, זיינען געווען אַנגעשטעלט אַלס משוררים ביי קופּער, האָבן זיי אויך געזונגען אין אַ קירך. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער חזן און די בעלי-הבתים האָבן דערפון ניט געטאָרט וויסן. זיי האָבן אויך שוין געהאַט געלעגנהייטן צו זינגען אַלס כאָריסטן אין אָפּערעס, און דאָס שפּילן, וואָס זיי האָבן געזען ביי די דאָזיקע געלעגנהייטן, האָט געמאַכט אויף מאָגולעסקאָ אַזאַ איינדרוק, אַז ווען מען פלעגט צו אַ שמחה פאַררופן די משוררים, פלעגט מאָגולעסקאָ אונטערהאַלטן דעם עולם ניט נאָר מיט זינגען, נאָר אויך מיט נאָכמאַכן געוויסע רומענישע אַקטיאָרן. אויך פלעגט ער אַזעלכע שטיקלעך ווייזן ביים חזן אין הויז, ווען די משוררים און פיינע בעלי-הבתים פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן ביי אים אַ שבת-צו-נאַכט און דער עולם האָט פון זיי געלעקט די פינגער. דאָס האָט דערגרייכט צו גאָלדפאַדען און ער האָט תיכף נאָך זיין קומען קיין בוקאַרעסט געשיקט רופן צו זיך די אויבנדערמאָנטע פיר משוררים.“

דאָס אַריינציען משוררים אין יידישן טעאַטער, האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ התנגדות מצד די מתפּללים. נישט קאָנענדיק באַשטראָפן די משוררים, האָט קהל אָפּגעזאָגט דעם חזן קופּער, וועלכער האָט ניט נאָר דערלאָזט, אַז זיינע משוררים זאָלן זינגען אין יידישן טעאַטער, נאָר פלעגט אויך אַליין באַזוכן דאָס טעאַטער. [דער אָפּזאָג, אין דער פאָרם ווי ער איז פאַרשריבן אין פּנקס פון דער גרויסער שול אין בוקאַרעסט, מיט אַ יידישער איבערזעצונג, איז אָפּגעדרוקט פון דר. מאיר בן אברהם הלוי אין „אַרכיוו פאַר יידיש טעאַטער“, אַרויסגעגעבן פון „יוואָ“.]

אויסער דידאָזיקע מענער האָט ג. זיך באַמיט צוצוציען אויך פרויען-כחות. אַזוי האָט ער געפּועלט, אַז זיינס אַן אַקטיאָרס פרוי, ראָזע, זאָל ווערן אַן אַקטריסע.

נאָכן אויפירן אין בוקאַרעסט דעם שוין געשפּילטן רעפּערטואַר (מיט ענדערונגען אין פּערסאָנאַל [לויט ב. גאָרין] פון „די באָבע מיטן איייניקל“: גראַדנער — „די באַבע“, וועלכער האָט שטאַרק אויסגענומען אַזוי, אַז „מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער, ווען די [יידישע] בינע האָט געציילט ניט ווייניקער פרויען ווי מענער, האָבן די גרויסע קאָמיקער, ווען נאָר זיי האָבן געהאַט די געלעגנהייט, געשפּילט „די באָבע“. מאָגולעסקאָ — „דאָס איייניקל“, פּנחס שאַפּיראָ — „שדכן“, משה זילבערמאַן — „דער לערער“ און לייזער צוקערמאַן — „דער טערק“, און פון „די אינטריגע“: מאָגולעסקאָ — „רחלע“ און דעם „זאַאיקע משרת“ און ג אָ ל ד פ אַ ד ע ן — די דראַמאַטישע ראָל) איז אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס אָפּערעטע אין 3 אַקטן „שמענדריק“ [דיריגירט פון ציגיינער קאָסטאַקי].

הגם ג. באַמערקט כסדר, אַז „שמענדריק“ איז זיינע אַן אָריגינעלע פּיעסע און בלויז די לידער פון „שמענדריקס כלה“ האָט ער איבערזעצט פון רומענישע מעלאָדיעס, גיט אָן ב. גאָרין, געשטיצט אויף דערקלערונגען פון מאָגולעסקאָ און צוקערמאַן: „ביים פאַרהער האָט מאָגולעסקאָ פאַרגעשטעלט אַ סצענע פון דעם רומענישן שטיק „װלאַדוצו מאַמו“ און דאָס איז געווען דער אָריגינאַל פון דער צוקינפטיקער פּיעסע „שמענדריק“. גאָלדפאַדען [ען] איז געווען אַזוי געפעלן די פאַרשטעלונג, אַז ניט נאָר האָט ער צוגענומען מאָגולעסקאָ אין זיין טרופּע, נאָר ער האָט אים אויך צוגעזאָגט אַז ער וועט לאָזן דאָס שטיק איבערזעצן און דערפון וועט ער מאַכן אַ יידישע פּיעסע פאַר אים. . . . סיי דער פאַרשטאָרבענער מאָגולעסקאָ, סיי צוקערמאַן און סיי אַלע יענע, וואָס האָבן זיך פאַרבונדן מיט גאָלדפאַדען ביי זיין אָנקומען קיין בוקאַרעסט אָדער באַלד נאָכדעם, האָבן אַלע בפּה אחד דערציילט, ווי אַזוי שמענדריק איז איבערגעמאַכט געוואָרן אויף זייערע אויגן פון „װלאַדוצו מאַמו“. פון מאָגולעסקאָס רייד איז אויסגעקומען, אַז אים האָט גאָלדפאַדען געהאַט צו פאַרדאַנקען פאַר דעם דאָזיקן שטיק, און די אַנדערע, וואָס זיינען דערביי געווען, האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען, ווי גאָלדפאַדען האָט עס פאַרפאַסט [באַאַרבעט]. עס איז מערקווירדיק דערביי, וואָס די אַלע געדענקען גוט דעם נאָמען פון דעם אָריגינאַל, הגם צענדליקע[ר] יאָרן זיינען זייט דאַמאָלט אַריבער. עס קאָן דעריבער קיין שום ספק ניט זיין, אַז „שמענדריק“ איז געשאַפן געוואָרן פון גאָלדפאַדען אין בוקאַרעסט באַלד נאָך זיין קומען אַהין, דאָס הייסט אין 1877. מיר מוזן דעריבער קומען צום שלוס, אַז דער „שמענדריק“, וואָס איז געווען געדרוקט אין לעמבערג אין 1875, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטער אַ פאַלשן דאַטום.“

ווי ב. גאָרין באַמערקט ווייטער — ווייזט דאָס לשון און די אויסלייגעכץ פון דער דאָזיקער אויסגאַבע, אַז די פּיעסע איז געשריבן [איבערגעשריבן] געוואָרן אין גאַליציע. די לעמבערגער אויסגאַבע (דרוק און פאַרלאַג פון ב. ל. נעכעלעס) גיט ניט אָן דעם נאָמען פון דעם פאַרפאַסער און מען דאַרף אָננעמען, אַז אָדער עס איז אַריינגעפאַלן אַ גרייז אין דאַטום אָדער דער דאַטום איז מיט אַ כיוון פאַרגרייזט געוואָרן.

אין 1879 איז „שמענדריק“ דערשינען אין דרוק אין אָדעס און איז זייט דאַמאָלט מערערע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן.

די קאָמעדיע איז מיט דער צייט געוואָרן איינע פון די אַממערסטן געשפּילטע פּיעסן אין יידישן רעפּערטואַר אין דער גאַנצער וועלט.

6 מוזיק-נומערן פון „שמענדריק“, אַראַנזשירט פון יאָזעף רומשינסקי, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני“.

דעם 10 נאָוועמבער 1924 איז זי אין אַ מאָדיפיצירטער פאָרם: „יאָזעף רומשינסקיס נייע מוזיקאַלישע סענסיישאָן פון אברהם גאָלדפאַדענס „שמענדריק“, גאַנץ ניי באַאַרבעט און אויפגעפירט פון יעקב קאַליך“ [אַריינפירנדיק די פּערסאָנאַזשן און מוזיק פון ג.׳ס אַנדערע פּיעסן] געשפּילט געוואָרן מיט מאַלי פּיקאָן אין דער טיטלראָל אין ניו-יאָרקער קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער.

נאָך „שמענדריק“ האָט ג. אויפגעפירט זיין מעלאָדראַמע אין 5 אַקטן „די קאַפּריזנע כלה“ אָדער „קבצנזאָהן עט הונגערמאַן“, אין וועלכער פרוי ראָזע האָט נאָך מיטגעשפּילט, אָבער באַלד דערויף האָט זי זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע און די טרופּע איז ווידער געבליבן מיט בלויז מענער.

אויך דידאָזיקע פּיעסע איז שפּעטער אָפט געשפּילט געוואָרן פון יידישן טעאַטער איבער דער גאַנצער וועלט.

אין 1887 איז די פּיעסע געדרוקט געוואָרן אין וואַרשע און זייט דאַמאָלט דערשינען אין פאַרשיידענע אויפלאַגעס.




שער־בלאַט פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע

דער דערפאָלג פון מאָגולעסקאָ, באַזונדערס אין דער טיטל־ראָל פון „שמענדריק“, האָט אַרויסגערופן קנאה־געפילן ביי גראַדנערן, וועלכער הויבט אָן פאַרלאַנגען, אַז גאָלדפ. זאָל פאַר אים ספּעציעל שרייבן אַ דראַמע. ג. איבערזעצט דאַן קאָצעבוס „די וויסטע אינזל“ אַ טראַגעדיע אין 2 אַקטן, וועלכע איז א״נ „די ווילדע אינזל“ באַלד אויפגעפירט געוואָרן מיט גראַדנער אַלס „דער אייראָפּעער“, שכר גאָלדשטיין אַלס „רעגינע“ און מאָגולעסקאָ אַלס „די נעגערין“. אָבער צוליב דעם וואָס מאָגולעסקאָ האָט אַ דערפאָלג אויך אין דער דאָזיקער ראָל, ברעכט אויס אַ סכסוך צווישן גראַדנער און מאָגולעסקאָ און גראַדנער טרעט אַרויס פון דער טרופּע.

גאָלדפ. גיט איבער, אַז אין יענער צייט האָט ער באַקומען אַן איינלאַדונג פון שמעון מארק אין יאַסי צו קומען אַהין מיט דער טרופּע. נישט האָבנדיק קיין חשק אַליין צו פאָרן, שיקט ער אַהין גראַדנערן, וועמען ער גיט אויך מיט אייניקע פון זיינע פּיעסן. גראַדנער האָט באַלד אָנגעהויבן שפּילן אין יאַסי צוזאַמען מיט ראָזע פרידמאַן, און צו זיי איז אויך צוגעקומען מאָגולעסקאָ, וועלכער איז דערווייל אַוועק פון גאָלדפאַדען.

שפּעטער האָט ג. אָנגעשריבן און אויפגעפירט „די שטומע כלה“, „שוישפּיל אין 3 אַקטן מיט געזאַנג“, אין וועלכער ס׳טרעט ווידער אויף אַ פרוי כמעט אין אַ שטומער ראָל און ערשט ביי די שפּעטערדיקע פאָרשטעלונגען האָט זי אָנגעהויבן ריידן די „פּראָזע“ פון איר קליינער ראָל.

דאָס ערשטע פּערסאָנאַל פון „די שטומע כלה“ איז באַשטאַנען פון: שכר גאָלדשטיין („ברײנע“), פּנחס שאַפּיראָ („דער זיידע“), די נייע אַקטריסע [אויפן פּראָגראַם אָנגעגעבן מ—ל ראָזע] („חיה“), משה זילבערמאַן („לעאָן“), מעכעלע גליקמאַן („אייזיק־מאיר“), לייזער צוקערמאַן („צדוק“).

די פּיעסע איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. דער סוזשעט



געפינט זיך אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע. אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו־יאָרק.

דעם 12 מאַי א.ס.) 1877 האָט ג. דאָ אויפגעפירט „שמענדריק“ אין אַ נייער באַאַרבעטונג („שמענדריק“ — גאָלדיצע, „די כלה“ — מ׳ צוקערמאַן).

ג. שילדערט אַזוי דעם דאַמאָלטיקן מצב פון זיין טעאַטער: „דאָס נייע אַקטעריסעלע [גאָלדיצע] האָט שנעל פּראָגרעסירט אויף דער בינע, ווייל אַלס הפקר־קינד, נאָך פאַר דער בינע, איז זי געוואוינט געווען ניט צו שרעקן זיך אַזוי פאַר מענטשן, און האָט געהאַט מער מוט און חוצפּה. דערנאָך האָט זי געשפּילט „שמענדריק“, וואו זי האָט זייער גוט קאָפּירט דעם אַנטלאָפענעם מאָגולעסקאָ. . . . [שפּעטער] איז שוין אַליין געקומען נאָך אַ פיין מיידל און האָט זיך אַנגאַזשירט, כאָטש אויך נאָך אומוויסנד און רוי, האָב איך שוין געהאַט דריי פרויען פּערזאָנען, אַן אַקטיאָר איז אויך צוגעקומען. לייזער צוקערמאַן אַרבעט זיך אויס אַלס קאָמיקער. הכלל, אויף דער בינע ווערט פריילעך. דאָס טעאַטער האָט אָנגעהויבן אויפצולעבן. נאָר פּלוצים האָט זיך ערייגנעט אַזאַ באַגעבנהייט, וואָס האָט צעשטערט אינגאַנצן מיין אַרבעט. אַ וואָלקן־בראָך האָט זיך אָנגערוקט און מיט זיין העפטיקן שטראָם האָט ער אַ פאַל געטאָן אויף אונז און האָט פאַרגאָסן, פאַרפליצט מיינע אַלע פרישע, גרינע געוויקסע, וואָס האָט מיך געקאָסט אַזויפיל מי און ערגערניסע ביז איך האָב דאָס פאַרפלאַנצט, און האָב דאָס דערלעבט צו זען אַרויסצוואַקסן, צו בליען. קורץ, איך האָב געמוזט צעלאָזן מיין חדר. יעדער איז צוריק געבליבן ביי זיך אין דער היים און איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. איך בין געבליבן זיצן אַליין, פאַרצווייפלט, און האָב נישט געוואוסט וואָס אָנצופאַנגען. אינם טעאַטער האָט מען פאַרגעסן גלייך ווי ס׳איז ניט געווען. דער סאַלאָן איז געבליבן פּוסט און דאָס אַלץ האָט פּאַסירט פּונקט אין יאָר 1877. דער רומענער אין יענער צייט האָט נישט גענומען קיין רעקרוטן צום מיליטער, נאָר ער האָט ג ע כ אַ פּ ט — קאָמיסיאָנען אין דער באַגלייטונג פון דער פּאָליציי האָבן זיך צעלאָזט איבער אַלע גאַסן פון דער שטאָט בוקאַרעסט און קוים האָט מען באַגעגנט אַ יונגנמאַן, האָט מען אים געכאַפּט און אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. . . . איבער דער מהומה האָט זיך שוין נאַטירלעך קיין יונגערמאַן געוויזן אויף דער גאַס. פלעגן די קאָמיסיעס באַפאַלן די שולן, די קאַפע־הייזער . . . דערפאַר האָבן אַלע יונגעלייט געמוזט פאַרלאָזן די שולן און די קאַפע־הייזער. און אַזוי ווי מיין טעאַטער איז אויך געווען אַן עפנטלעכער לאָקאַל, האָט מען שוין אויך מורא געהאַט צו קומען. אפילו דאָס ביסל אַקטיאָרן, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, האָבן אויך מורא געהאַט צו קומען מען זאָל זיי נישט כאַפּן. האָט זיך יעדער באַהאַלטן ביי זיך אין דער היים, און דערפאַר האָט מען אויפגעהערט צו שפּילן, און אַז מען שפּילט נישט, ווייל דער רעסטאָראַטאָר מער נישט געטרויען קיין עסן, און אַז מען עסט ניט? — הונגערט מען!“

באַין ברירה באַשליסט ג. צו ציען זיין חיונה פון דער מלחמה.

ליבערסקאָ דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות: „ווי אַזוי די געשעפטן האָבן אויסגעזען אין בוקאַרעסט, קאָן מען זען דערפון וואָס אין מיטן ווינטער [?] האָב איך באַקומען פון גאָלדפאַדענען אַ בריוו, אין וועלכן ער שרייבט מיר, אַז די עצה, וואָס מיין פרוי האָט אים געגעבן, וועלכע האָט זיך אין אָנהייב אויסגעוויזן אַלס גוטע עצה, טויג באמת אויף כפּרות. ער, גאָלדפאַדען, מיט דער טרופּע גייען אויס פון הונגער. דאָס איינציקע גליק איז דאָס, וואָס דורכן טעאַטער איז ער געקומען קיין בוקאַרעסט, און אַזוי ווי

עס איז איצט מלחמה-צייט, האָפט ער צו קאָנען פאַרדינען ביי די פּאָדריאַדטשיקעס“.

אָבער פון די האָפנונגען איז גאָרניט געוואָרן.

און דאָ האָט אַ צופאַל אַרויסגעפירט ג. און דעם יידישן טעאַטער פון דער טרויעריקער סיטואַציע. ג. דערציילט וועגן דעם אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: „. . . באַגעגן איך איינעם פון מיינע גוטע פריינט אויס אָדעס.

— וואָס טוסטו דאָ — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן מיט אַ טרויעריקער מינע.

— וואָס הייסט וואָס איך טו דאָ? — האָט ער מיר געענטפערט,

— די גאַנצע וועלט לאָזט זיך אַהער. עס איז דאָך עפּעס „קריגס-צייט“. איך בין אויך געקומען מיר זוכן אַ באַשעפטיגונג אָדער אַ פּאָדריאַד. וואָס טוסטו דאָ?

— . . . איך ווייס? עפּעס האָב איך געמאַכט אַ טעאַטער און מען מאַכט די קאָמעדיע . . .

— טוט מיר באַנג! איך וואָלט עס אַ בעלן געוועזן צו זען.

— ווי אַזוי קאָנסטו עס זען ווען איך האָב צעלאָזט מיין חברה, ווייל קיינער קומט ניט. אויב דו זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט מאָרגן קומען מיט אַ חברה כאָטש פון אַ 20-30 מענטשן, וואָלט איך צוזאַמענגעפּויקט מיינע לייט און וואָלט געוויזן די קאָמעדיע.

— אָט האָסטו מיין האַנט, אַז מאָרגן קום איך מיט אַ גאַנצער חברה אונזערע אָדעסער.

— באַשטימט?

— נאָך ווי אַזוי! מיר ווערן דאָך דאָ דורך די נעכט משוגע פון לאַנגווייליקייט.

„איך האָב פון אים אָפּשייד גענומען און בין געגאַנגען צונויפרופן מיין חברה און זיי געזאָגט, אַז מאָרגן וועלן מיר שפּילן פאַר אַ קליינעם עולם, וואָס האָט אַזוי ווי באַשטעלט די פאָרשטעלונג.

„מאָרגן איז ער באמת געקומען מיט אַ 30 מענטשן. נו! דאָס דאַרף מען שוין פאַרשטיין ווי די נייגיריקייט האָט זיי איבעראַשט. זיי האָבן פאַרשפּראָכן, אַז מאָרגן וועלן זיי קומען מיט מער מענטשן.

„ריכטיק! אויף מאָרגן צו דער פאָרשטעלונג זיינען שוין געקומען עטלעכע און אכציק מענטשן, און אַזוי יעדן טאָג מער, ביז דער סאַלאָן איז קליין געוואָרן און האָט שוין נישט געקאָנט אין זיך פאַסן די מאַסן פון דעם פרישן נייגעבוירענעם פּובליקום, און דאָ איז שוין טאַקע געוועזן אין דער מיט פון דעם זומער און עס איז געוואָרן צו הייס אין דעם לאָקאַל מער צו שפּילן. איך האָב געמוזט גיין זוכן אַ גאָרטן, וואו דער פּלאַץ איז פיל גרעסער און די לופט פיל פרישער און איבערפירן די גאַנצע מאַכענאַציע אַהין. און דער זעלבער שטראָם [פון] דער צייט, וואָס האָט ערשט געמאַכט אַזאַ דערוויסטענדע איבערשוועמונג איבער דער יונגער פלאַנצע פון דעם נאָר וואָס אויפגעבליטן „יידישן טעאַטער“, אַז מען האָט געמיינט, אַז עס איז שוין אָפּגעווישט — דער זעלבער פאַרדאַרבענער שטראָם האָט נאָך זיין אָפּלויפן, אַזאַ זעגנרייכע ווירקונג געמאַכט, אַז . . . מיין יידיש טעאַטער האָט אויפגעבליט . . .

„אין דער רומענישער „קעפּיטאַל-שטאָט“ בוקאַרעסט, סטראַדאַ נעגראַ וואָדאַ נומער 10, איז דאָ אין אַ הויף אַ גאָרטן פון עטלעכע בוימער, וואָס איז היינט יעדן באַקאַנט מיט דעם נאָמען „זשיגניצאַ“. דאָס גערטנדל איז אַמאָל זייער ווייניק באַקאַנט געווען, ווייל אַהין פלעגן אַריינגיין איינציקע שכנים פון די געסלעך זומער ביינאַכט אין די גרויסע היצן טרינקען אַ פריש גלעזל ביר. דער גאָרטן מיט דעם ביר האָט געהערט צו אַ דייטש, וועלכער האָט געהאַט אַרום דעם גערטנדל אַ גרויסע אַלטע הילצערנע ברויעריי; אַ לאַנג געמויערט הויז איז אויך געשטאַנען אין דער זייט וואו עס האָט געוואוינט דער ווירט מיט זיין פאַמיליע. צו דעם דייטש האָב איך זיך געווענדעט ער זאָל מיר פאַרדינגען דעם גאָרטן. איך האָב דאָרט באַלד אויסגעבויט אויף מיין רעכנונג אַ פּראָוויזאָרישע זומער-בינע פון ברעטער און איך האָב דאָרט פאָרטגעזעצט מיינע טעאַטער-פאָרשטעלונגען.“

ב. גאָרין שילדערט יענע עפּאָכע אויף פאָלגנדיקן אופן:

„פון רוסלאַנד האָבן זיך אַ שאָט געטאָן קיין רומעניע מחנות מענטשן אין דער האָפנונג צו פאַרדינען אַ לייכטן רובל. דער קאָמיסאַריאַט פון דער רוסישער אַרמיי האָט זיין הויפּטקוואַרטיר געמאַכט אין בוקאַרעסט און פון דאָרטן האָט אַ שטראָם גאָלד געפלייצט איבער די קעשענעס פון אַלע יענע, וואָס זיינען נאָר ניט פויל געווען עס צו נעמען. קיין זאַך איז אַזוי ניט ביליק געווען ווי געלט. מענטשן וואָס זיינען געקומען אָרעם, זיינען אין אַ קורצער צייט עשירים געוואָרן און מיטן לייכט געקריגענעם געלט איז געקומען אַ פאָדערונג אויף לעבן אַ גוטן טאָג, הוליאַנקעס און דאָס גלייכן. דאָס טעאַטער איז געווען ווי פּשוט באַשאַפן פאַר זיי. און דער גרויסער אָנגעלאָפענער, רייך-געוואָרענער עולם האָט זיך ממש דערפרייט מיט אַזאַ אונטערהאַלטונג. מען האָט איצט געשפּילט פאַר געפּאַקטע הייזער און אין טעאַטער איז געוואָרן אַ גרויסע שפע. פון ליידיקע בענקלעך האָט מען שוין מער ניט געוואוסט און די אַקטיאָרן האָבן פאַרגעסן די הונגעריקע טעג. דאָס פּובליקום האָט אויך באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים. אַנשטאָט וואָס ביז איצט זיינען די באַזוכער נאָר געווען פון די סאַמע נידריקע שיכטן, האָט מען שוין איצט געקאָנט דאָ זען דעם פיינעם היימישן בעל-הבית, דעם משכיל, און דער טעאַטער ווערט אין אַ קליינעם מאַסשטאַב אַן אינסטיטוציאָן פון דעם גאַנצן פאָלק. אין טעאַטער זעט מען איצט אויך אַ צומיש פון רוסישע אָפיצירן. די פּזמונים און טענצלעך מיט וועלכע די ערשטע שטיקער זיינען געווען דורכגעפלאָכטן, זיינען פאַרשטענדלעך און צוגענגלעך פאַר אַלעמען, בפרט ווען די האַנדלונג איז דורכאויס פון יידישן לעבן און די לאַנגע קאַפּאָטעס און בערד מיט פּאות זיינען גוט באַקאַנט דעם רוסישן יידן. אויב דערדאָזיקער צומיש האָט ניט געהויבן די בינע, האָט ער אָבער פיל געהאָלפן דער קאַסע. . . . צווישן די אָנגעלאָפענע אין בוקאַרעסט איז אויך געווען משה פינקעל. ער איז געקומען פאַרדינען אַ גרינגען רובל ביים קאָמיסאַריאַט, נאָר ער איז באַלד אַריינגעפאַלן אין גאָלדפאַדענס טרופּע.“

דעם 9 אויגוסט (א.ס.) 1877 האָט גאָלדפאַדען ווידער אויפגעפירט „דאָס בינטל האָלץ“, „שוסטער אונד שניידער“ [ג. גיט אָן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „פּאָסע אין 2 אַקטן נאָך „מויער“, טעקסט אין ערגעץ ניט געדרוקט, ביי שלום פּערלמוטער איז פאַראַן אַ מאַנוסקריפּט פון ג.'ס אַן איינאַקטער „קאַטאַרול“ אין וועלכן דער הויפּטראָליסט הייסט „זאַנוול שניידער“.] און „דער לעבעדיקע טאָטע [דעם זעלבן וואָדעוויל א"נ „דער לעבעדיקער מת“ האָט ג. אין אָדעס אין 1882, אויף אַ פייערונג פון זיין משפּחה, אויפגעפירט דורך זיינע משפּחה-לייט. דער סוזשעט פון דעם וואָדעוויל געפינט זיך אין „שריפטן“, קיעוו, 1928, ערשטער באַנד. ז. 342].

דעם 25 אויגוסט (א.ס.) 1877 האָט ג. דאָ אויפגעפירט צו זיין בענעפיס: „די מומע סאָסע“, קאָמעדיע אין 5 אַקטן.

קיין נייעם רעפּערטואַר האָט מען איצט נישט געדאַרפט, ווייל אַלע מאָל זיינען צוגעקומען נייע, פרישע באַזוכער. די גוטע גע-

שעפטן האָבן אַ רעכט ביסל צעטומלט: ג. זוכט איצט „צו מאַכן געלט“: „דעם אמת מוז איך מודה זיין — שרייבט ער — אַז נאָך ביז איצט, ווען איך נעם די פעדער צו שרייבן אַ ניי אָריגינעל שטיק, ווען די באַגייסטערונג הייבט מיך אָן צו צעוואַרעמען, שוועב איך דאַן אין אַ גאַנץ אַנדערע[ר] ספערע, אין אַן אידעאַלישער און אין דער גאַנצער צייט פאַרגעס איך כמעט אָן דער עקזיסטענץ פון געלט, פון פאַראורטייל, פון כבוד. איך פאַרגעס זאָגאַר פיל מאָל אין עסן און טרינקען. ווערנד דאָס שטיק ווערט פאַרטיק, ווער איך שוין עטוואָס אָפּגעקילטער, נאָר דאָך באַגייסטערט מיך דאָס געפיל פון דער קונסט, ווערנד איך מאַך פּראָבן און לערן די ראָלן מיט דער מימיק, דיקטיר צו מאַכן די דעקאָראַציאָנען, קאָסטיומען און מוזיק. ערשט ווען דאָס שטיק ווערט שוין אויפגעפירט און דער קאַסירער זעצט זיך צו דער קאַסע מיט די בילעטן, פאַרגעס איך אָן אַלעמען וואָס עס איז געווען און דער שריפטשטעלער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סוחר, אַ געשעפטסמאַן, ביי וועלכן עס בלייבן לײדער שטיין מיינע פּעאיקייטן . . . אויך דאָ, אַז דער עולם האָט זיך פּלוצלונג אָנגעהויבן צו לאָזן אין מאַסן אין מיין גאָרטן, בין איך גאָר פּריליִשעט געוואָרן.“

די גלענצנדע געשעפטן האָבן נאַטירלעך געלאָקט אויך אַנדערע צו פּרובן זייער מזל ביים טעאַטער. אַזוי האָט משה הורוויץ [באַקאַנט שפּעטער אַלס פּראָפעסאָר איש הלוי האָרוויץ אָדער הורוויטש], וועלכער האָט שוין פריער זיך „געדרייט“ ביים טעאַטער, געעפנט אַ יידיש טעאַטער אין בוקאַרעסט מיט אבא שענגאָלד, משה טייך, הערשל גאָלדענבערג און אַ „געוויסע“ [שרה?] גאָלדשטיין. כדי אויסצומיידן קאָנקורענץ האָט ג. איבערגענומען צו זיך שענגאָלדן, און הורוויצס טרופּע איז דורכדעם צעקלאַפּט געוואָרן.

צוליב אַ שטיקל „רעוואָלוציע“, וועלכע ברעכט אויס שפּעטער אין דער טרופּע, באַזייטיקט ג. אַלע אַקטיאָרן, אַ חוץ צוקערמאַנען און 3 פרויען, און ער שרייבט אָן דעם 2-אַקטיקן פּאַרס „איקס, מיקס, דריקס“ פאַר וועלכן ג.׳ס סעקרעטאַר און כאָר-דיריגענט[?] שרייבט באַלד אויף די „פּרים“ פון די ניגונים, וועלכע ג. זינגט אים פאָר, דערונטער דעם ערשטן כאָר פון 2-טן אַקט פון וואַגנערס „דער פליענדער האָלענדער“. דערדאָזיקער פּאַרס ווערט באַלד דערויף אויפגעפירט מיט צוקערמאַן, מיט די געבליבענע 3 פרויען-כחות, מיט דעם צוריקגעקומענעם אבא שענגאָלד און דעם ניי-צוגעקומענעם משה טייך.

ג. שרייבט שפּעטער וועגן דעם: „דאָס גאַנצע געכאַפּטע אומלאָגישע נויט-שטיק איז עד היום ביי מיר ניט אויפגעשריבן; די שטיקלעך ראָלן האָב איך איינשטודירט אויסווייניק מיט יעדן, נאָר דעם הויזירער טייך האָב איך זיין שטיקל ראָל געמוזט אויפשרייבן ער זאָל גוט אויסלערנען אויסווייניק, ווייל ער איז געווען טויב.“

דער סוזשעט פון פּאַרס איז געדרוקט אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע. אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

ביז סוף פון זומער-סעזאָן 1877 האָט ג. זיך באַגנוגנט מיטן אַלטן רעפּערטואַר און מיט זיין איבערזעצונג פון „דער פאַרקויפטער שלאָף“ אָדער „באַנקיר טיראַן“ [מעלאָדראַמע אין 3 אַקטן און 11 בילדער, פון דייטש. די פּיעסע איז קיינמאָל ניט דערשינען אין דרוק. דער כתב-יד געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו״א מיט אינטערעסאַנטע האַנט-צייכנונגען פון ג.].

כדי נישט צו פאַרענדיקן פרי די פאָרשטעלונגען, האָט ג. צום סוף פון יעדער פאָרשטעלונג געמוזט אַליין אַרויסטרעטן מיט קופּלעטן אָדער דעקלאַמאַציעס. צוליב דעם האָט ער יעדן צווייטן טאָג אויפגעשריבן אַ נייעם קופּלעט. ער האָט עס אָבער — ווי ער דערקלערט שפּעטער — נישט גערן געטאָן: „מיר איז אָבער דאָס ערשיינען אַליין אויף דער בינע געווען איבער דער טבע. איבערהויפּט אַז עס פלעגן זיך מאַכן אויסערגעוויינלעכע פעלע וואָס איך האָב אַליין געמוזט אַרויף אויף דער בינע פאַרטרעטן אַ ראָלע פון אַן אַקטיאָר, וואָס פלעגט ביינאַכט ניט קומען צו די פאָרשטעלונגען, אָדער צו באַלעבן די איבריקע אַקטיאָרן און ווייזן זיי די שטעלונגען מיט דער פרייער באַוועגונג אויף דער בינע. . . . דער



די צייכנונג איז געמאַכט פון ווערבעל

וואָס באַזיצט ניט די נאַטור זיך צו קאָנען מאַסקירן, איז ניט אומשטאַנד זיך צו ווידמען צו דעם פאַך. איך מיין ניט מיט דעם צו פּרובן מיינע אייגנשאַפטן. איך ערקלער מיר נאָר מיט דעם מיין אומפּעאיקייט און טאַלאַנטלאָזיקייט, וואָס האָט מיך ניט באַוואויגן צו באַטרעטן די ברעטער פון מיין אייגענער בינע אַלס שוישפּילער. דאַגעגן, איבערצוגעבן יענעם די רעגלען פון דער דראַמע און קונסט, יענעם לערנען די מימיק ווי אויך עוואָלוציאָנען, דערצו האָב איך מיך געפונען מער אַלס פּעאיק. איך פלעג נאָר ערשיינען אויף אַלגעמיינעם פאַרלאַנג אַלס דער רעציטאַטאָר, אָדער אין אַ הומאָריסטישן סאַטירישן שאַנסאָנעט צו דעקלאַמירן אונטער דער מעלאָדיע וואָס דאָס פידעלע פלעגט צוהאַלטן. איך בין געשטאַנען אויף דער בינע און האָב אַראָפּגערעדט פריינטלעך און געשפּאַסט מיט דעם פּובליקום ווי צוויי גוטע ברידער, ניט געצוואונגען, פריי. נאָר אפילו דער אומשולדיקער [דעם אומשולדיקן] אונטערהאַלט האָט אויך מיין כאַראַקטער לאַנג ניט געקאָנט אויסהאַלטן. וואָס מער דאָס טעאַטער-געשעפט האָט מיך אַלס אויטאָר פאַרפּלאָנטערט און פאַרוויקלט אין זיינע געשעפטן אַלס אַדמיניסטראַטאָר, רעזשיסאָר און מימיק-לערער, מער האָב איך געהאַט ערגערניסע און קרענקונג. אַזוי, אַז ס׳האָט זיך פיל מאָל געמאַכט, ווען איך האָב מיך געערגערט און געשריגן הינטער די קוליסן און האָב מיך געבייזערט איבער געוויסע אומאָרדנונגען, אין דעם מאָמענט האָט פּלוצים דאָס פּובליקום מיך אַרויסגערופן

אים זינגען אַ פריילעכן לוסטיקן שאַנסאָנעט. פאַרשטייט זיך, אַז אַנשטאָט צו ערשיינען פאַרן פובליקום מיט אַ פריילעך געמיט, מיט אַ פריינטלעכער מינע, מיט אַ ליבעם שמייכל אויפן פנים, בין איך אַרויס פּלוצים מיט אַן ערנסטער מינע, מיט אַ בייז פאַרדראָסן פנים און אָפּגעמאַרקעט דעם שאַנסאָנעט ווי מיר איז געווען אויפן האַרצן, אַז ס'האָט ניט געהאַט קיין טעם און קיין ריח. דאָס האָב איך געפילט אין מיר און דאָס ערשיינען פאַרן פובליקום איז מיר געוואָרן צו-ווידער.״

דעם 30 סעפטעמבער 1877 האָט ג. אַריבערגעטראָגן די פאָרשטעלונגען אין פאַמול ווערדע, וואו דער אייגנטימער האָט געלאָזט אויסברעכן אַ וואַנט און געמאַכט אַ בינע. צו דער ערשטער פאָרשטעלונג איז דאָ געשפּילט געוואָרן ג.׳ס „דיא שכנות״ [צוויי שכנות״], „דער קאַטער״ [„דער קאַטאר״. דער כתב-יד געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי יוו״א. דערשינען אַנאָנים א״נ — דער קאַטער, איין לוסט שפּיל אין איין אַקט״ געדרוקט צוזאַמען מיט „דיא קאָמישע חתונה פאָן שמענדריק מיט דיא כלה״, לעמבערג 1875 [?], פון מיטן זייט 30 ביז אין מיטן זייט 46. $32^\circ$.]

דעם 29 סעפטעמבער (א.ס.) 1877 איז דאָ אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס „יאָקיל אונד יוקיל״ [לויט דר. שאַצקי וואַרשיינלעך — „סצוציק און מוציק״. אין ערגעץ ניט געדרוקט. כתב-יד ביי שלום פערלמוטער אין ניו-יאָרק.] און ג.׳ס „דער פאַבריקאַנט״ [?].

דעם 31 סעפטעמבער (א.ס.) 1877 איז דאָ אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס „דיא צוויי טויבע״ [אין ערגעץ ניט געדרוקט. טעקסט ביי שלום פערלמוטער. דער איינאַקטער איז אַן איבערזעצונג פון מאָאַנאַ].

דעם 1 אָקטאָבער (א.ס.) 1877 איז דאָ אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס „דיא אנגעשפּאַרטע [איינגעשפּאַרטע?] כלה מויד [„די קאַפּריזנע כלה״?]״.

דעם 6 אָקטאָבער (א.ס.) 1877 איז דאָ אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס „דיא שטימע כלה״.

דעם 11 אָקטאָבער (א.ס.) 1877 איז דאָ אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס „יאָנטעל שנאַדער״ [שנאָרער? לויט דר. שאַצקי: וואַרשיינלעך „דאָס גלאָז וואַסער״, איינאַקטער. אין ערגעץ ניט געדרוקט.]

דעם 13 אָקטאָבער (א.ס.) 1877 איז דאָ אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס „וואָס טיהט מען?״ [?].

בערך אין דער זעלבער צייט זיינען אויך אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס איינאַקטערס: „דער שפּיגל״ (שוואַנק אין איין אַקט נאָך קאַצעבוי) [טעקסט ניט פאַראַן], „פיר פּאָר פאָרצעלייענע טעלער״. „די שוועבעלעך״ [ביידע קיינמאָל ניט געדרוקט. אַ כתב-יד ביי שלום פערלמוטער], „די דריי טויבע״ און „די צוויי פאַרדולטע״ [ביידע קיינמאָל ניט געדרוקט. פון לעצטן איינאַקטער געפינט זיך אַ מאַנוסקריפּט ביי ש. פערלמוטער].

די געשעפטן זיינען ווייטער אַוועק אויסגעצייכנט; אַ בילעט, וואָס האָט פריער געקאָסט 1 פראַנק, איז איצט אַרויף ביז 4-6 און דערנאָך אפילו ביז 20 פראַנק.

דער דערפאָלג איז געווען אַזאַ גרויסער, אַז ס'איז דערשינען אפילו אַ באַזונדער ביכל אין יידיש, געווידמעט ג.׳ס טעאַטער: „במת ישחק או גיא-חזיון״ — סאַלאָן „פּאָמאַ ווערדע״, בקרת מאת הרואה אברהם הגרשוני — לבני קהת״ [אין דער ווידמונג פון אַ שיר אין אָנהייב פון ביכל ווערט אָנגעגעבן דער ריכטיקער נאָמען פון מחבר — ג. אַבראַמסקי], אין וועלכן ס'ווערט אָנגעוויזן אויף די גוטע און שלעכטע מאָמענטן אין שפּילן, אויף די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון די פּיעסען און עס ווערט דערציילט וועגן דער באַגייסטערונג, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום דעם יידישן טעאַטער אין רומעניע.

דער רוסישער זשורנאַליסט נ. ב. שיגאָרין, וועלכער האָט ביי-געוואוינט אַ פאָרשטעלונג פון „די שטומע כלה״ אין פאַמול ווערדע, דערציילט אין זיין רוסיש בוך „די רוסישע יידן אין אויסלאַנד״ (קיעוו 1878, זז. 71-49): „דער זאַל איז אַלעמאָל פול געפּאַקט. עס ווערט געגעבן 4 פאָרשטעלונגען אַ וואָך און עס איז נאָך ווייניק וואָס קיינמאָל, באַזונדערס שבת און זונטאָג, איז ניטאָ קיין פרייע פּלעצער, נאָר צענדליקער און אַמאָל אויך הונדערטער פאַרשפּעטיקטע טרעפן ניט אין טעאַטער [קיין פּלאַץ] און גייען צוריק מיט אומצופרידנקייט״ [ציטירט לויטן מינסקער גאָלדפאַדען-בוך].

ב. גאָרין דערציילט וועגן דאַמאָלטיקן מצב: „די שפע איז געווען גרויס אין יידישן טעאַטער אין דער דאָזיקער צייט. די גרעסטע שפע איז געווען אין גאָלדפאַדען׳ס טעאַטער אין בוקאַרעסט [גראָדנער האָט דאַמאָלט געשפּילט מיט אַ טרופּע אין יאַסי] און דער דירעקטאָר און די אַקטיאָרן האָבן זיך ממש געבאָדן אין כל-טוב. און דערצו איז אפילו ניט געווען נויטיק, אַז די אַקטיאָרן זאָלן קריגן זייער גרויסע שכירות. אַזוי גיך ווי אַ פאָרשטעלונג אין טעאַטער האָט זיך געענדיקט, האָבן שוין פּאַדריאַדטשיקעס געוואַרט אויף זיי און געפירט זיי אין די רייכסטע רעסטאָראַנען, וואו מען האָט געגעסן, געטרונקען און געהוליעט ביז גרויסן טאָג. אַזוי איז געווען נאַכט איין נאַכט אויס און די טייערסטע ווינען האָבן זיך געגאָסן ווי וואַסער. . . . און די שפע איז ניט נאָר געווען אין בוקאַרעסט; אין יעדער היפשער שטאָט, וואוהין גאָלדפאַדען איז [שפּעטער] געקומען גאַסטראָלירן מיט זיין טרופּע, איז דאָס טעאַטער געווען געפּאַקט. אין גאַלאַץ האָבן זיך צוויי אונטערנעמער אַרויסגערופן צו בויען אַ טעאַטער ספּעציעל פאַר גאָלדפאַדען. דאָס איז שוין געווען אין די לעצטע חדשים פון דעם קריג.״

אויך גאָלדפאַדען באַשטעטיקט דידאָזיקע לאַגע: „מיין ביסל אַקטיאָרן זיינען אויך אויפגעלעבט געוואָרן. צו טאָן האָבן זיי געהאַט זייער ווייניק. קיין נייע שטיק האָט מען ניט אויפגעפירט. אַלע מאָל די אַלטע פּיעסן, וואָס זיי האָבן זיי שוין געשפּילט צו 20-30 מאָל. פאַר גרויס וואוילטאָג האָבן זיי זיך גענומען ליידנשאַפטלעך צו טרינקען דעם גוטן רומענישן וויין.״ — אָבער — „...די איבערגעאיילטע קאָנדיציאָנען, וואָס איך האָב געמאַכט מיט דעם שניידער [דער באַזיצער פון זאַל] האָט געלויטעט, אַז ער נעמט פאַרן סאַלאָן מיט באַלייכטונג 40 פּראָצענט ברוטאָ פון דער איינ-נאַמע, ווערנד פון מיינע 60 פּראָצענט האָט געמוזט אַראָפּגיין די וויכטיקסטע רעזשי-שפּעזן. מיינע אַקטיאָרן, אום זיי זאָלן מער חשק האָבן צו דער אַרבעט און אום איך זאָל דערוואַרעמען דעם חשק פון פּריוואַט-מענטשן זיי זאָלן זיך ווידמענען צו דעם פאַך, האָב איך געגעבן אומגלויבלעכע גאַזשעס. צוקערמאַן, מיין קאָמיקער, האָט אַליין גענומען אַ נאַכט אַכציק פראַנק. יעדע נייע דעקאָראַציאָן אָדער נייער קאָסטיום האָט מיך געקאָסט דריי מאָל אַזויפיל לויט דעם ווערט, אַבי עס זאָל זיין אַלץ וואָס איך האָב באַדאַרפט צום נייעם שטיק. איך וואָלט מיך אפשר געווען מער צוגעהערט צו דעם מאַטעריעלן געשעפט צו קלייבן קאַפּיטאַל, ווען איך זאָל געווען זיין דאַמאָלט אויף דער ערד, ניט אין הימל — . . . . איך בין מיינסטנס געווען פאַרטראָגן מיט מיין שאַפן, שרייבן און לערנען און האָב ערשט שפּעטער זיך אַרומגעקוקט ווי מען האָט מיר צעפלאָכטן די קאַסע. ווען איך האָב נאָר געמאַכט פאַר קאַסירער, געשעפטס-פירער, אָדער קאָנטראָלער, האָט זיך מיט מיר אָפּגערעכנט ווי מיט אַ טאַטען.״

ג. וויל טאַקע מער זיך ווידמען דער געשעפטלעכער זייט און וויל דעריבער צוציען אַנדערע שרייבער פאַר זיין רעפּערטואַר: „עס זיי-

נען — שרייבט ער — אויסגעוואַקסן אין דער צייט אין בוקאַרעסט פילע מיינע באַקאַנטע אויטאָרן פון רוסלאַנד, ווי א. ב. גאָטלאָבער, יצחק לינעצקי, לערנער און פילע אַנדערע. וויפיל איך האָב זיי געבעטן זיי זאָלן, אַלס מענטשן וואָס האַלטן אַ פעדער, פון מיינעטוועגן אָנשרייבן אַ טעאַטער-שטיק, איך וועל זיי גוט באַצאָלן, זיי האָבן מיך אָבער ניט געהערט. א. ב. גאָטלאָבער האָט גענוג גאָלד איבערגענומען ביי די פּאָדריאַדטשיקעס פאַר זיינע ביכער. לינעצקי האָט געהאַט אַ פּאָדריאַד צוצושטעלן פעסער צו האַלטן זויער-קרויט פאַר דער אַרמיי און האָט פאַרדינט טויזנטער. לערנער האָט איבערגענומען ביי די פּאָדריאַדטשיקעס גענוג לאָ-יחרץ-געלט, ער זאָל ניט דאָנאָסירן [מסרן] דער רעגירונג די געהיימניסע פונם שווינדל פון די אונטערנעמער. שייקעוויטש (שמ״ר), דעם פּאָפּולערן ראָמאַנען-שרייבער, דעם יידישען אייזשען סו, האָט זיך נאָך דעמאָלט ניט געחלומט, אַז ער וועט שרייבן ראָמאַנען, אָדער [די סוזשעטן] פון די ראָמאַנען איבעראַרבעטן אין פּיעסען. ער האָט דאַמאָלט צוגעשטעלט דער אַרמיי היי און האָבער פאַר די פערד. הכלל ! די גאַנצע אַרבעט איז געפאַלן אויף מיר. איך האָב אָנגעדרייט די אַדמיניסטראַטיווע געשעפטס-מאַשין, די רעדלעך זאָלן זיך שוין אַליין דרייען אונטן ביי דער קאַסע און איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אויבן אין מיין צימער צום שרייב-טיש און האָב מיך גענומען צו דער פעדער און צום אַנגאַזשירן און אויסאַרבעטן פרישע קרעפטע פאַר דער בינע.״

אָבער ג. איבערצייגט זיך באַלד, אַז ער מוז האָבן פאַר זיין טעאַטער אַ ספּעציעלן געשעפטס-פירער.

עס קומט אָן אין לאַזאַרס זאַל גראַדנער מיט זיין טרופּע און פּרובט קאָנקורירן מיט ג. טאַקע אין ג.׳ס פּיעסן. ג. פאַרוועהרט זיי געריכטלעך צו שפּילן דעם דאָזיקן רעפּערטואַר. גראַדנערס טרופּע פּלאַצט און אירע 2 הויפּט-כחות: ראָזע פרידמאַן און משה פינקעל גייען איבער צו ג. אין טרופּע.

ג. רופט איצט אַרויס צו זיך ליבערסקאָן, וועלכער ווערט פאַרוואַלטער פון דער טרופּע און באַלד דערויף פאָרן זיי גאַסטראָלירן אין גאַלאַץ, דערנאָך אין בראַאילאַ.

דורך דער צייט פון די גאַסטראָלן אין דער פּראָווינץ, איז דערוויל פאַרטיק געוואָרן אין בוקאַרעסט דאָס טעאַטער זשיגניצע, איינגעאָרדנט מיט אַ באַזונדערן קאָמפאָרט. אָבער כדי צוריקצופאָרן שפּילן אין בוקאַרעסט, האָט מען געמוזט האָבן נייע פּיעסען.

נאָך אין בוקאַרעסט האָט ג. (אָנגערעגט דורך אַ שמועס מיט דער אַקטריסע ראָזע פרידמאַן וועגן איר פּריוואַטן לעבן) אַדאַפּטירט אָפּענבאַדס אָפּערעטע „בלויבאַרט״ און אָנגעשריבן זיין אָפּערעטע „ברײַנדעלע קאָזאַק״ („טרוים-בילד אין 4 אַקטן מיט פּראָלאָג און עפּילאָג״), וועלכע איז באַלד אויפגעפירט געוואָרן מיט ראָזע פרידמאַן אין דער טיטל-ראָל, לייזער צוקערמאַן אַלס „יאַקאָב״ און משה טייך אַלס „גובערמאַן״.

דידאָזיקע פּיעסע איז שפּעטער געוואָרן איינע פון די גאַנגבאַרסטע אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער איבער דער גאַנצער וועלט.

דער סוזשעט פון דער פּיעסע און עטלעכע דיאַלאָגן פון איר געפינען זיך אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע. די פּיעסע איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. דער כתב-יד געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי יוו״א.

אין יענער צייט האָט אויך ג. אָנגעשריבן „די כשוף מאַכערין״ [באַקאַנט אונטער די נעמען „די צויבערין״, „קאָלדוניאַ״, „די באָבע יאַכנע״], וועלכע איז אויך באַלד געשפּילט געוואָרן.

דיזעלבע פּיעסע איז דעם 2 דעצעמבער 1922 אויפגעפירט געוואָרן דורכן מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער („די כשוף מאַכערין״, מוזיק פון אחרון אויפן סמך פון די פאַרשריבענע פאָלקס-מאָטיוון פון ז. קיסעלדאָרף און אברהם גאָלדפאַדען, רעזשי — א. גראַנאָווסקי, דעקאָראַציעס פון איסאַק ראַבינאָוויטש). דעם 11 מערץ 1925 ווערט דיזעלבע פּיעסע אויפגעפירט אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער [„די כישופמאַכערין״ (קאָלדוניאַ), באַאַרבעט אין צוויי טיילן און 8 בילדער פון מאָריס שוואַרץ, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען געצייכנט פון מאָוד און קאָטלער, אויסגעפירט פון א. טשערטאָוו, מוזיק אַראַנזשירט פון יוסף טשערניאַווסקי, רעזשי מאָריס שוואַרץ].

די פּיעסע איז זייט 1887 דערשינען אין אַ סך אויפלאַגעס.

15 מוזיק-נומערן פון „דיא צויבערין״, אַראַנזשירט פון ה. א. רוסאָטאָ, זיינען דערשינען אין ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני״.

שפּעטער האָט ג. אָנגעשריבן די פּיעסע „דער פּאָדריאַדטשיק״ אָדער „רוסיש-טערקישער קריג״. אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

די פּיעסע איז, קענטיק, לכתחילה געווען געשריבן מיט דער כונה אויסצולאַכן די בוקאַרעסטער סביבה פון די פּאָדריאַדטשיקעס, אָבער ווען דיזעלבע פּיעסע איז אין יאַנואַר 1880 אויפגעפירט געוואָרן אין אָדעס אונטערן נאָמען „דער אָנדענק פון פּלעוונע״ איז זי — לויט אַ רוסישן קאָרעספּאָנדענט (אין „רוסקי יעווריי״, נום. 7, 1880) — אַזוי איבערגעאַרבעט געוואָרן, אַז זי זאָל ניט פאַרשאַפן קיין אומאַנגענעמלעכקייטן די אָרטיקע פּאָדריאַדטשיקעס.

צו יענעם פּעריאָד געהערט אויך „טודרוס בלאָז״ אָדער „דער ליגנער״ (אָדער ווי די אַקטיאָרן פלעגן רופן די פּיעסע — „טודרוס דוי״). אויך דידאָזיקע פּיעסע איז באַלד אויפגעפירט געוואָרן און איז שפּעטער אַ לענגערע צייט געווען אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער.

אַ כתב-יד פון דער פּיעסע געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

זייט 1911 איז די פּיעסע דערשינען אין פיל אויפלאַגעס.

איצט שרייבט אָן ג. און פירט אויף זיין „ניע בע, ניע מע, ניע קוקוריקו״ אָדער, „קאַמף צווישן בילדונג און פאַנאַטיזם״.

די פּיעסע, וועלכע איז אַ געוויסע צייט געווען אין רעפּערטואַר פון די יידישע בינעס, איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי יוו״א.

אויף רוסיש איז די פּיעסע איבערגעזעצט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ ליברעטאָ פון ד. איוואַנאָוו און איז געדרוקט געוואָרן אין 1880 אין אָדעס און אין 1881 אין פּעטערבורג.

ערשט אַצינד איז די טרופּע צוריקגעפאָרן קיין בוקאַרעסט.

ס׳איז זייער כאַראַקטעריסטיש ווי אַזוי ג. פלעגט שרייבן זיינע פּיעסען. ליבערסקאָ דערציילט: „גאָלדפאַדען פלעגט גאַנץ אָפט אין מיטן נאַכט זיך אויפכאַפּן, ווייל עס איז אים איינגעפאַלן עפּעס אַ ליד, אַן איינפאַל, אַ וויץ אָדער אַ סצענע, פלעגט ער תיכף אַראָפּשפּרינגען פון בעט, און עס פאַרשרייבן. איינמאָל האָב איך געטראָפן ביי אים פאַרשריבן אַ ליד מיט קרייד אויף דער ערד. „ . . . גאָלדפאַדען פלעגט האָבן אַ טבע אָנצושרייבן די הויפּט-ראָלן פון זיינע פּיעסן צוגעפּאַסט צו זיינע אַקטיאָרן. ער האָט אויסגעצייכנט אויסשטודירט דעם כאַראַקטער פון זיינע הויפּט-אַקטיאָרן און נאָכדעם אָנגעשריבן אַ גרויסע ראָל, וועלכע האָט געהאַט אין זיך די זעלבע אייגנשאַפטן, וואָס דער אַקטיאָר, וועלכער האָט זי געדאַרפט שפּילן [אַזוי איז געווען דער פאַל מיט „די רעקרוטן״ און שפּעטער מיט „ברײַנדעלע קאָזאַק״, „שמענדריק״ א. א.], און ממילא איז דער אַקטיאָר געווען אויסגעצייכנט אין דער ראָל. גאָלדפאַדען האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ער וועט זיך מיט מיר צו מאַכן

פאַר מיר אַ ראָל, וועל איך באַקומען אַ נאָמען אַלס אַ גרויסער אַקטיאָר, כאָטש כ׳האָב קיינמאָל ניט געשפּילט. איך האָב זיך ניט געוועט, ווייל כ׳האָב געגלויבט גאָלדפאַדענען. אַלזאָ, אַזוי האָט ער געמאַכט „שמענדריק״ פאַר מאָגולעסקאָן און אַזוי „ברײַנדעלע קאָזאַק״ פאַר דער אַקטריסע ראָזע פרידמאַן. זי איז געווען אַזוי גלענצנדיק אין דער ראָל, אַז מען האָט גאָר פאַרגעסן ווי זי הייסט און אומעטום האָט מען זי גערופן „ברײַנדעלע קאָזאַק״. ווען זי פלעגט גיין אין גאַס, האָט מען איר נאָכגעוויזן מיט די פינגער: „אָט גייט ברײַנדעלע קאָזאַק״.״

ענלעכס דערציילט וועגן זיך ג.: „ווי אַזוי איך האָב פון צוקערמאַנען געמאַכט אַ באַרימטן יידישן קאָמיקער, איז געווען גאַנץ איינפאַך: איך האָב מיך באַשטרעבט אין זיין ראָלע אַרײַנצוגעבן אַ גרעסערע פּאָרציאָן וויץ אינם וואָרט, און מער קאָמיזם אין דער טעטיקייט. דערצו דער קאָמישער גרים און אַנצוג. איך האָב דאָס אַזוי געמאַכט, אַז דאָס ווערטע פּובליקום האָט אַבסאָלוט ניט געקאָנט מערקן, אַז אין דער גאַנצער באַוועגונג שטעקט אַן אויטאָמאַטישע פיגור.״

וועגן די באַציאונגען צווישן ג. און זיינע אַקטיאָרן דערציילט ליברעסקאָ: „פרוי גאָלדפאַדען, וואָס האָט באַמערקט די באַציאונג פון די אַקטיאָרן צו מיר, האָט איינמאָל געזאָגט צו גאָלדפאַדען אין מיין קעגנוואַרט: — די אַקטיאָרן האָבן ליברעסקאָן ליבער ווי דיך, ער וועט דיך נאָך אַרויסטרייבן פון דער טרופּע.

„גאָלדפאַדענס פרוי האָט ווירקלעך געהאַט אַ סבה צו זיין אייפערזיכטיק, וואָרום, דעם אמת געזאָגט, האָט גאָלדפאַדען, באַזונדערס זיין פרוי, שלעכט באַהאַנדלט די אַקטיאָרן און זיי האָבן אים ניט ליב געהאַט, נאָר זיי האָבן זיך געפילט אַן אים הילפלאָז און האָבן געגלויבט, אַז אָן זיינע פּיעסן קאָנען זיי ניט מאַכן קיין לעבן.

„גאָלדפאַדענס פרוי האָט דאָס פאַרשטאַנען און איינמאָל האָט זי גאַנץ אָפן אַרויסגעזאָגט:

— נאָך אַ נס, וואָס גאָלדפאַדען שרייבט פּיעסן, ווען ניט, וואָלט מען אים אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן.״

דערווייל האָט זיך געענדיקט די מלחמה און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע צייט פאַרן יידישן טעאַטער.

ב. גאָרין שרייבט וועגן דעם: „הגם מ׳האָט זיך געדאַרפט ריכטן, אַז די מלחמה וועט אייביק ניט געדויערן און פריער אָדער שפּעטער וועט זי זיך ענדיקן, האָט אָבער קיינער וועגן דעם ניט געטראַכט. מען האָט געגלויבט, אַז אַזאַ איז געוואָרן דער צושטאַנד פון יידישן טעאַטער און די שפע וועט אַלעמאָל אָנהאַלטן. נאָר דאָ איז געקומען איין באַריכט נאָכן צווייטן, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט און דער גאַנצער קאָך אַרום דעם קאָמיסאַריאַט איז מיט אַמאָל שטילער געוואָרן. איינער נאָכן צווייטן האָבן די יידישע פּאָדריאַדטשיקעס פאַרפּאַקט זייערע זאַכן צוזאַמען מיטן אָנגעקליבענעם גאָלד און געלאָזט זיך פאָרן צוריק אַהיים, און איידער מען האָט זיך גוט אַרומגעקוקט, איז קיינער פון די אָנגעלאָפענע ניט געבליבן, אַ חוץ יענע, וואָס האָבן ניט געהאַט אויף הוצאות. מיטן אויפהערן פון דעם גאָלדענעם מבול האָט אויך אויפגעהערט די שפע אין יידישן טעאַטער. עס איז ווידער געבליבן דער זעלביקער אָרעמער עלעמענט, וואָס האָט פּאַטראָניזירט [אונטערשטיצט] די יידישע בינע פאַר דער מלחמה. די בענקלעך זיינען געבליבן האַלב אָדער דרייפערטל ליידיק, אין דער קאַסע איז געווען אַ חושך. נאָר אויב פאַר דער מלחמה האָבן די דירעקטאָרן און אַקטיאָרן צופרידנגעשטעלט זיך מיט אַזאַ צושטאַנד אין דער האָפנונג אויף בעסערע צייטן, האָבן זיי איצט בשום אופן ניט געקאָנט בלייבן צופרידן, נאָכדעם ווי זיי האָבן געלעבט אַזאַ גוטן טאָג. אין יאַסי איז מאָגולעסקאָס טרופּע באַלד נאָך דער מלחמה צעשלאָגן געוואָרן און

די אַקטיאָרן האָבן זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד. אין בוקאַרעסט האָט גאָלדפאַדען איינגעזען, אַז דאָרטן איז שוין מער קיין פּלאַץ פאַר אים ניט געבליבן און ער האָט איצט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן רוסלאַנד.״

ג. האָט אין יענער צייט באַקומען אַ בריוו פון זיין שוואָער ווערבעל אין אָדעס, אַז צוריקגעקומענע פון רומעניע דערציילן דאָרט וואונדער וועגן יידישן טעאַטער אין רומעניע. אין אָדעס האָבן דאַמאָלט שוין געשפּילט יידיש טעאַטער ישראל ראָזענבערג מיט אייניקע יונגעלייט, וועלכע האָבן נאָכקאָפּירט די פּיעסן און דאָס שפּילן פון ג.׳ס טרופּע, וואָס זיי האָבן געזען אין רומעניע. דאָס פּובליקום האָט אָבער געוואַרט אויף די „אמתע״ אַקטיאָרן פון רומעניע.

יעקב פּ. אַדלער דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ווען ער האָט פון ישראל ראָזענבערג זיך דערוואוסט וועגן ג.׳ס טרופּע, האָט ער אין אַן אָדעסער רוסישער צייטונג פאַרעפנטלעכט אַ בריוו, אין וועלכן ער בעט, אַז ג. מיט זיין טרופּע זאָל קומען אין אָדעס.

פאַרזעצט ג. אַ רינג און פאַר פּסח 1879 לאָזט ער איבער די טרופּע אין רומעניע און פאָרט צוזאַמען מיט ליברעסקאָ קיין אָדעס.

אין אָדעס, וואו זיי האָבן באַקומען אַ גרויסן קבלת-פּנים (אייניקע הונדערט מאַן זיינען געקומען צום וואָקזאַל באַגריסן ג.), האָבן זיי געטראָפן שפּילן אין „רעמעסלענני [האַנטווערקער] קלוב״ ראָזענבערג מיט אייניקע יונגעלייט. ג. האָט דערווייל אין דער שטיל צוגעהאָלפן ראָזענבערגס טרופּע, ביז דער תבואה-סוחר און מעצענאַט קאָהן באָרגט אַ געוויסע סומע און ליברעסקאָ פאָרט קיין בוקאַרעסט ברענגען די טרופּע, וועלכע באַשטייט דאַמאָלט פון 42 פּערזאָן: די אַקטיאָרן און זייערע פאַמיליעס, אייניקע מוזיקאַנטן און אויך עטלעכע בעלי-חובות, וועלכע פאָרן מיט כדי אָפּצוקריגן זייער געלט.

דעם 7 אַפּריל (א.ס.) 1879 האָט די טרופּע אָנגעהויבן שפּילן (אין „רעמעסלענני קלוב״) „קאָלדוניאַ״ (די כשוף-מאַכערין). די בילעטן פאַר די ערשטע פאָרשטעלונגען זיינען תיכף אויספאַרקויפט געוואָרן, מען פלעגט איבערצאָלן די פּרייזן. דער עולם איז געווען פאַרכאַפּט פון שפּילן. עטלעכע וואָכן האָט דאָ די טרופּע געשפּילט צו 4-5 מאָל אַ וואָך ביי אַ פול געפּאַקטן זאַל.

ליברעסקאָ דערציילט: „געלט האָט אָנגעהויבן פליסן צו אַלדע רוחות. מ׳האָט זיך געוואָרפן מיט געלט ווי מיט בלאָטע. גאָלדפאַדען האָט גענומען אייניקע צימערן אויף רישעלעווסקאַ (שפּעטער פּושקינסקאַיאַ) גאַס און דאָרט געעפנט אַ טעאַטראַלנאַיאַ קאָנטאָרע. גאָלדפאַדען אַליין האָט זיך דאָרט געהאַט אַ באַזונדער צימער. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ שווייצאַר אין אַן אוניפאָרם, און ווער עס האָט געוואָלט אַרײַנגיין, אַפילו אַן אַקטיאָר פון דער טרופּע, האָט מען געמוזט פריער זיך מעלדן.״

ווען די טרופּע פירט אויף „ברײַנדעלע קאָזאַק״ מיט מאַרגאַרעטאַ שוואַרץ אין דער טיטל-ראָל, ברעכט אויס אין טעאַטער אַ סקאַנדאַל מצד פיל באַזוכער, וועלכע האָבן געזען אין רומעניע ראָזע פרידמאַן אין דערדאָזיקער ראָל, און אויף זייער פאַרלאַנג ברענגט מען ראָזע פרידמאַן פון יאַסי, וואו זי האָט שוין דערווייל געשפּילט מיט אַן אייגענער טרופּע.

דעם 12 מאַי 1879 איז ג.׳ס טרופּע אַריבער פון „קלוב״ אין מאַרינסקי טעאַטער, וואו מען האָט באַלד אויפגעפירט „ברײַנדעלע קאָזאַק״ מיט ראָזע פרידמאַן. דאָס טעאַטער איז געווען איבערפולט. „האָט מען — לויט ליברעסקאָ — אָנגעהויבן ערשט אַ לעב צו טאָן: נעבן אָדעס איז פאַראַן אַ דאַטשע און לעב-אָרט אַקערזש, וואָס מען האָט גערופן אויף דייטש „ליבענטאַל״, ווייל עס איז געווען נעבן דייטשישע קאָלאָניעס. אָט דאָרט האָט זיך גאָלדפאַדען באַזעצט מיט דער גאַנצער טרופּע. יעדער האָט זיך גענומען

אייניקע צימערן. די חברה צוזאמען האבן פארנומען אפשר א האלב דארף און אז א גביר האט געוואלט דארט ארויספארן, האט ער שוין ממש נישט געהאט קיין ארט. אזוי ווי ליבענטאל ליגט איבערן טייך, האט די טרופע זיך אפגעדונגען אייגענע שיפלאך אויפן טייך, און זי האט אויך געהאט ספעציעלע אפגעדונגענע 3 ליניי־קעס (צופאר־וואגאנעס), וועלכע האבן צוגעפירט נאר די טרופע."

די ארטיקע רוסישע פרעסע, וועלכע האט אין אנהייב אויפגענומען מיט רעזערוו ג. און זיין טרופע, האט באלד נאך די ערשטע פארשטעלונגען אנגעהויבן געבן ווארעמע נאטיצן און כסדר באטאנט, אז ג. פארדינט א דאנק וואס אין זיינע פיעסן פירט ער „אן אפענעם, אומדערשראקענעם קאמף מיטן פאנאטיזם פון יידישן פאלק."

אבער דידאזיקע גינסטיקע לאגע האט ניט לאנג אנגעהאלטן. ג. האט — לויט י. רימיניק — ניט געהאט קיין דערלויבניש אויף צו שפילן רעגולער טעאטער, נאר אויף איינצוארדנען „ליטעראריש־מוזיקאלישע אוונטן" און דערפאר האט ער אפנים נישט באנוצט אויף די אפישן דעם טערמין „אקטן" נאר „אפטיילונגען", ווי מען איז זיך געוויינלעך נוהג ביי „אוונטן". די ארטיקע רוסישע צייטונג „נאווי טעלעגראף", וועלכע האט ניט ארויסגעוויזן קיין איבריקע סימפאטיע צו ג.'ס טעאטער, האט דעריבער אמאל בפירוש געשריבן: „מיר מיינען, אז אויף דעם סמך [פון ניט האבן א דערלויבניש] דארף פארבאטן ווערן גאלדפאדענען צו געבן טעאטער־פארשטעלונגען", און דער דאזיקער פארבאט איז טאקע באלד געקומען. וועגן דעם ענין שרייבן נ. אויסלענדער און או. פינקעל: „מצד דער צענזור און דער מאכט בכלל באגעגנט גאלדפאדען געוויסע שטערונגען, אבער עס גיט זיך אים איין צו באזייטיקן זיי. אין אייניקע חדשים נאכדעם ווי דער טעאטער האט שוין געזייערט זיין דערפאלג אין אדעס, האט זיך פלוצלונג די דראמאטישע צענזור אין פעטערבורג ארומגעזען, אז גאלדפאדענס פיעסן זיינען ניט באשטעטיקט געווארן דורך דער הויפט־צענזור־פארוואלטונג. זיי פלעגן בלויז דורכגעקוקט ווערן דורך דעם אדעסער יידישן צענזאר. די פארשטעלונגען זיינען פארבאטן געווארן."

ג. פארט דאמאלט קיין פעטערבורג זיך משתדל זיין און ליברעסקא מיט דער טרופע פארן קיין יאסי, וואו זיי שפילן אייניקע חדשים אין „פאמול ווערדע", ביז עס קומט פון ג. א טעלעגראמע, אז ער האט באקומען א דערלויבניש צו שפילן יידיש טעאטער איבערן גאנצן תחום־המושב פון רוסלאנד.

סוף 1879 איז די טרופע צוריקגעקומען אין אדעס, און נאכן שפילן דא א קורצע צייט, איז זי אפגעפארן מיט ג. קיין ניקאלאיעוו. גלייכצייטיק ארגאניזירט ג. אונטער דער אנפירונג פון זיין ברודער נפתלי א צווייטע טרופע, וועלכע ער שיקט אוועק שפילן אין קעשעניעוו [לויט ב. גארין האט נפתלי געפירט די טרופע צוזאמען מיט א געוויסן קרוג, וועלכער האט באקומען פאר ג. די דערלויבניש צו שפילן; לויט יעקב פ. אדלער איז די טרופע געשטאנען אונטער דער פירונג פון ג.'ס ברודער נפתלי און פון ישראל ראזענבערג].

אבער דידאזיקע 2 טרופעס זיינען מער ניט די איינציקע. אייניקע אקטיארן, וועלכע זיינען ארויס פון ג.'ס טרופע, האבן פאר זיך צוזאמענגעשטעלט באזונדערע טרופעס. איינע פון זיי, וועלכע ווערט אנגעפירט פון מאגולעסקא און יאזעף לאטיינער, (וועלכער האט פאר דער טרופע געשריבן פיעסן), פארמעסט זיך אפילו צו קאנקורירן מיט ג. און זי קומט אין אדעס (27 מערץ 1880). אזוי ווי ג. האט שוין פון פריער זיך געגרייט צו מאכן א טורנע, פארט ער מיט זיין טרופע קיין פאלטאווע, וואו ער שפילט א קורצע צייט און קומט ווידער (אין אפריל 1880) אויף א קורצער צייט אין אדעס. פון מאי ביז אין מיטן יוני 1880 שפילט ג.'ס טרופע אין ראסטאוו און דעם 20 יוני 1880 הייבט זי אן שפילן אין כארקאוו, וואו זי בלייבט אייניקע וואכן.

אין משך פון דערדאזיקער צייט שרייבט אן ג. און פירט אויף זיין קאמעדיע „דער פאנאטיק" אדער „דיביידע קוני לעמעל".

לויט ליברעסקא איז דער אריגינאל פון דער פיעסע א דייטשיש ביכל „נאטהאן שלומיאל", וועלכעס לאטיינער האט שפעטער פאר זיין טרופע באארבעט אלס פיעסע א"נ „די צוויי שמואל שמעלקעס".

צוערשט איז די קאמעדיע געשפילט געווארן אונטערן נאמען „דער פאנאטיק", נאר שפעטער איז זי ס'רוב געשפילט געווארן אונטערן נאמען „קוני־לעמעל", וואס איז געווארן א שם־דבר ביי די טעאטער־גייער.

די קאמעדיע איז ביז היינט צו טאג אין רעפערטואר פון יידישן טעאטער.

אין 1924 איז די קאמעדיע אין א נייער אינסצעניזאציע פון ז. טורקאוו אויפגעפירט געווארן אין ווארשעווער צענטראל־טעאטער.

דעם 25 יאנואר 1924 איז די קאמעדיע אין א מאדערניזירטער פארם אויפגעפירט געווארן אין ניו־יארקער יידישן קונסט־טעאטער (רעזשי — מארים שווארץ, דעקאראציעס — סעם אסטראווסקי, מוזיק — אברהם גאלדפאדען, רעאראנזשירט א. אלשאנעצקי).




שער־בלאט פון דער ווארשעווער אויסגאבע

אין 1926 האט דער יידישער מלוכה־טעאטער אין אוקראאינע אויפגעפירט „ביידע קוני לעמל", א קאמעדיע־וואדעוויל אין 3 אקטן, 8 עפיזאדן. שטעלונג און טעקסט־מאנטאזש פון אפרים לויטער, קינסטלער [דעקאראציעס] — ראביטשעוו, מוזיק — שטיינבערג, טענץ — באיקא.

י. קאנטאר שרייבט אין „די רויטע וועלט" וועגן דער אויפירונג: „אידעאלאגיש האט די באארבעטונג פון דער פיעסע געשאפן א

בייסיקע סאַטירע אויפן אַמאָליקן יידישן שטייגער, שטעמפּלענדיק אים אינגאַנצן מיט אַ שאַרף אויסגעדריקטן וואָדעווילישן קאָלאָריט. דערביי האָט ער [דער טעאַטער] זיך שטאַרק אָפּגעהיט צו איבערבויען די פאַבולע אַזוי, אַז זי זאָל זיין נאָנטער צו אונזער היינטאָגיקייט. און אפשר איז ער גערעכט. פאַר אַ יובילֵיי-ספּעקטאַקל פּאַסט מער אויסגעהאַלטנקייט אין סטיל פון גאָלדפאַדענס נאַאיווער פאַבולע. ער האָט, מער ניט, אַרויסגעוואָרפן די אַלע משכּיליש-דאָקטרינערישע און פּאַזיטיוו-העלדישע ראָלן און פאַרביטן זיי מיט קאַריקאַטורן. דער טעאַטער איז, אַזוי צו זאָגן, צוגעגאַנגען צו גאָלדפאַדענען און געגעבן אים „פון דעם שטאַנדפּונקט פון אונזער צייט", אָט אַזוי ווי זיי, די קעמפער פאַר „השכּלה בת השמים", די יידישע „זאַפּאַדניקעס" זעען אונז אויס (קאַראַלינאַ פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט, אויף אָט דעם פאָן געוויזן אונז דעם פּשוטן עמך פון יענער צייט, דעם יידישן פריילעכן קבצן, דעם בעל-מלאכה-יונג. די אַריינגעפירטע אינטעראָדיעס [אינטערמעדיעס און אינטערמעצאָס] בינדן זיך כּמעט אינגאַנצן ניט מיט דעם טעקסט, אויב ניט רעכנען דאָס, וואָס זיי ווערן געגעבן אַלס פּאָליטישע פּאַראָדיעס פון קוני-לעמעל-שפּיל".

דעם 6 אָקטאָבער 1927 איז די קאָמעדיע אין העברעאיש [פריי לויט דער איבערזעצונג פון מר—דרור] אויפגעפירט געוואָרן אין תּל-אביב (רעזשי נחמן זיבעל, מוזיק [באַאַרבעט] פון גבריאל גראַד, קאָסטיומען און דעקאָראַציעס פון א. סיגראַד.)

אַ מאַנוסקריפּט פון דער פּיעסע געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

זייט 1887 איז די קאָמעדיע דערשינען אין פיל אויפלאַגעס.

10 מוזיק-נומערן פון „קוני לעמעל", אַראַנזשירט פון יאָזעף רומשינסקי, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני".

אין העברעאיש איז די קאָמעדיע אין דער איבערזעצונג פון מר-דרור געווען געדרוקט אַלס ספּעציעלע ביילאַגע צו דער „השקפה" אין ירושלים און איז דערנאָך דערשינען אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע.

ווי ב. גאָרין גיט איבער, האָט גאָלדפאַדען זיך דערוואוסט, אַז „מאָגולעסקאָ קלייבט זיך צו שטעלן לאַטיינערס אַ פּיעסע „די ליבע פון ציון", אַ שטיק, וואָס איז געווען גענומען פון ווערבעלס „בור וחולדה" און פון מאַפּוס „אהבת ציון". איצט האָט זיך גאָלדפאַדען דערמאָנט, אַז נאָך אין רומעניען האָט ער אנגעהויבן צו שרייבן אַ פּיעסע „שולמית", וואָס האָט זיך אויך געשטיצט אויף „בור וחולדה", און ער האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט איצט געפילט, אַז ער דאַרף עפּעס אויפטאָן, און אויפטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל קלאָר און דייטלעך מאַכן, אַז די בינע האָט נאָר איין צויבערער און דאָס איז קיין אַנדערער ווי גאָלדפאַדען. אין ניקאָלאַיעוו האָט ער „שולמית" געענדיקט און דאָרטן אויפגעפירט און זי האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רעש. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווי מען האָט געזען אויף דער יידישער בינע [אין רוסלאַנד] אַ היסטאָרישע פּיעסע. דער דערפאָלג איז געווען אַזאַ גרויסער, אַז מען האָט אנגעהויבן צו שפּילן יעדן אָוונט, אויך פרייטאג צונאַכטס. . . . „שולמית" איז אַן אָפּערעטע און די מוזיק האָט גאָלדפאַדען אַליין געשאַפן. גאָלדפאַדען איז ניט געווען קיין מוזיקער, נאָר ער האָט ליב געהאַט נגינה און געהאַט דערין אַ בעל-הביתישן באַגריף. . . [זילבערבוש דערציילט, אַז ג. „קלאַפּט שטייענדיק מיט די שפּיץ-פינגער אויף די ביינדלעך". דער מוזיקער דוד הירש גיט איבער, אַז ג. האָט ניט געקענט קיין נאָטן און פלעגט זיך פאַרצייכנען די ניגונים, וועלכע זיינען אים איינגעפאַלן דורך אייגענע נאָטן-סימנים. אין אַ טייל פּיעסן איז די מוזיק געווען





אַ דאָפּלטע: אין רוסלאַנד, למשל, פלעגט מען שפּילן די פּיעסען מיט מאָטיוון גענומען פון רומעניש און אין רומעניע — מיט רוסישע מאָטיוון] . . . דאַמאָלט האָט מאָגולעסקאָ געשפּילט אין זיין [ג.'ס] קאָמפּאַניע און אַזוי ווי דער לעצטער איז געווען אַ מנגן, האָט ער זיך מיט אים מישב געווען וועגן דער מוזיק. און מאָגולעסקאָס השפּעה פאַרשפּרייט זיך כּמעט איבער דעם גאַנצן ערשטן אַקט. דאָס האָט ער צוגעפּאַסט וועלוועלע שעסטאָפּאָלערס „לך השם הגדולה" צום ערשטן כאָר „אָנגעלאַדן מיט אַלעם גוטס". די סאָלאָ, וואָס שולמית זינגט ווען זי פאַרבלאָנדזשעט: „לאָז זשע דיין נס" איז גענומען פון זעלביקן וועלוועל שעסטאָפּאָלערס „ד' זכרני" (הלל) און אַזוי כּמעט דורך דעם גאַנצן אַקט. . . . עס איז אויך נויטיק צו באַמערקן אַז גאָלדפאַדען האָט אַליין אויך געשאַפן ניגונים פאַר „שולמית". אין צווייטן אַקט איז גאָלדפאַדענס „קום צו מיר, דו שיינער בחור" ווי אויך דער געזאַנג פון חתן און כאָר און דאָס גלייכן. די מוזיק פון דעם „פאַסטוכל" [די פאַסטוך-סאָלאָ ביים „פלאַקער פייערל"] האָט געגעבן מינדל צוקערמאַן פון אַ טערקישן ליד."

דער טעקסט און די מוזיק צום ליד „פון צווייגן די פידלען", וועלכעס איז מיט יאָרן שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אין „שולמית", איז געשריבן פון לעמבערגער אויבער-קאַנטאָר האַלפּערן.

ב. גאָרין דערציילט, אַז בעת די טרופּע א"ר פון סופלער בערגער האָט [בערך 1883] אין בערלין אויפגעפירט „שולמית" אויף אַ פּראָבע-פאָרשטעלונג פאַר קינסטלער, האָט פּראָפ יאָאַכים געבעטן צוקערמאַנען צו שיקן אין זיין נאָמען אַ דאַנק צו ג. פאַר דער מוזיק פון צווייטן אַקט.

„שולמית" איז געשפּילט געוואָרן אויף אַלע יידישע בינעס.

די מוזיק פון „שולמית" איז שפּעטער רעאַראַנזשירט געוואָרן אין פּוילן דורך יצחק שלאָסבערג און דורך יאָזעף רומשינסקי אין ניו-יאָרק. שלום סעקונדאַס באַאַרבעטונג פון „שולמית" אין אָפּערע-פאָרם (3טער אַקט) איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1922, אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט-טעאַטער. דער 1טער אַקט פון דער דאָזיקער באַאַרבעטונג אַלס אָפּערע איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1928 אין ברוקלינער ראָלאַנד-טעאַטער און אַ טייל פון 2טן אַקט אין זעלבן טעאַטער אין 1929.

דעם 27 יאַנואַר 1929 איז א"ל פון יאָזעף רומשינסקי דורכגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרק „שולמית" אויף דער ראַדיאָ.

זייט 1886 איז די פּיעסע דערשינען אין פיל אויפלאַגעס אין פאַרשיידענע לענדער. אין 1911 איז אין גאַליציע דערשינען אין יידיש אַ ליברעטאָ פון דער פּיעסע און דער טעקסט פון די לידער.

25 מוזיק-נומערן פון „שולמית", אַראַנזשירט פון ה. א. רוסאָטאַ, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני".

„שולמית" איז אין 1888 אונטערן איינפלוס פון יונאַשאַ קלעמענסעס איבערזעצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור, איבערזעצט געוואָרן אין פּויליש און אויפגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג אין אַ פּויליש טעאַטער.

יהושע מזח גיט איבער אין זיין ביכל „במת ישחק", אַז „שולמית" איז איבערזעצט געוואָרן אויף פּויליש פון י. בערנאַס און איז דורך פּוילישע אַקטיאָרן געשפּילט געוואָרן אין טעאַטער „אַלהאַמבראַ" [אין וואַרשע] 9 מאָל נאָכאַנאַנד.

בערך 1899 איז „שולמית" אויפגעפירט געוואָרן אַלס „ליריש-ראָמאַנטישע אָפּערע אין 4 אַקטן" אין אונגאַריש אין אַ בודאַפּעסטער טעאַטער. דערביי איז אַלס מחבר פון דער אָפּערע אָנגעגעבן געוואָרן א י ז י ד אָ ר גאָלדפאַדען און אַלס קאָמפּאָזיטאָר עמנואל דאַווידזאָן [מסתמא דער אַראַנזשירער פון דער מוזיק].

די אויפֿירונג האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג און איז אַ לענגערע צייט געגאַנגען ביי אויספֿאַרקויפֿטע הייזער.

ג. האָט זיך געפֿילט באַליידיקט דערפֿון וואָס מ'האָט איבערגעדרייט זיין נאָמען און אָנגעגעבן אַ פֿרעמדן נאָמען אַלס קאָמפּאָזיטאָר און ער האָט וועגן דער פֿראַגע אָפּגעדרוקט אַ גרעסערן אַרטיקל אין דער יידיש-דייטשער צייטשריפֿט „די וועלט“ (19, 1900), אין וועלכן ער גיט איבער וויכטיקע אינפֿאָרמאַציעס וועגן זיין קאָמפּאָזיטאָרישער טעטיקייט.

ג. האָט אויך שפּעטער פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס קעגן אונגאַרישן טעאַטער וועגן האָנאָראַר און דער פּסק-דין פֿון אונגאַרישן געריכט איז געווען, אַז בלויז דער טעקסט איז ג.'ס, בעת די מוזיק איז דורך אים נאָר צונויפֿגעקליבן.

אויך אין העברעאיש איז דערשינען אַ איבערזעצונג פֿון „שולמית“ פֿון יעקב לערנער, .אָבער זי איז קיינמאָל ניט אויפֿגעפֿירט געוואָרן.

אין ענגליש איז „שולמית“ איבערזעצט געוואָרן פֿון אברהם בלום אין יאָזעף רומשינסקים באַאַרבעטונג אַלס אָפּערע. די איבערזעצונג איז ניט אויפֿגעפֿירט געוואָרן.

אויף רוסיש איז „שולמית“ איבערזעצט געוואָרן פֿון א. ליכטענשטיין און איז אַ סך מאָל געשפּילט געוואָרן. עס זיינען אויך באַקאַנט אויפֿפֿירונגען פֿון „שולמית“ אויף אוקראַאיניש אין די איבערזעצונגען פֿון די אוקראַאינישע פּיעסן-שרייבער סוכאָדאָלסקי און קאַליסניטשענקאָ.

אין ריגע איז דערשינען אין 1883 אַ ליברעטאָ פֿון „שולמית“ אויף דייטש (6 ז.)

יעקב מעסטעל האָט אין די יאָרן פֿון דער וועלט-מלחמה געזען אין אונגאַרן אַ פֿילם „שולמית“, אויסגעפֿירט פֿון אַן אונגאַרישער טרופּע.

ביז סוף 1880 באַזוכט ג. מיט זיין טרופּע דאָס רוב נאָר די שטעט פֿון דרום-רוסלאַנד (נאָך ניקאָלאַיעוו שפּילט ער אַ קורצע צייט ווידער אין אָדעס, דערנאָך אין יעליסאַוועטגראַד, קרעמענטשוג, כאַרקאָוו א. א.). דאָ האָט ער די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַ נייעם עולם, וואָס האָט אַרויסגעוויזן ניט נאָר פֿרייע באַגייסטערונג פֿאַר זיין טעאַטער, נאָר אויך אַ נייע מין אָפּשאַצונג פֿון זיינע פֿאַרדינסטן. אָבער אין דער זעלבער צייט ווערט אין דער רוסיש-יידישער פּרעסע און אין דער קלעריקאַלער צייטונג „הישראלי“ אין מיינץ געפֿירט אַן אָרגאַניזירטער סיסטעמאַטישער קאַמף קעגן ג., וועלכער „פֿאַרשפּאָטעט דאָס יודנטום [און] אהנט דעם יודנטום זאָלכע אַפּשוילִיכע זאַכען (ווי גנבה, רציחה, שכרות).“

וועגן די גאַסטראָלן פֿון ג.'ס טרופּע אין מאָסקווע (וואו זי האָט געשפּילט אין זומער-טעאַטער פֿון דייטשן קלוב פֿון 3(15) אויגוסט ביזן (28) 16 סעפּטעמבער 1880), שרייבט ב. גאָרין: „דאָ איז די גאַנגבאַרסטע סחורה געווען „שמענדריק“ און דאָס פּובליקום איז געווען אַ געמישטע[ס]. מען רעכנט, אַז אַ העלפֿט באַזוכער זיינען געווען קריסטן און אַזוי גיך ווי די ערשטע פֿאָרשטעלונגען זיינען געגעבן געוואָרן, האָט מען אָנגעהויבן צו באַגריסן יידן אין די מאָסקווער גאַסן מיטן נאָמען „שמענדריק“. וואו נאָר אַ קריסט האָט באַגעגנט אַ יידן, האָט ער אים גערופֿן שמענדריק. דאָס איז זייער ניט געפֿעלן געוואָרן די מאָסקווער יידן און זיי האָבן אָנגעהויבן מורמלען קעגן גאָלדפֿאַדען. די יידישע אינטעליגענץ האָט אים אויפֿגעוואָרפֿן, אַז מיט זיינע שטיקער ברענגט ער אַ חרפּה אויפֿן יידישן נאָמען און מ'איז אים אַזוי דערגאַנגען די יאָרן, אַז נאָכדעם ווי זיין טרופּע האָט דאָרט געשפּילט דריי חדשים, [לויט



א. גורשטיין — נאָך 14 פֿאָרשטעלונגען אין משך פֿון 6 וואָכן], האָט ער ערקלערט צוקערמאַנען, אַז ער איז שוואַך און אויסגעמאַטערט און ער וויל אָפּרוען, און דערביי האָט ער אים געמאַכט אַ פֿאָרשלאַג, אַז ער [צוקערמאַן] זאָל נעמען די טרופּע און אַוועקלאָזן זיך אין דער ליטע און אַליין איז גאָלדפֿאַדען אַוועקגעפֿאָרן נאָך קיעוו.“

סוף סעפּטעמבער 1880 האָט פֿאַקטיש אַ טייל פֿון ג.'ס טרופּע א"פּ פֿון לייזער צוקערמאַן געשפּילט אין מינסק, אָבער אַ צווייטער טייל פֿון דער טרופּע מיט ג. אין דער שפּיץ איז געפֿאָרן קיין בערדיטשעוו.

סוף 1880 און אין די ערשטע חדשים פֿון 1881 איז ג. מיט דער טרופּע אַרומגעפֿאָרן איבער באַלטאַ און דערמיט האָט זיך פֿאַרענדיקט זיין ערשטע גרעסערע נסיעה איבער רוסלאַנד.

„עס איז קלאָר — שרייבן נ. אויסלענדער און או. פֿינקעל — אַז בעת דער רייזע, וואָס האָט געבראַכט גאָלדפֿאַדען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט אַזאַ אומגעהויער ברייטער אוידיטאָריע, איז דער וועזן פֿון גאָלדפֿאַדענס טעאַטער ניט געבליבן אומפֿאַרענדערט, פֿאַרגליווערט. שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס אין פֿאַרלויף פֿון דער רייזע פֿלעגן אין פֿאַרשיידענע שטעט צוקומען נייע אַקטיאָרן, על פּי רוב פּשוטע פֿאָלקס-מענטשן, מיט אָרגאַנישער פֿאָלקסטימלעכער באַציאונג צו טעאַטער-שפּיל, האָט דאָך גאָלדפֿאַדענען געמוזט ציען צו באַגעגנען זיך מיט דער סביבה פֿון די פּעטערבורגער און מאָסקווער מפֿונקים ,וואָס האָבן שוין עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד מיט אומצוטרוי און גרינשעצונג צוגעזען דעם טריומף פֿון גאָלדפֿאַדענס טעאַטער.“ אָבער — „... מיר ווייסן ניט וועלכע סבות האָבן אַזוי לאַנג אָפּגעהאַלטן גאָלדפֿאַדענען פֿון באַזוכן די ליטווישע שטעט. עס קאָן זיין, אַז דאָ האָט מיטגעווירקט דאָס, וואָס דער דיאַלעקט אויף וועלכן עס האָבן גערעדט גאָלדפֿאַדענס אַרטיסטן און גאָלדפֿאַדען אַליין אויך, איז געווען דער דרום-דיאַלעקט, וואָס האָט געקאָנט אין דער ליטע שטערן דעם טעאַטראַלן עפֿעקט. אָבער אינגיכן זיינען געקומען געשעענישן, וועלכע האָבן געצוואונגען גאָלדפֿאַדענען אָפּצוזאָגן זיך פֿון זיין מאַרשרוט איבער דרום-רוסלאַנד. אין אַפּריל 1881 [אגב איז ג. שוין פֿריער אַוועק פֿון דרום-רוסלאַנד] האָט זיך אויפֿגעהויבן אין דרום-רוסלאַנד די פּאָגראָם-כוואַליע, פֿון וועלכער עס האָבן געליטן דער הויפּט די אָרעמסטע שיכטן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. דאָס האָט געמוזט שטעלן אונטער אַ געפֿאַר די עקסיסטענץ פֿון גאָלדפֿאַדענס טעאַטער. גאָלדפֿאַדענס טעאַטער, וואָס האָט אַלע מאָל געהאַט די לעבעדיקסטע באַהעפֿטונג מיט די אָרעמסטע שיכטן, האָט גלייך געמוזט דערפֿילן די אָנגעקומענע פֿאַראָרעמונג און רואינירונג פֿון די יידישע מאַסן. אויפֿן דרום איז ניט געבליבן קיין אָרט פֿאַרן יידישן טעאַטער. גאָלדפֿאַדענס טרופּע ציט זיך איבער אין יענע געגנטן, וועלכע זיינען געווען מער געזיכערט פֿון דער פּאָגראָם-כוואַליע“.

לויט יעקב פּ. אַדלערס זכרונות, האָט ג.'ס טרופּע געשפּילט „שולמית“ אין דווינסק, וואו עס איז דעם 1 מערץ 1881 (צוליב דער דערמאָרדונג פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן) פֿאַרווערט געוואָרן צו שפּילן. די טרופּע איז שפּעטער געפֿאָרן קיין מינסק, וואו זי איז איבערגעגאַנגען אין אַ „מאַרקן-געשעפֿט“. באַלד אָבער האָט ג. ווידער איבערגענומען די דירעקציע און אין זומער 1881 האָט אַדלער אָנגעפֿירט אַ סטרייק אין דער טרופּע קעגן ג.

אין יולי 1881 איז ג. מיט דער טרופּע [א"פּ פֿון ג. און צוקערמאַן] אָנגעקומען אין פּעטערבורג און דעם 23 יולי (א.ס.) איז אין קרעסטאָווער גאָרטן פֿאָרגעקומען די ערשטע פֿאָרשטעלונג. די מיינונג פֿון דער רוסישער פּרעסע בנוגע דעם כאַראַקטער פֿון ג.'ס טעאַטער און בנוגע דעם שפּילן פֿון מענער-פּערסאָנאַל איז אַ גע-

טײלטע, אָבער אַלע באַטאָנען די שוואַכע זײט בנוגע דעקאָראַציעס און מוזיקאַלישער באַגלײטונג ווי אויך דעם מאַנגל פון פרויען-כחות. דעריבער, ווען די טרופּע באַשליסט צו פאַרבלײבן אין פּעטערבורג אויפן ווינטער און גײט איבער צו דעם צוועק אין אָקטאָבער 1881 אין זאַל פאַר ביליקע דירות, ווערט די בינע רעמאָנטירט, מ'באַשטעלט נײע דעקאָראַציעס און צוקערמאַן פאָרט אַנגאַזשירן אײניקע אַקטריסעס.

דער רעפּערטואַר באַשטײט אין אָנהײב פון די געשפּילטע פּיעסן, אָבער די נעגאַטיווע באַציאונג פון יענער יידישער געזעלשאַפטלעכער מײנונג, וועלכע אינטערעסירט זיך מיטן טעאַטער, צווינגט ג. צו ענדערן דעם כאַראַקטער פון זײן רעפּערטואַר.

„דער מער אויפגעקלערטער טײל פון דער יידישער געזעלשאַפט — דערצײלט ש. אַנסקי — וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ טיפער אַכטונג צום געדרוקטן וואָרט, איז געווען שאָקירט פון דעם לײכטזיניקן כאַראַקטער פון רעפּערטואַר פונם יידישן טעאַטער, און גאָלדפאַדען, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו די מײנונגען פון דער אינטעליגענץ, האָט גענומען שרײבן נאַציאָנאַלע דראַמען אויף היסטאָרישע טעמען.“

נ. אויסלענדער און אָ. פינקעל באַמערקן צו דעם:

„...ווען גאָלדפאַדען איז געפאָרן קײן פּעטערבורג, איז ער אַלײן שוין ניט געווען ענלעך צו דעם גאָלדפאַדען, וואָס איז מיט אַ יאָר צוריק אַרויסגעפאָרן פון אָדעס... פון די לידער און [שפּעטערדיקע] פּיעסן זײנע, וואָס האָבן דירעקט באַהאַנדלט דעם פּאָגראָם-סוזשעט, זעט מען, ווי די פּאָגראָם-צײט האָט אומגעביטן גאָלדפאַדענס געדאַנק און געשטויסן אים צו גײן אויפן וועג פון חבת-ציון. ...אין אַן אינטערוויו, וואָס ער האָט דאַמאָלט געגעבן אַ פאָרשטײער פון „ראַזסוועט“, האָט ער שוין גענומען רײדן מיט אַ באַזונדערע[ר] גרינגשעצונג וועגן זײנע פריערדיקע ווערק. דער פאָלקסטימלעכער קאָמיזם פון זײנע פריערדיקע פּיעסן, וואָס גײען אַזוי גרינג איבער פון סאָציאַלער סאַטירע צום וואָדעוויל און פאַרס, די אויסלאַכונג פון די נעגאַטיווע געשטאַלטן פון יידישן לעבנסשטײגער, וואָס איז ביז אַהער געווען דער לעבעדיקער נערוו פון גאָלדפאַדענס טעאַטער-שפּיל, — דאָס אַלץ האָט איצט גלײך ווי אָנגעוואָרן אין גאָלדפאַדענס אויגן די באַרעכטיקונג. יעדנפאַלס אַזוי האָט ער געוואָלט דאָס אויסמאָלן אין זײן אינטערוויו.“

דעם 12 יאַנואַר (אַ.ס.) 1882 ווערט אין פּעטערבורג אויפגעפירט ג.'ס באַאַרבעטונג נאָך אַ דײטשן ראָמאַן „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאָ“ אָדער „די יידן אין פּאַלערמאָ“, „היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטן און 11 בילדער.“

„דאָקטאָר אַלמאַסאַדאָ“ איז פיל יאָרן געווען אין רעפּערטואַר פון אַלע יידישע בינעס.

אַ כתב-יד פון דער פּיעסע געפינט זיך אין דער יידישער אָפּטײלונג פון דער „פּאָבליק לײבררי“ אין ניו-יאָרק, 42טע סטריט.

די פּיעסע איז זײט 1887 דערשינען אין אײניקע אויפלאַגעס.

די מוזיק צום ליד „פאַריאָמערט, פאַרקלאָגט“, אַראַנזשירט פון ה. רוסאָטאָ, איז דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני“.

די אויפירונג פון אַ „היסטאָרישער“ פּיעסע איז וואַרעם באַגריסט געוואָרן מצד דער יידיש-רוסישער פּרעסע און ג. האָט אפילו גענומען צוגרײטן פאַר זײן טרופּע אַן אויפירונג פון זײן באַאַרבעטונג פון גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“, וועלכע איז דאַמאָלט געשפּילט געוואָרן דורך אַן אַנדערער טרופּע אין לערנערס באַאַרבעטונג.

אָבער אין פעברואַר 1882 פאַרלאָזט ג. פּעטערבורג און לאָזט זיך אַרויס מיט זײן טרופּע איבער רוסלאַנד. דאָ קומט אים אָפט אויס צו קומען אין פײנטלעכע צוזאַמענשטויסן מיט קאָנקורענץ-טרופּעס (א"פ פון לערנער, מאָגולעסקאָ א. אַ.), אָדער אויך צו שליסן מיט זײ שותּפות. אַזוי שפּילט ער מיט לערנער בשותּפות סוף 1882 אין אָדעס.

אין יאַנואַר 1883 איז ג. זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט זײן שותּף און אַלײן פאָרטגעזעצט די פאָרשטעלונגען פון זײן טרופּע אין אָדעסער האַנטווערקער קלוב, וואו ער פירט אויף דעם 26 יאַנואַר 1883 זײן איבערזעצונג פון „אוריאל אַקאָסטאַ“. [„אוריאל אַקאָסטאַ“ — „ טראַגעדיע אין 5 אַקטן, איבערזעצט פון דער דײטשער שפּראַכע און אַראַנזשירט פאַר דער יודישער סצענע, אין 10 בילדער מיט קאָהרע [געזאַנג] פון א גאָלדפאַדען“.

אין טעאַטער-מוזײ בײ ייוו"א געפינט זיך אַ מאַנוסקריפּט „אוריאל אַקאָסטאַ, באַאַרבעט אונד איבערזעטצט מיט צופיגונג מוזיק פיר דעם ניו-יאָרקער אידישען פּובליקום.]

אין פעברואַר 1883 גײט איבער ג.'ס טרופּע אין מאַרינסקי טעאַטער און פירט דאָ אויף ג.'ס פּיעסע „יהודה המכבי“.




שער-בלאַט פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע

[דוד קעסלער גיט אָן אין זײנע זכרונות, אַז זײנער אַ פרײנט פון קעשעניעוו מיטן נאָמען קאָרעס איז געקומען אין אָדעס און האָט געגעבן גאָלדפאַדענען אַ פּיעסע „די מאַקאַבעער“, וועלכע איז באַלד דערויף אויפגעפירט געוואָרן. עס איז אָנצונעמען, אַז די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן אין ג.'ס באַאַרבעטונג און איז שוין פאַרבליבן אין רעפּערטואַר אונטער ג.'ס נאָמען].

אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך בײ שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

דעם 5 מאַי (אַ.ס.) 1883 פירט אויף ג. זײן „בר כוכבא“ (דער זון פון דעם שטערן) אָדער „די לעצטע טעג פון ירושלים“, „אַ מוזיקאַלישע מעלאָדראַמע אין רײמען אין 4 אַקטן און אַ פּראָלאָג, מיט 14 בילדער.“

דידאָזיקע פּיעסע [אויפן שער-בלאַט באַמערקט דער מחבר, אַז ער האָט זי „באַאַרבעט פון פאַרשײדענע היסטאָרישע קוועלן“] איז באַלד

נאָך איר אויפפירונג געוואָרן איינע פון די יסוד-פּיעסען פון יידישן טעאַטער אין דער גאַנצער וועלט, און ווערט נאָך היינט גאַנץ אָפט געשפּילט.

די מוזיק פון דער פּיעסע איז צונויפגעשטעלט דורך גאָלדפאַדענען פון פאַרשיידענע קוואַלן: מאָטיוון צו „דאָס פּאַסטוכל“ און „געקומען איז די צייט“ — האָט אים געגעבן מאָגולעסקאָ, די מוזיק צו „הער דו, בר-כוכבא“ איז — לויט דוב זאַוואַדזקי — גענומען פון ירוחם הקטנס מאָטיוו צו „אהבה רבה“, און די „וועכטער-מאָטיוון“ אין לעצטן אַקט פון נ. בלומענטאַלס קאָמפּאָזיציע צו „לכה דודי“ א. א. וו.

לויט יאָזעף רומשינסקי איז די מוזיק צו „אַזוי זאָגט גאָט אַצינד“ גענומען פון וועלוועלע שעסטאָפּאָלס „גאול מרגל“. „די שבועה“ איז אַ געמיש פון שעסטאַפּאַלס „צדיק כתמר יפרח“ און הענדעלס „הללויה“. דער „מאַרש צו דער קרוינונג“ האָט אַ דאָפּלטע ווערסיע: אין רוסלאַנד פלעגט מען שפּילן אַ רומענישן פאָלקס-מאַרש און אין רומעניע האָט דער מוזיקער פינקעלשטיין צוגעפּאַסט דערצו דונאַיעווסקיס „אדון עולם“.

שפּעטער איז די מוזיק צו „בר כוכבא“ מאָדערן אָרקעסטרירט געוואָרן דורך שטיינמאַן אין אָדעס, און ווערט זייט דאַמאָלט געשפּילט אין דער דאָזיקער אָרקעסטראַציע.

דעם 24 פעברואַר 1929 איז אין ניו-יאָרק א״ל פון א. אָלשאַנעצקי געשפּילט געוואָרן „בר-כוכבא“ דורך דער ראַדיאָ.

די פּיעסע איז זייט 1887 געדרוקט געוואָרן אין פיל אויפלאַגעס אין פאַרשיידענע לענדער. אַ חוץ דעם איז אין 1911 דערשינען אין גאַליציע אַ יידישע ליברעטאָ פון טעקסט און אַלע לידער.

17 מוזיק-נומערן פון „בר כוכבא“, אַראַנזשירט פון א. גאָרפינקעל, זיינען דערשינען אין לאָנדאָנער פאַרלאַג פון ר. מאַזין קאָמפּ.

20 מוזיק-נומערן פון „בר כוכבא“, אַראַנזשירט פון ה. א. רוסאָטאָ, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּ.“.

אַן העברעאישע איבערזעצונג פון בן-ציון ידידיה איז אין 1927 אויפגעפירט געוואָרן אין ארץ-ישראל.

אַן ענגלישע ליברעטאָ, געמאַכט פון פּראָפ. דאָרף איז דערשינען אין ניו-יאָרק [24 זז. אָן אַ דאַטע].

מ. זייפערט גיט אָן אין זיין „געשיכטע פון אידישן טעאַטער“, אַז „בר כוכבא“ איז אויך איבערזעצט און אויפגעפירט געוואָרן אויף פּויליש.

אָבער „גאָלדפאַדנס טעאַטער האָט — לויט נ. אויסלענדער און או. פינקעל — געהאַט נאָך פאַרביטערטע שונאים. דאָס זיינען געווען פריער פאַר אַלץ די פאָרשטייער פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע צוזאַמען מיט דער יידישער געלט-אַריסטאָקראַטיע. פון פאַרשיידענע קוועלן הערן מיר, אַז מסירות אויף דעם יידישן טעאַטער האָבן באַזונדערס געשטאַמט פון „אונזערע גרויסע באַנקירן, די פאָנען-טרעגער פון דער אָפיציעלער השכלה און פון דער אידעע פון אַסימילאַציע. אויב אין די פריערדיקע צייטן האָבן די אידעאָלאָגן פון דער יידישער רעאַקציע באַנוגנט זיך מיט אַ העצע-קאַמפּאַניע אין דער רוסיש-יידישער פּרעסע, איז דאָס איצט שוין, קאָנטיק, געווען ווייניק פאַר זיי. זייער פאַרלאַנג איז געווען צו אַרויסרופן אַ דירעקטן פאַרבאָט פון יידישן טעאַטער“.

און „בר כוכבא“ האָט געגעבן צו דעם די געלעגנהייט: „מען זאָגט — לויט ב. גאָרין — אַז די גזרה [דאָס פאַרווערן צו שפּילן יידיש טעאַטער] האָט זיך גענומען פון אַ מסירה. עמיצער האָט גע׳מסרט, אַז „בר כוכבא“ איז ניט קיין כשרע שטיק און אַז דער פּראָלאָג איז געצילט געוואָרן קעגן דער רעגירונג. מען זאָגט אויך, אַז די מסירה איז געקומען פון אַ פּראָפעסער, וועלכער האָט געהאָפט צו ווערן צענזאָר און דאָס וואָלט אים געגעבן די אויבערהאַנט אין טעאַטער.“

דעם 17 אויגוסט 1883 קומט פון פּעטערבורג אַ באַפעל, וואָס פאַרווערט צו שפּילן יידיש טעאַטער אין גאַנץ רוסלאַנד.

צווישן די יידישע אַקטיאָרן איז אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע מהומה. זיי האָבן גענומען וואַנדערן קיין אויסלאַנד. אַ קליינער טייל איז פאַרבליבן אין אָדעס און האָט זיך באַטייליקט אין די „פאָרשטעלונגען פון אַן ענגליש-אַמעריקאַנישע טרופּע קאָמיקער, גימנאַסטן און אַקראָבאַטן“, אַנדערע האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אויסלאַנד. אויך ג. הייבט אָן טראַכטן וועגן פאַרלאָזן רוסלאַנד.

[ס׳איז אייגנטלעך ניט קלאָר וואו דער פאַרבאָט האָט פאַרכאַפּט ג.׳ן — אין אָדעס אָדער אין ריגע, וואו אַ טרופּע האָט געשפּילט זיין רעפּערטואַר. פון נאָטיצן אין דער אָדעסער פּרעסע איז צו זען אַז בעת דער פאַרווער איז אַרויס, איז ג.׳ס טרופּע דאַמאָלט אין אָדעס ניט געווען.]

נאָכן פאַרבאָט קומט פאָר אין ג.׳ס טעטיקייט אַ געוויסע ענדערונג. ער טרעט ווידער אַרויס אַלס ליטעראַט. נאָך אין זעלבן יאָר (1883) דערשיינט אין אָדעס „דאָס פידעלע“ — „זאַמלונג יודישער פאָלקס לידער, הומאָריסטישע און ערנסטע“ [16 ז.], און מיט דעם ענדערט זיך אויך זיין שטעלונג צו דער יידישער שפּראַך: „איך אַליין — שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע אין שייכות צו זיין אָנהייב-טעטיקייט ביים טעאַטער — בין געווען דער ערשטער געגנער פון ליבהאָבער-ראָלן אויף דער יידישער בינע, וועגן אייניקע גרינדע: ערשטנס; מוז געוויינלעך דאָס ליבעס-פּאָר אויף דער בינע פירן אַן עלעגאַנטע דייטשע שפּראַכע, און אַזוי ווי די עלעגאַנטע דייטשע שפּראַכע האָבן יענע אַקטיאָרן ניט געקענט, פלעגט דאָס פּובליקום פאַרדרייען מיט די קעפּ, ווערנד אַן אַקטיאָר האָט גערעדט אַ דייטש וואָרט. פון דעם יידישן טעאַטער האָט מען געפאָדערט ריין יידיש, אָבער אונזער ריין יידישע שפּראַך איז מער געאייגנט צו אַ וויץ ווי צו אַן ערנסט. און באמת; וואָס פאַר אַ פּנים און אַ טעם האָט עס געקאָנט האָבן ווען אַ יידישער לאַנגער באַהעלפער-יונג האָט זיך אויסגעצויגן און האָט געזאָגט זיין געליבטער: „דאָס האַרץ קלאַפּט מיר“. אין אַלע שפּראַכן האָט עס אַ טעם, נאָר אין זשאַרגאָן האָט עס עפּעס אַ נאָכריח... דער ייד ווייסט גאָרניט דערפון. דעם יידן קלאַפּט קיינמאָל ניט דאָס האַרץ. „דאָס האַרץ איז מיר פאַרחלשט“ — דריקט זיך אויס דער ייד. — „איך וואָלט עפּעס געוואָלט איבערכאַפּן“, אָבער ס׳זאָל אים קלאַפּן זיין האַרץ פון ליבעס-געפילע, פון דעם ווייסט ער ניט“. איצט, אָבער, שרייבט ער אין פאָרוואָרט צו „שולמית“, וואָס איז אַרויס אין 1883: „דאָס פּובליקום, וואָס האָט שוין געזען שפּילן „שולמית“ אויף דער בינע, וועט באַמערקן יעצט וויפל איך האָב געענדערט אַ טייל שטעלן. די אורזאַכע דערפון וועל איך זיי דערציילן באריכות אין מיין ווערק „די ביאָגראַפיע פונם יידישן טעאַטער“. פאַר דער האַנט האָב איך נאָך מיך צו שלאָגן אַצינד איין „על חטא“ פאַר דעם פּובליקום „שחטאתי“ מיט די עטלעכע דייטשע ווערטער, וואָס וואַרפן זיך אין דעם ספר בשוגג — גאָט ווייס דעם אמת, אַז איך בין דאָס אויך ניט גערן, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? מסתמא איז אַזוי באַשערט.“

ג. דערנענטערט זיך איצט צו דער חבת-ציון-באַוועגונג, ווי עס באַווייזט זיין נייע זאַמלונג לידער א״נ „ישראליק“ — אידישע לידער, דערשינען אין אָדעס אין 1884 [24 ז.] און אויך אַנדערע לידער פון יענער צייט: „וואַניושא בן ישי“ [איבערגעדרוקט אין וואַרשע אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע צוזאַמען מיט יעקב בלייכ-

מאַס איינאַקטער „צוויי מתים עסן פריהשטיק“], „יודעל סעמיט“, א. א.

וויבאַלד אָבער עס ווייזט זיך אַ מעגלעכקייט צו שאַפן אַ טעאַטער אין וואַרשע, פאַרלאָזט ג. אָדעס, רייסט איבער זיין ליטעראַרישע טעטיקייט און פאָרט קיין וואַרשע [לויט ב. גאָרין איז ג. שוין פריער, באַלד נאָך דער אויפירונג פון „שולמית“, געווען אין וואַרשע צוזאַמען מיט פינקעל, כדי צו עפענען דאָרט אַ טעאַטער, אָבער ער האָט ניט באַקומען קיין דערלויבניש].

אין משך פון די יאָרן 1885-87 שפּילט ג. אין וואַרשע, אין טעאַטער „בוף“, (דערנאָך גערופן „עלדאָראַדאָ“, איצט „באַגוסלאַווסקי“) מיט אַ טרופּע א״נ „יידיש-דייטש-טעאַטער.“

צווישן אַנדערע פּיעסן האָט ג. דאָ אויך אויפגעפירט (א״פּ פון טאַנצמאַן) זיין אָפּערעטע „קעניג אחשורוש“. [די מוזיק איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון אליהו זלמן יאַריכאָווסקי].

די פּיעסע איז זייט דאַמאָלט געשפּילט געוואָרן כמעט פון אַלע יידישע טרופּעס, די לעצטע יאָרן ס׳רוב נאָר אין די טעג פון פּורים.

דעם 8 יאַנואַר 1925 איז לויט ג.׳ס „אחשורוש“ אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער „המן דער ערשטער, המן דער צווייטער“, — נאָך גאָלדפאַדען און שמ״ר, קאָמבינאַציע פון יעקב קאַליך, מוזיק (נאָך גאָלדפאַדען און מאָגולעסקאָ) פון יאָזעף רומשינסקי“.

זייט 1890 איז די פּיעסע געדרוקט געוואָרן אין אייניקע אויפלאַגעס אין פאַרשיידענע לענדער.

15 מוזיק-נומערן פון „אחשורוש“, אַראַנזשירט פון ה. א. רוסאָטאָ, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאַבלישינג קאָמפּ.“.

די פאָרשטעלונגען אין וואַרשע האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. כמעט ווי אין די ערשטע טעג פון יידישן טעאַטער אין רומעניע. „שולמית“ איז געגאַנגען 150 מאָל ביי געפּאַקטע הייזער. אויך דאָ איז דערשינען אַ ספּעציעל ביכל וועגן ג.׳ס טעאַטער — דאַסמאָל אין העברעאיש: „במת ישחק“ פון יהושע מזח. די יידישע פּרעסע אין וואַרשע האָט זייער זעלטן געשריבן וועגן דאָזיקן טעאַטער מיטן אויסרייד, אַז זייער פּובליקום שעמט זיך צו גיין אין יידישן טעאַטער. די וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענטן אָבער פון דער רוסישער, יידיש-רוסישער און יידישער פּרעסע אין רוסלאַנד, האָבן געשריבן וועגן דעם שפּילן, באַזונדערס וועגן די היסטאָרישע פּיעסן.

נאָך אַ סכסוך מיט דער רוסישער דירעקטאָרשע פון טעאַטער, איז ג. אָפּגעפאָרן מיט די טאַנצמאַנס קיין לאָדזש, איז אָבער באַלד צוריקגעקומען אין וואַרשע און פון דאָרט אין 1887 אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע.

נ. אויסלענדער און או. פינקעל באַמערקן פאָלגנדיקעס צו ג.׳ס שאַפן אין וואַרשע: „מערקווירדיק איז, אַז אין די יאָרן ווען גאָלדפאַדען האָט זיך אַזוי נאָנט באַגעגנט מיטן פּוילישן יידנטום, האָט ער דאָך ניט געשאַפן קיין איין פּיעסע, אין וועלכער זיינע איינדרוקן פון פּויליש-יידישן לעבן זאָלן ווערן אָפּגעשפּיגלט. מיר ווייסן גראָדע, אַז גאָלדפאַדען האָט געהאַט אַ טבע גלייך אויפן אָרט רעאַליזירן אין דראַמאַטישע ווערק די סביבה, מיט וועלכער ער האָט זיך באַגעגנט. אַזוי האָט ער אין זיין פּיעסע „די צוויי קוני-לעמלעך“ אַריינגעפירט די שטאָט לעמבערג מיט לעמבערגער פּערסאָנאַזשן. אין דער פּיעסע „דער פּאָדריאַדטשיק“ האָט ער אויפגענומען די בוקאַרעסטער סביבה אַרום דער רוסיש-טערקישער מלחמה און אויך די אָדעסער סביבה האָט ער אָפּגעשפּיגלט אין זיינע פּיעסן. עס איז דעריבער מערקווירדיק, וואָס די יאָרן, וועלכע גאָלדפאַדען האָט פאַרבראַכט אין פּוילן, האָבן קיינע שפּורן אין





זיין שאַפן ניט געלאָזן . . . “ אָבער: „ . . . גאָלדפאַדענס אַוועקפאָר קיין אַמעריקע האָט געמאַכט אין דער דאַמאָלטיקער קולטור-סביבה אין רוסלאַנד אַ גרויסן רושם. מען האָט מיט אַמאָל דערפילט די באַדייטונג פון זיין טעאַטער-טעטיקייט“.

אין ניו-יאָרק איז ג. אָנגעקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי און דעם אַקטיאָר ספּיוואַקאָווסקי. דאָ האָבן דאַמאָלט געשפּילט אייניקע טרופּעס מיט די מחברים לאַטיינער און הורוויץ אין דער שפּיץ. די אַקטיאָרן פון די ניו-יאָרקער טרופּעס האָבן געקענט ג. זיי האָבן שוין פריער געשפּילט מיט ג.׳ס אַקטיאָרן, אָדער אין זיינע פּיעסן, אָדער זיי האָבן געשטאַמט פון ג.׳ס טרופּע אין אייראָפּע. איז די גאַנצע יידישע „טעאַטער-וועלט“ אַרויסגעפאָרן מקבל-פּנים זיין די געסט.

דוד קעסלער דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות [אין „טאָג“]: „מיר זיינען אַלע געקומען אָפּוואַרטן גאָלדפאַדענען ביי דער שיף. די גאַנצע קאָמפּאַני [טרופּע] איז דאָרט געווען. מיר האָבן, ערשטנס, געוואָלט ווייזן ווי ווייט מיר האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט אין אַמעריקע. מיר האָבן אים, צווייטנס, אויך געוואָלט ווייזן ווי גוט מיר קאָנען שפּילן. מיר האָבן אים און ספּיוואַקאָווסקין גלייך איינגעלאַדן אין טעאַטער צו זיין „בר כוכבא“, וועלכע מיר האָבן געוואָלט שפּילן יענעם אָוונט, ספּעציעל צו זיין כבוד. מיר זיינען געווען זיכער, אַז גאָלדפאַדען וועט אָננעמען מיט דאַנקבאַרקייט אונזער פריינטשאַפט. עס האָט זיך גאָרנישט אָנגעהויבן. גאָלדפאַדענען האָט ניט געפּאַסט אַריינצוקומען צו אונז אַלס אַ געוויינלעכער גאַסט. גאָלדפאַדענען האָט ניט געפּאַסט אַוועקצוּוואַרפן זיין היימישן יחוס, און ער האָט געוואָלט אַריין צו אונז, אָבער אויף איין תנאי — און דער תנאי איז געווען, אַז ער זאָל בלייבן אונזער דירעקטאָר. איך קאָן ניט פאַרגעסן זיינע ווערטער, וועלכע ער האָט דאַן קלאָר און אָפן אונז אַלעמען געזאָגט אין די אויגן: „אום צו גיין אין אַ טעאַטער, מוז איך האָבן אַן אייגן טעאַטער. אין אַ פרעמדן טעאַטער וועל איך ניט גיין“. די דערהערט אַזעלכע ווערטער, האָבן מיר אַלע, די גרויסע ווי די קליינע, זיך דערשראָקן און זיך צוזאַמענגעקליבן ווי אַ סטאַדע שעפּסן, ווען זיי דערזעען אַ וואָלף אָנקומענדיק. די גרויסע האָבן איינפאַך מורא געהאַט פאַר פאַרלירן זייער פירערשאַפט איבער אונז, די קלענערע האָבן זיך איבערהויפּט געשראָקן פאַר נייע צרות, ווייל זיי האָבן זיך שוין ווי עס איז געהאַט איינגעלעבט מיט די אַלטע. מיר האָבן ניט אָרגאַניזירט קיין אָפיציעלע יוניאָן [פאַריין], נאָר מיר האָבן אָפּגעמאַכט צו זיין פאַראייניקט און ניט דערלאָזן בשום אופן גאָלדפאַדענען צו נעמען אַן אויבערהאַנט איבער אונזער טרופּע. גאָלדפאַדען האָט אָבער זיך צוזאַמענגערעדט מיט אונזערע מענעדזשערס [ליוויי און גאָלדשטיין.] ער האָט זיי גענומען אויפווייזן, וואָס ער וואָלט געקאָנט מאַכן פון אונזער טרופּע, ווען זיי וואָלטן אים איבערגעגעבן די לייצעס אין זיינע הענט. די מענעדזשערס האָבן זיך לכתחילה געקווענקלט, דערנאָך זיינען זיי צוגעשטאַנען צו אים. דאַן זיינען זיי געקומען צו אונז מיט אַ פאַרטיקן פּלאַן וועגן שפּילן אונטער גאָלדפאַדענס דירעקטאָרשיפּ [דירעקציע]. מיר האָבן זיך אָנטזאָגט. זיי האָבן גענומען סטראַשן, אַז זיי וועלן אַרויסוואַרפן די אומצופרידענע, אַז זיי וועלן איבעראָרגאַניזירן די גאַנצע טרופּע. מיר האָבן זיך פאַר דעם ניט דערשראָקן. די מענעדזשערס האָבן דאַן פּלוצלינג גענומען און פאַנאַנדערגעשפּרייט די ידיעה, אַז זיי גייען שפּילן „בר כוכבא“ אונטער גאָלדפאַדענס אויפזיכט. מיר האָבן זיך אַלע צוזאַמענגעקליבן און ערקלערט אַ סטרייק [קעסלער, מאָגולעסקאָ, פינקעל, פיינמאַן א. א.]. זיי האָבן געהאַט נאָר צוויי סטרייק-ברעכער; ביידע פרויען —

פינקעל און קאַרפּ. צו זיי האָט דאָס נייע מענעדזשמענט צוגעדונ-גען נאָך עטלעכע. מיר האָבן „געפּיקעט" דעם טעאַטער [געשטא-נען פאַרן טעאַטער און געוואַרנט קעגן סטרייק-ברעכער]. קיין אַרעסטן האָבן אויך ניט געפעלט. מיך האָט מען איינמאָל אַרעס-טירט און אוועקגעפירט אין עסעקס-סטריט פּאָליציי-סטיישאָן, פון וואַנען מען האָט מיך דערנאָך אויסגעביילט. [אַרויסגענומען אויף קויציע]".

וועגן סטרייק גופא דערציילט לעאָן בלאַנק אין זיינע זכרונות וועגן מאָגולעסקאָ [אין „פאָרווערטס"]: „איינמאָל זיינען די מענעדזשערס צוגעגאַנגען צו מאָגולעסקאָן און אים געזאָגט גאַנץ „איידל", אַז ער זאָל מוחל זיין נעמען די גאַנצע טרופּע זיינע און אַרויס פון טעאַטער . . . וואָס איז געשען? אברהם גאָלדפאַדען האָט אויסגעדונגען דאָס טעאַטער און קלייבט זיך אָהין איבער מיט אַ טרופּע, וואָס ער וועט אַליין צונויפשטעלן, און דאָס טעאַטער וועט שוין טראָגן זיין נאָמען „אברהם גאָלדפאַדען'ס טעאַטער". עס האָבן ניט געהאָלפן קיין טענות, מאָגולעסקאָ האָט געמוזט אַרויס. אויס „עישעל טעאַטער", מיין איך, אויס „רומעניען אָפּערע האוז". אייניקע פון אונזער טרופּע זיינען געבליבן מיט גאָלדפאַדענען — קאַרפּ, מרס. קאַרפּ, מאַקס אבראַמאָוויטש און נאָך עטלעכע אַק-טיאָרן. . . . ניט קוקנדיק דערויף וואָס מיר זיינען ניט געווען אָרגאַניזירט, האָבן מיר זיך פונדעסטוועגן געהאַלטן שטאָל און אייזן. מיר האָבן אונזער קאַמף קעגן גאָלדפאַדענען געגעבן דעם כאַראַקטער פון אַ סטרייק, און איך מוז זאָגן, אַז לויט מיין מיינונג, איז דאָס געווען איינער פון די שענסטע סטרייקס, וואָס איך האָב ווען עס איז געזען. ניט צונויפרייידנדיק זיך איינער מיטן אַנדערן, האָט דאָס פּובליקום מיטגעסטרייקט מיט אונז. מען איז ניט גע-גאַנגען צו גאָלדפאַדענען אין טעאַטער."

[בלאַנק דערציילט ווייטער, אַז אַ יאָר שפּעטער האָט דיזעלבע טרופּע אויפגעפירט אין „אָריענטאַל טעאַטער" ג.'ס פּיעסע „דער גהינום און גן-עדן".]

משה זייפערט אין זיין „די געשיכטע פון יודישן טעאַטער", שרייבט: „ . . . די צייט ווען אברהם גאָלדפאַדען איז פון איי-ראָפּע נאָך ניו יאָרק געקומען, מיט דער אבזיכט די יידישע בינע צו לייטן אונד איין גוטן י י ד י ש ן רעפּערטואַר צו שאַפן. אָבער גראַדע אין דעם וויכטיקן פּונקט האָבן די קאָמפּאַניעס פוןביידע יידישע טעאַטערע יד-אחת געמאַכט אונד האָבן אים צו דער בינע ניט צוגעלאָזן, כאָטש זיי האָבן ביידע זיין רעפּערטואַר מיט אַ געווי-סע פאָרליבע געשפּילט, אונד כאָטש זיינע פּיעסען האָט [האָבן] זיי גרעסערע איינגעמע געגעבן ווי דער גאַנצער פּאַק פּיעסען פון אַנ-דערע אויטאָרן. די שוישפּילער רעכטפערטיקן דיזע אונגערעכטע צוריקווייזונג מיט צוויי תירוצים: ערשטנס, זאָגן זיי, וואָלט זיי אברהם גאָלדפאַדען פ א ר ש ק ל א פ ט ווי ער האָט דאָס גע-טאָן אין איירעפּע, אונד צווייטענס איז ער זייער ווייניק פּ ר אָ - ד ו ק ט י ו ו , דאָס הייסט, ביי אים נעמט זייער לאַנג ביז ער שרייבט אָן אַ פּיעסע. אָבער ביידע תירוצים זיינען פאַלש ן אברהם גאָלדפאַדען איז גאַרניט אַזוי נאַאיוו געווען צו גלויבן, אַז אין אַמעריקע קאָן מען עמיצן פאַרשקלאַפן; אַלץ וואָס ער האָט פון זיי פאַרלאַנגט איז נאָר געווען צו היטן די בינע ווי עכטע שוישפּי-לער אונד צו געניסן אירע פּריכטע, אונד וואָס עס איז שייך צו אברהם גאָלדפאַדענס אונפּראָדוקטיוויטעט, איז דאָס נאָר אַ שלעכ-טער אויסרייד. די שוישפּילער ווייסן זייער גוט, אַז אברהם גאָלד-פאַדענס צוויי פּיעסען אין אַ סיזאָן וואָלטן מער געלט געגעבן ווי אַ גאַנצער דוצנד פּיעסען פון אַנדערע אויטאָרן. דער ריכטיקער תירוץ אויף דעם פאַרוואָס זיי האָבן זשעניאַלן אברהם גאָלד-פאַדען צו דער בינע ניט צוגעלאָזן, איז דער, דאָס די שוישפּילער



פון ביידע טעאַטערע האָבן זיך שוין דאַמאָלס באַטראַכט אַלס „סטאַרס", אין די ראָלן פון קיסרים, מלכים, פרינצן, פירשטן, גראַפן, לאָרדן אונד באַראָנען איז זיי שוין „אַנגענעמער" געווען צו שפּילן, אונד אברהם גאָלדפאַדען, מישטיינס געזאָגט, וואָס קאָן ער שאַפן? ווידער אַ יידן אונד אָבער אַ יידן!"

איצט האָט שוין ג. געמוזט זאָרגן ניט נאָר וועגן רעפּערטואַר, נאָר אויך וועגן שאַפן אַקטיאָרן.

ג. האָט צונויפגעקליבן אַ טרופּע (צווישן זיי משה און אסתר זילבערמאַן, מאַקס און סאָפיע קאַרפּ און מאָריס פינקעל, וועלכער האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם סטרייק און איז צוריקגעקומען שפּילן), מיט וועלכער ער האָט — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט אין רו-מעניע אָפּערע-הויז זיין אַלטע פּיעסע „טודרוס בלאַזי" א"נ „די צוויבער-טראָמפּייטע".

[ווי עס ווייזט אויס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ טעות: די פּיעסע „טודרוס בלאַזי" איז ערשט שפּעטער געשפּילט געוואָרן פון די שילער פון זיין דראַמאַטישער שול].




געצייכנט פון אברהם גאָלדפאַדען

מיט דער דאָזיקער טרופּע פירט ג. אויף (1887) אין רומעניע אָפּערע-הויז א"נ „אין גהינום און גן עדן" זיין „קאָמישע אָפּערעטע (צויבערמערכען) אין 5 אַקטן, 10 פאַרוואַנדלונגען און 28 בילדער": „דער שטן אָדער דער צעהנטער געבאָט". [די פּיעסע, באַקאַנט א"נ „לא תחמוד", האָט ג. אָנגעשריבן אין אָדעס סוף 1882. דעם 15 מאַי 1883 האָט דער אָדעסער צענזאָר געגעבן די דערלויבניש צו שפּילן די פּיעסע, אָבער צוליבן פאַרווער אויף יידיש טעאַטער איז זי אין רוסלאַנד ניט אויפגעפירט געוואָרן].

שפּעטער (אין 1891) האָט ג. אונטער אייגענער רעזשי אויפגע-

פירט אַ נייע באַאַרבעטונג פון דער פּיעסע אין לעמבערג. אין זעלבן יאָר איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרק אין יוניאָן טעאַטער (8טע סטריט) א״נ „דער אידישער פאַוסט אָדער דאָס צעהנטע געבאָט״.

די פּיעסע איז יאָרן לאַנג געשפּילט געוואָרן דורך די יידישע טעאַטערס אין דער גאַנצער וועלט.

דעם 17 יאַנואַר 1926 איז זי א״נ „דאָס צענטע געבאָט״ [אָפּערעטע-פּאַמפלעט״ לויט אברהם גאָלדפאַדען פון י. דאָברושין, מוזיק פון ל. פולווער — מיט אייניקע מאָטיוון פון גאָלדפאַדעןס מוזיק—, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פון נ. אַלטמאַן״], אויפגעפירט געוואָרן אין גראַנאָווסקיס רעזשי אין מאָסקווע דורך „מימט״.

דעם 19 אָקטאָבער 1926 איז די פּיעסע א״נ „דאָס צענטע געבאָט״, [„א גאָלדפאַדען-שפּיל אין 3 אַקטן, 7 בילדער מיט פּראָלאָג, אינסצעניזאַציע און רעזשי — זיגמונד טורקאָוו, אינטערמעדיעס — משה בראָדערזאָן, מוזיק-אילוסטראַציע — יוסף קאַמינסקי, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — יוסף שליוואַניק און כאָרעאָגראַפּישע אינטערמעדיעס — מ. אבראַזשעוויטש״], אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשע אין קאַמינסקים טעאַטער דורכן „וויקט״.

דעם 18 נאָוועמבער 1926 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן א״נ „דאָס צענטע געבאָט״ [מוזיקאַלישע שפּיל אין דריי אַקטן און זעכצן בילדער פון אברהם גאָלדפאַדען, פריי באַאַרבעט און רעזשיסירט פון מאָריס שוואַרץ, מוזיק (פריי נאָך גאָלדפאַדען) פון יוסף אחרון, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פון ברוך אַראָנסאָן, באַלעט און טענץ פון מישעל פאָקין״] אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער.

די פּיעסע איז אין 1897 דערשינען אין קראָקע און זייט דאַמאָלט אַרויס אין פיל אויפלאַגעס.

לויט דוב זאַוואַדזקי איז דער מאָטיוו פון לואיסעס „ליד״ אין דריטן אַקט „יאָ, איך בין דיר טריי״, גענומען פון וועלוועל שעמטאַפּאַל.

1 מוזיק-נומער פון „לא תחמוד״ א״נ „גיהנום און גן-עדן״, אַראַנזשירט פון ה. רוסאָטאָ און י. י. קאַמין, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני״.

מוזיק-נומערן פון „לא תחמוד״ א״נ „גיהנום און גן-עדן״, אַראַנזשירט פון ה. א. רוסאָטאָ, איז דערשינען אין פאַרלאַג פון י. קאַצענעלענבאָגען, ניו-יאָרק.

דער מאַנוסקריפּט פון דער פּיעסע א״נ „דער אשמדאי״, מיט אַ צייכנונג פון מחבר, געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי יוו״א.

אָבער די געשעפטן אין רומעניע אָפּערע-הויז זיינען אַוועק שלעכט. די דירעקטאָרן האָבן באַזייטיקט ג. און צוריק אַריינגענומען זייער פריערדיקער טרופּע.

ג. פּרובט איצט אַרומפאָרן שפּילן איבער דער סביבה פון ניו-יאָרק, אָבער אָן דערפאָלג. פאָרט ער [לויט בעסי טאָמאַשעווסקים זכרונות: מיט „צעריסענע שיך״] צוזאַמען מיטן אַקטיאָר יעקב גאַרטענשטיין קיין באָסטאָן כדי [לויט באָריס טאָמאַשעווסקי] צו קאָנקורירן מיט דער דאָרטיקער טרופּע, מאַכט אפילו שותפות מיט טאָמאַשעווסקי, אָבער נאָך אַ קורצער צייט קערט ער צוריק קיין ניו-יאָרק.

ניט קאָנענדיק זיך דערשלאָגן צום יידישן טעאַטער, וואָס איז דאַמאָלט באַהערשט פון הורוויץ, לאַטיינער א. א., פּרובט ג. אַרויסגעבן אַ צייטשריפט, געשטיצט אויף דעם וואַרעמען קבלת-פּנים מצד די מער אַנטוויקלטע לעזער, ביי וועלכע ג. איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אַלס דיכטער.

דעם 22 אָקטאָבער 1887 גייט אַרויס אַ „פּראָבע-נומער״ א״נ „ניו-יאָרקער יודישע אילוסטרירטע צייטונג״ [פון גרויסן פאָרמאַט, 8 זייטן, צו 2 ברייטע שפּאַלטן]. אין דאָזיקן נומער געפינט זיך אויך ג.׳ס אַ קורצע אויטאָביאָגראַפיע און אַן אַנאָנס, אַז פון „15 נאָוועמבער וועט דער בלאַט דערשיינען יעדע 14 טעג״. נאָכן 17טן נומער (12 יולי 1888) האָט דאָס צוויי-וואָכנבלאַט אויפגעהערט צו דערשיינען. צום סוף פון לעצטן נומער איז אָפּגעדרוקט אַ קורצע נאָטיץ: „דער רעדאַקטאָר פון דיעזער צייטונג, הערר א. גאָלדפאַדען, איז דען 11טען דיעזעס מאָנאַטס געשטעלט געוואָרען אונטער 1000 דאָללאַר בייל פיר דעם אַרטיקעל אין נומער 16 „טעלעגראַמען אַן וחלקלקות״ אוים פילאַדעלפיע.״

אויך אין דער צייט פון זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט האָט ג. ניט געוואָלט זיך דערווייטערן פון טעאַטער: ער גרינדעט אַ פאַריין „לירא״, [אַ מין „דראַמאַטישע שול״], וועגן וועלכן מיר געפינען (אין „נ. י. יוד. אילוסט. צייט.״ 11) פאָלגנדיקן אַנאָנס:

„נאָך דער איניציאַטיווע דעם גרינדערס פאָם יודישען טהעאַטער, הערר גאָלדפאַדען, האָט זיך אונלענגסט איין פעראיין געגרינדעט, וועלכע, האט צור אויפגאַבע דיא בעפערדערונג דער קונסט דער יודישען דראַממא — צו דיזעם צוועק ווערדען נור אויפגענאָמען זאָלכע יונגע מענער און פרויען, וועלכע פיל וועניג בעזיצען טאַלאַנט פיר דער ביהנע און איינען אָרגאַן צום זינגען. מייסטענס מיטגלידער בעשטעהען פאָן דער אַרבייטער-קלאַסע: דער יונגער אַרבייטער, נאַכדעם ער זיינע מאַטעריעלע אַרבייט דעם טאַג פאָלענדעט,ווידמעט, די איהם צוריקגעבליבענען פרייע שטונדען, דער גייסטיגען צערשטרייאונג דער נוצליכער קונסט, די הויפּטזאַכע איסט אבער צו בעמערקען, דאָס די ערשטע א ו י פ ג אַ ב ע יעדעס מיטגלידעס דיזעס פעראיינס בעשטעהט, הויפּטזעכליך, אין דער מ אָ ר אַ ל אונד אונבעשאָלטענער אויפפירונג.

„ה׳ גאָלדפאַדען לערנט אונענטגעלדליך די מוזיק, דען פאָרטראַג אונד שטעלונג אויף דער ביהנע.

„צור פּראָבע ווירד איינס פון גאָלדפאַדענ׳ס שטיקע איינשטודירט, די מיטינגען אונד פּראָבען ווערדען געהאַלטען יעדען זאָנטאַג אין אַמעריקאַן סטאַר-האָל, 165 איסט בראָדוויי.״

אַ געגויער סטאַטוט פון דעם פאַריין (דאַטירט דעם 11 פעברואַר 1888) איז אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו פאַר יידיש טעאַטער״, אַרויסגעגעבן דורך „יוו״א״.

דידאָזיקע דראַמאַטישע שול איז שפּעטער געפירט געוואָרן פון פיינמאַן און קאַרפּ א״נ „גאָלדפאַדען דראַמאַטישער קרייז״. צווישן די תלמידים פון דערדאָזיקער שול געפינען זיך די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן מאָריס מאָשקאָוויטש, גוסטאַוו שאַכט, דוד לעווענזאָן, סאָול וואַלערשטיין, זיגמונד וויינטרויב און בעלאַ גודינסקאַ.

דערנאָך איז דידאָזיקע שול געפירט געוואָרן פון יעקב גאָרדין, יאָהאַן פאַליי, מ. זייפערט און לואי מילער.

דעם 7 יולי 1888 ווערט אויפגעפירט אין ווינדזאָר-טעאַטער [אַפּנים מיט די מיטגלידער פון פאַריין „לירא״] ג.׳ס אָפּערעטע „די צויבער טראָמפּייטע״ אָדער „דער אָנקעל וועט משלם זיין״ [„טודרוס בלאָזי״], אָבער מער ווי די איינע פאָרשטעלונג קומט ניט פאָר. ג. פאַרלאָזט אַמעריקע און פאָרט אָפּ קיין לאָנדאָן.

אָנהייב יולי 1889 נעמט ג. דאָרט איבער דעם „היברו דראַמאַטיק קלאָב״ (8 פרינצעס סטריט), וואו ס׳האָבן פריער געשפּילט אַדלער, מאָגולעסקאָ און אַנדערע מיט נ. ראַקאָוו אַלס מחבר.

ג.׳ס אַריינטריט אין דאָזיקן קלוב ווערט אַנאָנסירט אַזוי: [אונזער אָרטאָגראַפיע]:

„ה׳ר גאָלדפאַדען.

„פון נעקסטן שבת אָן (13טן יולי) וועט די פאַריניקטע טרופּע יידישע אַקטיאָרן שפּילן אונטער די לייטונג פון הערן א ב ר ה ם ג אָ ל ד פ אַ ד ע ן, דער פאָטער דעם יידישן טעאַטערס — די האַלע איז אונטער גאַנץ נייע מענעדזשמענט, נייע דעקאָראַציאָנען

און קליידער. דער קלאָב וועט אין גאַנץ נייע אָרדנונג געבראַכט ווערן. מיר וועלן זיך יעצט ניכט מער צו שעמען האבען מיט אונזער יידישע שוישפּילער קונסט און אָרדנונג. דער הער גאָלדפאַדען וועט דעקלאַמירן זיינע באַרימטע פאָלקסגעדיכטע.

„קומט אַלע און איבערצייגט אייך!

„די פּראָגראַמע וועט דורך באַזונדערע אַפישן באַקאַנט געמאַכט ווערן."

פון אַלע, פריער דאָרט אַנאָנסירטע אַקטיאָרן, ווערט איצט אַנאָנסירט בלויז פרייליין דיינע שטעטין [שפּעטער פיינמאַן], מיט וועלכער עס ווערט דעם 23 יולי 1889 אויפגעפירט „כבוד אב, אַ העכסט אינטערעסאַנטע שטיק, וועלכע איז נאָך ניע אויף דער אידישער ביהנע אויפגעפיהרט געוואָרן, ספּעציעל פערפאַסט ביי דעם הערן גאָלדפאַדען פאַר זיין בענעפיט".

[דער אינהאַלט פון דערדאָזיקער פּיעסע ווערט אין ערגעץ ניט אָנגעגעבן און ווערט שפּעטער אין ערגעץ ניט דערמאָנט. עס איז דעריבער אָנצונעמען, אַז דאָס איז איינע פון ג.'ס פריערדיקע פּיעסען, וועלכע ער האָט בכיון, כדי צוציען אַן עולם, משנה השם געווען און אַנאָנסירט אַלס נייע, נאָך קיינמאָל ניט געשפּילטע פּיעסע].

אָבער — די טרופּע שפּילט שפּעטער פאַרשיידענע מעלאָדראַמעס, נאָר ניט ג.'ס פּיעסן.

אָקטאָבער 1889 געפינט זיך שוין ג. אין פּאַריז, וואו ער האָפט [לויט זיינע בריוו צו שלום-עליכם] צו „פאַרלייגן אַ יידיש טעאַטער און מאַכן גוטע געשעפטן."

באַטש ליטעראַריש זייער טעטיק [ער שרייבט דאָ זיינע פּאָעמעס „שבתיאל", „שלום עליכם ר' ישראל", „ימים נוראים" און „המן טאַש", די פאַבעל „די הינט קענן דער לבנה" (געדרוקט א"נ „די בילער געגען דער לבנה" אין שלום-עליכמס „פאָלקס-ביבליאָטעק") א. א.], אָרגאַניזירט ג. (בערך דעצעמבער 1889) אַ יידישע טרופּע.

ווי דער אַקטיאָר יוסף וויינשטאָק גיט איבער, איז די טרופּע באַשטאַנען טיילווייז פון די דאָרטיקע יידישע אַקטיאָרן (מאַקס ראָזענטאַל, ה' און פרוי נאַדאָלסקי, אַננאַ העלד, אריה שראַגע, די שוועסטער זינגער, יוליוס פראָנד און דער פּיאַניסט באָדאַנסקי) און טיילווייז פון ספּעציעל געבראַכטע אַקטיאָרן פון לעמבערג (וויינשטאָק און פרוי און נאָך אַ פּאָרל). צו דער ערשטער פאָרשטעלונג אין טעאַטער פאַנטאַזיע פּאַריזיען (רי לאַנקרי 42) איז אויפגעפירט געוואָרן „אחשורוש". דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט, נאָר דער קאַסירער איז אַנטלאָפן מיטן געלט.

נאָכן מאַטערן זיך אַ האַלב יאָר האָט די טרופּע אויפגעהערט צו שפּילן.

לויט ל. דושמאַן — דערציילט דער קינסטלער [מאַלער?] קריוגער (מינסק), וועלכער האָט בייגעוואוינט די דערעפנונג פון ג.'ס טעאַטער אין פּאַריז, אַז די טרופּע מיט ג. בראש האָט אָנגעהויבן אירע פאָרשטעלונגען אויף די ראָשעשואַר. אויפגעפירט זיינען געוואָרן „שולמית", „בר כוכבא", „יהודה המכבי", „שלמה המלך" א. א. פאַר דער דערעפנונג האָט ג. איינגעאָרדנט אין טעאַטער אַ בייטאָגיקע פאַרזאַמלונג פון פּובליקום, פאַר וועלכן ער האָט אַנאָנסירט זיין טרופּע און דערקלערט די נויטווענדיקייט צו באַזוכן זיין טעאַטער. צום סוף איז ג. אַרויסגעטראָטן מיט עטלעכע יידישע נאַציאָנאַלע לידער, וועלכע זיינען באַגלייט געוואָרן מיט מוזיק.

פון די אַקטיאָרן געדענקט קריוגער בלויז ראָזענטאַל, פישקינד [פישקינד דערקלערט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געשפּילט אין פּאַריז] און אַננאַ העלד.

ביי די ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען זיינען די געשעפטן געווען שלעכט, ווייל ג. פלעגט „צאָלן זיינע חובות מיט טעאַטער-בילעטן און אין דער קאַסע פלעגט גאָרנישט אַריינקומען".

ג.'ס מאַטעריעלע לאַגע איז איצט גאָר אַ טרויעריקע. אין זיינעם אַ בריוו (פּאַריז 12 מאַי 1890) צו דינעזאָן, בעט ער נאָך אַמאָל צו פאַרקויפן צום דרוק זיינע [ג.'ס] ווערק פאַר יעדן פּרייז און אויף די שווערסטע באַדינגונגען. „דער בעל-הבית (דער פראַנצויז) האָט שוין עטלעכע מאָל אַריינגעשיקט נאָך דירה-געלט — שרייבט ג. אין בריוו — מיר קוקן שוין ניט אויף עסן, מיר קוקן שוין [ניט] אויף קליידער".

אין אַ בריוו צו שמ"ר שרייבט ער: „איר ווייסט דאָך די קרענק, וואָס איך האָב מיר אָפּגעשפּאָרט פון טעאַטער: איך לייד אַסטמאַ און שפּיי צו צייטן מיט בלוט . . . דאָס באַווייזט ווי וויט דאָס טעאַטער, דאָס הייסט, די פיזישע און גייסטיקע אַנשטרענגונג, איז מיר דערגאַנגען די יאָרן; דען איך בין שטענדיק געזונד געווען און בין פון געזונדע עלטערן. נאָר, פאַרפאַלן, אַזוי איז דאָס, דערפאַר טאָר איך מיך ניט אַנשטריינגען און איבערהויפּט זיך ניט ערגערן".

ג. פאַרלאָזט פּאַריז און פאָרט אָפּ (אָקטאָבער 1890) קיין לעמבערג, וואו ער איז זייער פּאָפּולער אַלס פאָלקס-דיכטער. דאָ פאַראינטערעסירט זיך מיט אים דאָס גאַנצע עפנטלעכע יידישע לעבן. דעם 29 אָקטאָבער 1890 האָט ג. אין פאַריין „ציון" פאָרגעטראָגן זיינע ווערק מיט אַ גרויסן בייפאַל, דעם 10 נאָוועמבער 1890 איז אַזאַ ענלעכער אָוונט פאָרגעקומען אין פאַריין „שומר ישראל".

באַלד נאָכדעם טרעט אַריין ג. אין גימפּעלס יידישן טעאַטער, וואו ער פירט אויף אייניקע שוין פריער געשפּילטע פּיעסען. דאָ פאַרענדיקט ער אויך „רבי יאָזעלמאַן אָדער דיא גזרות פון עלזאַס", „היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטן און 23 בילדער", וועלכע ער האָט אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין פּאַריז.

די פּיעסע, וועלכע איז דאָ אויפגעפירט געוואָרן דעם 14 יאַנואַר 1891 א"ר פון מחבר, איז געבויט (לויט ג.'ס הקדמה צו דער געדרוקטער פּיעסע) אויף די ווערק פון איזידאָר לאָעב, עליאַס שייד און דר. לעהמאַן.

אין 1892 האָט יעקב גאָרדין אויפגעפירט אין „יוניאָן טעאַטער קאָמפּאַני" אין ניו-יאָרק, זיין באַאַרבעטונג פון דער פּיעסע א"נ „מליץ יושר".

די אָפּערעטע איז זייט דאַמאָלט אָפט געשפּילט געוואָרן כמעט אויף אַלע יידישע בינעס.

לויט דוב זאַוואַדזקי זינגט רבי יאָזעלמאַן ביי זיין אויפטריט אַ רומענישן מאָטיוו, די מוזיק פון „וואויל איז דעם מענטשן, וואָס ער האָט אין זיין לעבן בטחון צו גאָט" איז גענומען פון נ. בלומענטאַלס „מן המצר" און דער מאָטיוו צו „פיל האָט יהודה אָנגעוואוירן" איז פון טשייקאָווסקיס אָפּערע „דאַמע פּיק".

זייט 1891 איז די פּיעסע [אויך א"נ „מליץ יושר"] דערשינען אין פיל אויפלאַגעס.

אַ מאַנוסקריפּט פון דער פּיעסע געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

4 מוזיק-נומערן פון „מליץ יושר", אַראַנזשירט פון רוסאַטאַ און פרידזעל, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני".

אין לעמבערג האָט ג. אויך אויפגעפירט זיין אָפּערעטע — „ראָטשילד", מוזיק פון מאָריס פאַל (דער פאָטער פון דייטש-יידישן קאָמפּאָזיטאָר לעאָ פאַל).

די אָפּערעטע האָט — לויט בערטאַ קאַליש — געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, איז אָבער דערנאָך זייער זעלטן געשפּילט געוואָרן.

די פּיעסע איז קיינמאָל ניט דערשינען אין דרוק. אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

די לעצטע פיעסע, וועלכע ג. שרייבט אָן און פירט אויף אין לעמבערג דעם 15 דעצעמבער 1891 איז: „משיחס צייטן" — „עפּאָכן-בילדער דער רוסישען יודען אַלס שוישפּיל מיט געזאַנג און טענצע אין 6 אַקטן, 4 פערוואַנדלונגען און 30 בילדערן". [מוזיק צונויפגעשטעלט פון אהרן פערלמוטער.]

„דער סוזשעט פון דער פיעסע איז — לויט נ. אויסלענדער און אַ. פינקעל — פאַרבונדן מיט איבערוואַנדערונגען פון איין לאַנד אין אַ צווייטן: די ערשטע דריי אַקטן קומען פאָר אין רוסלאַנד, דער פערטער אין אַמעריקע, דער פינפטער אין פאַלעסטינע. מיט דעם לעצטן אַקט אין פאַלעסטינע האָט גאָלדפאַדען געוואָלט געבן דעם אַפּאָפעאָז פון דער „חבת-ציון"-אידעע.

„די פיעסע האָט ניט קיין גרויסן קינסטלערישן ווערט, אָבער אין פיל ערטער טראָגט זי אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער און באַווייזט, אַז גאָלדפאַדנס איינדרוקן פון אַמעריקע זיינען גאַנץ ווייט פון אָפּטימיזם."

אין 1892 איז „משיחס צייטן" אין „יוניאָן טעאַטער קאָמפּאַני", ניו יאָרק, אויפגעפירט געוואָרן פון י. גאָרדין אין זיינער אַ באַאַרבעטונג.

אין 1893 איז די פיעסע אין אַ נייער באַאַרבעטונג פון מחבר אויפגעפירט געוואָרן אין בוקאַרעסט.

זייט 1900 איז די פיעסע דערשינען אין איניקע אויפלאַגעס.

אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך ביי שלום פערלמוטער אין ניו-יאָרק.

[„דער זיידע", וואָס פערזאָנאָפיצירט דעם אַקטיאָר יונה רייזמאַן אין יעקב באַטאַשאַנסקיס בוך גראָטעסקן און בילדער פון יידישן אַקטיאָרן-לעבן „נאָך דער פאָרשטעלונג", דערציילט, אַז „משיחס צייטן" איז באַאַרבעט פון דעם פאַרס „דער קראַקעווער", וועלכן די בראָדערזינגער פלעגן שפּילן].

וועגן דאַמאָלטיקן טעאַטער-„לעבן" שרייבט ל. דרייקורס אין „ליטעראַרישע בלעטער": „דער „טאַטע פון יידישן טעאַטער" האָט דאָרט געשריבן זיינע טעאַטער-פּיעסען, האָט געגעסן איינגעמאַכטס און אָנגעפירט מיט די פּראָבעס אין דער אַנוועזנהייט פונם גאַנצן עולם „גוטע ברידער", „לעמבערגער קינדער", וואָס האָבן געשפּייזט דעם „טאַטען" און זיינע קינדער — די אַקטיאָרן. דער קאָנטאַקט צווישן פּובליקום און שוישפּילער איז געווען אַ גאָר נאָענטער. די אַקטיאָרן זיינען דאַן אויסגעהאַלטן געוואָרן פון פּובליקום. ניט אויף זייטיקע וועגן, דורך דער טעאַטער-קאַסע, דורך בילעטן, נאָר טאַקע ממש: דאָס פּובליקום, וואָס איז אוונטס געקומען אין טעאַטער, האָט בייטאָג געגעבן עסן „אין נאַטורא" דער חברה אַקטיאָרן. יעדער „גוטער ברודער" האָט געברענגט עפּעס צו טראָגן, לויט מעגלעכקייט, לויט די קעשענע האָט געטראָגן, אָבער פון פולן האַרצן. צו מיטאָג-צייט, צווישן איין געזאַנג-נומער און דעם צווייטן, וואָס איז רעפּעטירט געוואָרן אויף די ברעטער פון דער גאָרטן-בינע, האָט מען זיך געזעצט ביי די טישן. שוישפּילער און פּובליקום אין איינעם. דער „יאָלד" האָט געגעבן און דער אַקטיאָר האָט געגעסן. „לעמבערגער קינדער" האָבן ליב געהאַט זייער יידיש טעאַטער."

קלמן יאָוועליר, וועלכער האָט דאַמאָלט געשפּילט ביי גימפּעל, דערציילט אין ניו-יאָרקער „גאָלדפאַדען-בוך", אַז „גאָלדפאַדען האָט רעזשיסירנדיק געמאַכט פּאַרזוכן צו ווייזן די אַקטיאָרן און אַקטריסעס ווי צו שפּילן, אָבער די פּאַרזוכן זיינען אים זעלטן-ווען געלונגען. ער איז אַליין ניט געווען קיין שוישפּילער. אַ סך מער פלעגט אים געלונגען אַ צווייטער ריין-רעזשיסערישער טייל פון זיין אַרבעט. ער פלעגט פאַר די שוישפּילער דערקלערן יעדן כאַראַקטער פון זיינע פּיעסען, וואָס ער האָט אויפגעפירט. דאָס האָט די שוישפּילער אַ סך אַרויסגעהאָלפן. זיי האָבן זיך ביי גאָלדפאַדענען געלערנט, וואָס מ'רופט היינטיקע צייטן, אויפפאַסן אַ ראָלע איידער מ'גייט זי שפּילן. גאָלדפאַדען האָט זיך אויך אַ סך אָפּגעגעבן מיט אויסאַרבעטן סצענישע עפעקטן. די טעכניק איז געווען אַ פּרימיטיווע, אָבער „דעם פאָטער פון דער יידישער בינע" איז אָפּטמאָל געלונגען אַ סך אויפצוטאָן מיט איינפאַכע מיטלען. סצענישע פאַנטאַזיע האָט ער געהאַט אַ סך און ביי דער אומבאַהאָלפנקייט און טעכנישער אָרימקייט פון דער יידישער בינע אין יענע יאָרן, האָט ער אָפּט אויסגעאַרבעט איינדרוקספולע סצענישע עפעקטן. אַזוי האָט ער — פאַר יענער צייט — זייער געלונגען אויסגעאַרבעט די סצענע ווי לוטס ווייב ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק זאַלץ (אין „סדום ועמורה") און דאָס אָנפליען פון אַ מלאך, וואָס לאָזט [ניט] אברהמען קוילן יצחקן (אין „עקדת יצחק") [„עקדת יצחק" און „סדום ועמורה" איז איין פּיעסע]. פאַר די אַלע זאַכן, ווי פאַר זיינע פּיעסען און פאַר זיין מוזיק צו די פּיעסען, איז גאָלדפאַדען זייער הויך געשעצט געוואָרן. אַלע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט יראת-הכבוד. פאַר זיין רעזשיסאָרישער אַרבעט האָט גאָלדפאַדען אַגב באַקומען אַ שיין געהאַלט אין יעקב בער גימפּעלס טעאַטער."

בערטאַ קאַליש, וועלכע האָט אויך דאַמאָלט געשפּילט ביי גימפּעל, דערציילט אין אירע זכרונות [אין „טאָג"]: „אַ גוטע שיינע צייט האָבן מיר איבערגעלעבט מיט גאָלדפאַדען. האָט ער נאָר באַטראָטן די שוועל פון טעאַטער, איז ליכטיקער געוואָרן אין יעדן ווינקעלע. זיין גוטמוטיקער שמייכל האָט געוואַרעמט און געצערטלט אונזערע הערצער און מיר זיינען אים געווען דערפאַר זייער דאַנקבאַר. ...גאָלדפאַדען איז געווען פון דעם טיפּ מענטשן, וואָס, אַז זיי ווערן באַגייסטערט, מאַכן זיי דעם איינדרוק פון ווילדע, בייזע מענטשן, וואָס אָט-אָט זיינען זיי גרייט עמיצן צו דערהרגענען. גאָלדפאַדען האָט געקאָנט אויסטרינקען זעכצן גלעזער טיי איידער מען האָט זיך אומגעקוקט."

„אָבער דער גאַליציאַנער באָדן איז — לויט דר. יעקב שאַצקי — ניט געווען גינסטיק פאַר אַ יידיש טעאַטער. די אינטעליגענץ איז געווען אַסימילירט, דאַקעגן די מאַסע — פאַנאַטיש פרום און האָט, פאַרשטייט זיך, געקוקט קרום אויף די יידישע „קאָמעדיאַנטן"."

ווי ב. גאָרין גיט איבער, האָט זיך ג. צעקריגט מיטן דירעקטאָר און איז אַרויס פון טעאַטער: „גאָלדפאַדען איז אין זיינע בעסטע צייטן קיין בעל-תכלית ניט געווען און בפרט ווען ער האָט געדאַרפט נעמען שבירות פון אַן אָרעמען דירעקטאָר. און ווען ער איז אַרויס פון טעאַטער, איז אים טאַקע פּשוט אויסגעקומען צו הונגערן. אין דער צייט, ווען ער פלעגט אַ הונגעריגער שפּאַצירן איבער די יידישע גאַסן פון לעמבערג און ער האָט דערהערט פון העל-באַלויכטענע הייזער ווי מען איז זיך משמח און מען זינגט די לידער פון זיינע אָפּערעטן, האָט ער מיט יאוש געפרעגט: ווייסן זיי דאָרטן, אַז ניט ווייט פון זיי שלעפּט זיך אַרום דער פאַרפאַסער און ווייסט ניט מיט וואָס זיין הונגער צו שטילן".

פון גאַליציע איז ג. געפאָרן קיין רומעניע, וואו ער איז שוין אין יולי 1892 טעטיק אין בוקאַרעסט. לויט ב. גאָרין איז ג. אַריין אַלס דירעקטאָר אין טעאַטער זשיגניצע, וואו ער האָט געטראָפן די סעגאַלעסקאָ-צוקערמאַן-טרופּע. ער האָט באַלד אַריבערגעבראַכט קאַליש און קאַרל שראַמעק און מיט זיי אויפגעפירט „דאָס צענטע געבאָט". דערנאָך האָט ער צוגעצויגן צו דערדאָזיקער טרופּע מאַלווינע טרייטלער [שפּעטער לאָבעל] מיט איר פאָטער.

דער קאָמפּאָזיטאָר דוד הירש גיט איבער, אַז דאָ פלעגט ער פאַרצייכנען אויף נאָטן די נגונים, וועלכע ג. פלעגט אים „איבערגעבן". דערנאָך פלעגט ג. לאָזן פאָרשפּילן דאָס פאַרצייכנטע פאַר אַ געוויסן מאיר בייגעלטרעגער, דער פאָטער פון אַן אַקטריסע, לויט וועלכנס מבינות ס'פלעגט באַשטימט ווערן דער גורל פון די נגונים.

אָבער ג. איז לאַנג ניט געזעסן אין בוקאַרעסט. וועגן דעם שרייבט

בערטאַ קאַליש [אין „טאָג“]: „גאָלדפאַדען האָט באַשלאָסן, אַז בוקאַרעסט איז ניט מער דאָס וואָס ער האָט געוואָלט אַז עס זאָל זיין, און אָנגעהויבן זיך צוצוגרייטן צו אַ נייע יאַזדע [נסיעה]. גאָלדפאַדען האָט איבערהויפּט ניט געקאָנט איינזיצן אויף אָן אָרט. עס האָט אים געצויגן אין דער וועלט אַריין און ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז וואו ער זאָל ניט קומען, וועלן פאַר אים זיין די טירן אָפן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן הערן מיר, אַז גאָלדפאַדען פּאַקט זיך שוין אין וועג אַריין, און ס'איז אַלעמען געוואָרן זייער אומעטיק. מיט גאָלדפאַדען האָט זיך די טעאַטער-געזעלשאַפט [טרופּע] געהאַלטן אין אָרדנונג. עס איז געווען אַ שטיקל דיסציפּלין. עס איז געווען פאַר וועמען דרך-ארץ צו האָבן.“

געקומען אין גאַלאַץ, פירט דאָ אויף ג. צום ערשטן מאָל זיין „עקדת יצחק או מהפכת סדום ועמורה“, „ביבלישע אָפּערעטע אין 4 אַקטען און 40 בילדער“, מיט זיגמונד האַרט אַלס „אברהם“ (שפּעטער מיט יעקב זילבערט) און מאַלווינע לאָבעל אַלס „שרה“.

לויט יאָזעף רומשינסקי איז דער אויפטריט מאָטיוו פון „אברהם“ גענומען פון הלוים „מן המצר“.

די אָפּערעטע איז ביז היינט פאַרבליבן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער איבער דער וועלט.

זייט 1897 איז די פּיעסע דערשינען אין פיל אויפלאַגעס.

אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו"א.

25 מוזיק-נומערן פון „עקידת יצחק“, אַראַנזשירט פון ה. א. רוסאָטאָ, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָ.“.

קלמן יאָוועליר דערציילט אין ניו-יאָרקער „גאָלדפאַדען-בוך“, אַז ווען ער האָט געשפּילט מיט אַ טרופּע אין טשערנאָוויצער שטאָט-טעאַטער, „איז קיין טשערנאָוויץ געקומען צו-גאַסט גאָלדפאַדען אַליין. זיין קומען האָט געמאַכט אַן אויפרודער אין שטאָט. דער ברייטער עולם האָט שוין אַביסל געקענט גאָלדפאַדען פון זיינע פּיעסן און נגונים און מ'האָט אים ליב געהאַט. עס איז דאַמאָלט פאַר אים אין שטאָט-טעאַטער געגעבן געוואָרן אַ ספּעציעלע יום-טובדיקע פאָרשטעלונג.“

אין 1895 איז פאַר די אַקטיאָרן פון „נאַציאָנאַל-טעאַטער“ אין יאַסי פאָרגעקומען אַ משפּט צווישן ג. און יאָוועליר, וועלכער האָט דאָרט געשפּילט „עקדת יצחק“ אָן דער דערלויבניש פון מחבר. צו זיין פאַרטיידיגונג האָט יאָוועליר געטענהט, אַז ער האָט די פּיעסע „גענומען פון דער ביבל“.

אין זעלבן יאָר איז ג. געקומען אין בראַאילאַ, עטלעכע טעג נאָכדעם ווי עס איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע אין דאָרטיקן פּאָרט. דאָס געשעעניש איז דאַמאָלט געווען אויפן סדר-היום און ג. האָט באַשלאָסן דאָס אויסנוצן פאַר אַ פּיעסע. האָט ער — לויט ש. י. דאָרפזאָן — צו לאַטיינערס אַ פּיעסע צוגעקנופּט אַ האַנדלונג, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער קאַטאַסטראָפע און עס אויפגעפירט א"נ „די קאַטאַסטראָפע פון בראַאילאַ“.

דאָס שטיק איז דורכגעפאַלן און איז מער ניט אויפגעפירט געוואָרן.

צו דערדאָזיקער פּיעסע האָט אַ מיטגליד פון ג.'ס טרופּע, איזמאַאילאָנאַ, פאַרפאַסט די לידער און די מוזיק.

מאַנוסקריפּט און די לידער — אומבאַקאַנט.

צו יענער עפּאָכע געהערן ג.'ס: „יהודית און הולפרנוס“ — מוזיק פון גבריאל פינקעלשטיין. די פּיעסע איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו יאָרק, אויך: „דער ציגיינער-באַראָן“, „גראַססע אָפּערעטע אין 3 אַקטען לאָקאַליזירט פאָן אברהם גאָלדפאַדען“ (באַאַרבעט פון יאָהאַן שטרויסעס „דער ציגיינער-באַראָן“). די אָפּערעטע איז זעלטן געשפּילט געוואָרן און איז קיינמאָל ניט דערשינען אין דרוק. מאַנוסקריפּטן פון איר געפינען זך ביי איציקל גאָלדענבערג אין בוקאַרעסט און ביים אַקטיאָר סאַמועל לאַרעסקאָ.

אין 1896 קומט ג. צוריק אין לעמבערג. פרילינג פאַרברענגט ער אַ קורצע צייט אין קראָקע, וואו ער פאַרהאַנדלט מיטן פאַרלעגער יוסף פישער וועגן אַרויסגעבן זיינע ווערק און האַלט דאָרט אַ פאָרלעזונג אין סאַלאָן פון [אויפן] שול-הויף. צוריקגעקומען אין לעמבערג, ווערט ער קראַנק און איז געצוואונגען (מאַי 1897) צו פאָרן זיך קורירן אין ווין. דאָ געפינט ער זיך אין אַזעלכע שלעכטע באַדינגונגען, אַז ער האָט ניט קיין געלט אויף אויסצואַרבעטן די באַפולמעכטיגונג פאַר דינעזאָן אַלס זיין איינציקן פאָרשטייער איבערן האָנאָראַר פאַר זיינע געדרוקטע און געשפּילטע ווערק. [ג.'ס בריוו צו דינעזאָן].

„אין יאָר 1896, פּונקט אין 20 יאָר אַרום נאָכדעם ווי גאָלדפאַדען האָט אין רומעניע באַוויזן זיינע ערשטע טעאַטראַלע פּרובן, האָט ער איצט [אין רומעניע] געגעבן זיינע לעצטע פאָרשטעלונגען און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט אויף תמיד זיין טעאַטער-טעטיקייט. פון דאַמאָלט אָן הייבט זיך אָן פאַר אים אַ לעבן פון הונגער און דחקות, אַ צייט, אין וועלכער דאָס שווערסטע באַשטייט דערין, וואָס גאָלדפאַדן, אָט דער מענטש פון שטענדיקער פרישער ענערגיע און איניציאַטיוו, האָט ניט וואו אַהינצוטאָן זיינע כחות. ווי אַלע מאָל, ווען עס קומט אַן איבעררייס אין זיין טעאַטראַלער טעטיקייט, פּרובט אויך איצט גאָלדפאַדן אומקערן זיך צו ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק. צו יענער צייט געהערט גאָלדפאַדנס נאָנטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם העברעאישן שריפטשטעלער ר. א. ברוידעס, וועלכער האָט דאַמאָלט געלעבט אין גאַליציע. . . . ביידע אי גרשם באַדער, אי ראובן [אשר] ברוידעס האָבן זיך, קאָנטיק, פאַראינטערעסירט, באַזונדערס ברוידעס, מיט גאָלדפאַדענען. [ג. באַדער שטרייט דאָס אָפּ]: אין „פאָלקס קאַלענדאַר“ פון יאָר 1897 האָט ברוידעס אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן א. גאָלדפאַדן. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ פאָרעדע צו גאָלדפאַדנס אַ ביכל לידער, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1898 אונטערן נאָמען „יידישע נאַציאָנאַל געדיכטע“. ווי עס זעט אויס האָט גאָלדפאַדענען זיך איינגעגעבן דאַמאָלט, מיט ברוידעס הילף, אָנהייבן אַרויסצוגעבן זיינע ווערק. . . . ניט געקוקט אויף דעם, וואָס גאָלדפאַדנס ביכלעך פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, איז דאָך, קענטיק, ניט געווען קיין אויסזיכטן, אַז דאָס זאָל קאָנען פאַרגרינגערן גאָלדפאַדנס ביז-גאָר שווערע מאַטעריעלע לאַגע. וועגן דעם שרייבט גאַנץ אָפנהאַרציק ר. א. ברוידעס אין דער פאָרעדע צו גאָלדפאַדנס ביכל.“ [נ. אויסלענדער און או. פינקעל].

אין 1900 געפינט זיך ג. ווידער אין פּאַריז, וואו עס קומט דאַמאָלט פאָר די וועלט-אויסשטעלונג. ער פּרובט זיך נאָך אַמאָל נעמען צום יידישן טעאַטער, אָבער מיט אַ קנאַפּן דערפאָלג. וועגן יענער צייט שרייבט ג.'ס אַ פריינט, דר. דאַנציגער, צו באָריס טאָמאַשעווסקי אין ניו-יאָרק, אַז „גאָלדפאַדען געפינט זיך אין אַ טרויעריקער לאַגע. עס קומט אים אויס אויף די עלטערע יאָרן צו זיין פאַרוואָגלט פון זיין היימאַט, פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ דאַך-שטיבל אין אַ פּאַריזער טענעמענט-הויז און ליידן מאַנגל און נויט. זיינע פּיעסן ציען נאָך היינט פולע הייזער [אין אַמעריקע] און ווען ער זאָל באַקומען זיין טייל אַלס אויטאָר, וואָלט ער צו קיינעם ניט געדאַרפט אָנקומען און וואָלט געקאָנט פאַרברענגען זיינע עלטערע יאָרן ברחבות. נאָר ליידער קאָן ער געזעצליך דאָס ניט פאָדערן, אָבער אויסער געזעץ איז דאָך נאָך פאַראַן אַ יושר — און דער יושר

וואָלט געווען, אַז די טעאַטערס זאָלן אים זען באַזאָרגן כאָטש אויף אַזויפיל, אַז ער זאָל לכל הפּחות ניט וויסן פון קיין נויט. און אויסער די טעאַטערס זיינען אים גראָד אַזוי פאַרפליכטעט די שוישפּילער. אפילו די, וואָס זיינען געקומען נאָך אים, ווייל ער האָט פאַר זיי אויסגעטראָטן אַ וועג און געשאַפן זייער נייע פּראָפעסיע, און דעריבער וואָלט געווען רעכט, אַז אַלע צוזאַמען זאָלן טאָן אַלץ וואָס אין זייער מאַכט צו מאַכן אַביסל פריילעכער די עלטער פון גרינדער פון יידישן טעאַטער."

אין אַ בריוו פון ג. (אַפּריל 1900) צו זיין תּלמיד יאָזעף ווינשטאָק אין שיקאַגאָ, זאָגט ער זיך אָפּ אויף ווייטער צו באַשעפטיקן מיט יידיש טעאַטער.

אין אויגוסט 1900 איז ג. אָנוועזנד אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן, וואו ער שליסט אָן אינטימע פריינטשאַפט מיטן פאָטאָגראַפיסט יצחק פערקאָף, [שפּעטער פערזאָנאָפיצירט אין ג.'ס פּיעסע „בן-עמי"], פון וועלכנס גאַסטפריינטלעכקייט ג. געניסט צו יעדער צייט ווען ער קומט אין לאָנדאָן.

אין 1901 נעמט זיך ג. שרייבן זיין ביאָגראַפיע און די אויטאָקריטיק פון זיינע פּיעסען, וועלכע הויבן אָן זיך דרוקן אין זעלבן יאָר אין „מיניקעס יום-טוב-בלעטער" אין ניו יאָרק.




אַפיש פון דער בענעפיס-פאָרשטעלונג

נאָכדעם ווי ג. באַקומט 3500 פראַנק פון ניו-יאָרק, אַלס הכנסה פון דער בענעפיס-פאָרשטעלונג, וועלכע איז דאָרט פאַר אים איינגעאָרדנט געוואָרן דעם 22טן פעברואַר 1901, פאַרברענגט ער זומער 1901 אין די וואַרם-בעדער און פאָרט צוריק קיין פאַריז, פון וואַנען ער קאָרעספּאָנדירט פון צייט צו צייט צו „די יידישע גאַזעטען" אין ניו-יאָרק.

„אויסער דער אויטאָביאָגראַפיע האָט גאָלדפאַדען — לויט נ. אויסלענדער און או. פינקעל — אין די פאַריזער יאָרן אויפן ליטעראַרישן געביט ווייניק וואָס אויפגעטאָן. עס ווערט דערציילט, אַז גאָלדפאַדען האָט אין פאַריז געוואוינט אין צענטער פון דער יידישער אָרעמקייט — די עמיגראַנטן פון רוסלאַנד. ער פלעגט אַרויסטרעטן מיט פּאַלעסטינאָפילישע לידער אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי. ער איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער אויך אין הויז פון פאַריזער ראַבינער כהן, וועלכן גאָלדפאַדען האָט אויך, ווי באַוואוסט, געווידמעט אַ ליד. אַ פּנים, אַז אין דער סביבה פון פאַריזער ראַבינער האָט גאָלדפאַדען נאָך גיכער דורכגעמאַכט יענע רעאַקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אייניקע יאָר פריער. אין די פאַריזער יאָרן איז גאָלדפאַדען געווען מער קאָנסערוואַטיוו געשטימט איידער ווען עס איז פריער אין זיין לעבן. מיטאַמאָל, נאָך אַן הפסקה פון העכער 30 יאָר, דערמאָנט ער זיך אָן זיין יוגנט-רעפּוטאַציע פון אַ העברעאישן דיכטער. ער וויל זי באַנייען. ער גיט ווידער אַרויס זיין ביכל „ציצים ופרחים" (כאָטש אין דער פאָרעדע האַנדלט זיך עס אייגנטלעך וועגן באַרעכטיקן זיין שרייבן יידיש). ער שרייבט צו אַ פּאָר נייע העברעאישע שירים. די שירים זיינען, ווי דאָס רוב לידער פון גאָלדפאַדענס לעצטן פּעריאָד, באַגלייט מיט עטוואָס-פאַרדעכטיקע ווידמונגען, פון וועלכע עס לאָזט זיך דרינגען, אַז די לידער האָבן אויך געהאַט אַ געווויסן אוטיליטאַרן צוועק. דאָ אין פאַריז דערנענטערט זיך גאָלדפאַדען צו זיין 60-יאָריקן געבורטסטאָג [יולי 1900]. אין אייניקע אויסגאַבן („דער יוד", „המליץ" א. א.) ווערן געדרוקט אַרטיקלען געווידמעט גאָלדפאַדענס יובליי. אַלע פאַרענדיקן זיי זיך מיט אַ צורוף צו העלפן דעם מאַטעריעל-ליידנדיקן א. גאָלדפאַדען."

זומער 1902 פאָרט ג. אַרום איבער ענגלאַנד. [דער נאָמען גאָלדפאַדען איז דאַמאָלט אַזוי פּאָפּולער איבער דער ענגלישער פּראָווינץ, אַז אַ געוויסער קיידאַנאָוו, וועלכער האָט אויסגעזען ענלעך צו גאָלדפאַדען, איז — לויט קאַרל זילבערמאַן — אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ און פאַרגעלייענט ג.'ס ווערק, — אויסגעבנדיק זיך אַלס גאָלדפאַדען].

וועגן דאָזיקן פּעריאָד שרייבט ג. אין זיין בריוו צו דינעזאָן [פאַרעפנטלעכט דורך נחמן מייזיל אין דער וואַרשעווער „די יידישע וועלט"]: „איך וויל מיך דאָ באַשטרעבן ווי מעגלעך קורץ אייך איבערגעבן אייניקע עפּיזאָדן איר זאָלט אייך קאָנען מאַכן אַ באַגריף וויניקסטענס פון דער ל ע צ ט ע ר צייט פון מיין פאַריזער לעבן און עס זאָל אויך [אייך] קיין וואונדער זיין ווי אַנדערע, ווי אַזוי אַ מענטש עקסיסטירט אָן אַ פּרנסה, וועלכע מען האָט זי פון אים אָוועקגערויבט און ווי אַזוי לעבט נאָך דאָס באַשעפעניש, וואָס מען עסט עס אויף לעבעדיק? — מיין גאַנץ שטיקל גליק איז געווען, ווען אַ האַלבע וועלט עסט אויף און לעבט פון מיינע פרוכטע און גייסטעס פּראָדוקטן, וואָס איך האָב מיר פאַרזייט אין דער יוגנט פאַר מיין עלטער, האָבן זיי א י י נ ס מיר געמוזט איבערלאָזן, וואָס זיי האָבן עס נאָך ניט געקאָנט אַנבייסן: דאָס איז מיין נ אָ מ ע ן, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן און מיין „איך"... ... עס קומט מיר פאָר ווי מיין „איך" איז עפּעס אַ שטיקל לעבעדיקע „רעליקוויע" פון אַ מוזעאום און איך, אין דער אייגנשאַפט פון אַן אימפּרעסאַריאָ, פיר א י ם אַרום אין לענדער און שטעט אין גרויסע סאַלאָנען צו דער אויסשטעלונג און דער עולם צאָלט אַנטרע נאָר אָנצוקוקן דעם אַנטיק... אַזוי האָב איך געלעבט די ערשטע צוויי יאָר אין פאַריז — נאָכדעם ווי די יידן האָבן זייער נייגירדע שוין באַפרידיקט מיט מיין „איך", בין איך געקומען אין

דער גרויסער יידנבאַפעלקערטער שטאָט לאָנדאָן — דאָרטן האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיטעט פון אַ 20 מיינע חסידים. זיי האָבן געדונגען איינעם פון די שענסטע און גרעסטע סאַלאָנען, וואָס אַנטהאַלט אַריבער 2000 פּערזאָנען און האָבן פּראָקלאַמירט, אַז אין אַ געוויסן אָוונט וועט דער עולם קאָנען האָבן די געלעגנהייט מיך זען פּ ע ר ז ע נ ל ע ך און מיך הערן ריידן — באַשרייבן אייך די אָוואַציאָנען מיט דעם טאַראַראַם, וואָס דאַמאָלט איז געווען, ווי מאַנכע רעדאַקטערע פון ענגלישע צייטונגען האָבן מיך געשלעפּט צו פאָטאָגראַפן, מיין בילד אַריינשטעלן אין זייערע צייטונג[ען] מיט מיינער ביאָגראַפיע; די גרויסע רעדע, וואָס דער ראַבינער דר. גאַסטער, פּרעזידענט פון דעם זעלבן קאָמיטעט, האָט געהאַלטן וועגן מיר, און די אַפּלאָדיסמענטן, דאָס אַלץ געהער צו דער סדרה „כבוד“, וואָס מיך עקלט דערפון אַפילו צו ריידן... די הויפּטזאַכע איז, וואָס איך האָב אַהיימגעפירט אַ פּאָר טויזנט פראַנק און האָב געלעבט אַ צייט רואיק בעל-הביתיש. ... פאַראַיאָרן אָנפאַנגס זומער, ווען איך האָב מיך געוואָלט פּאַרקאַטשן מיט אייך צו ערנייערן די קאָרעספּאָנדענץ — האָב איך געמוזט אַוועק נאָך לאָנדאָן און אַנשטאָט, ווי איך האָב גערעכנט צו בלייבן דאָרט צוויי וואָכן, האָב איך פאַרבראַכט זעקס חדשים. ... אויסער לאָנדאָן זיינען נאָך דאָ פילע שטעט אין ענגלאַנד, וואָס זיינען באַפעלקערט פון יידן, צווישן זיי ציוניסטן, — אַז מען איז געוואויר געוואָרן אַז איך בין אין לאָנדאָן, האָב איך באַקומען איינלאַדונגען פון די שטעט, פון די קאָמיטעס, וועלכע האָבן זיך דאָרט געגרינדעט אום מיך אויף אַ „קאָנצערט“ אַהין אַראָפּצוברענגען. דאָס קאָנצערט באַשטייט פון בעל-הביתישע יונגעלייט אָדער מעדכען פון יעדער שטאָט, וועלכע קומען, מיר צוליב, דעם אָוונט זיך אויסצייכנען מיט זייער קונסט פון שפּילן אָדער זינגען (ענגלישע שטיק). צום שלום ערשיין איך אויף דער פּלאַטפאָרמע אין באַגלייטונג פון גאַנצן קאָמיטע. — איך דאַנק זיי פאַרן עולם, פאַר דער אויפנאַמע און דער פּרעזידענט פון דער קאָמיטע איבערדרייכט מיר אַ פּרעזענט און האַלט אַ קליינע רעדע, — אַזוי האָט מען מיך אין ליווערפּאָל פּרעזענטירט פון עבענהאָלץ אַ טייער שטעקל מיט אַ זילבערנעם קאָפּ, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט אין ענגלישע בוכשטאַבן דער שבח צום אנדענקן פון דעם קאָמיטע פון דער שטאָט מיט דעם דאַטום. אין מאַנטשעסטער האָט מען מיך פּרעזענטירט מיט אַ גאָלדענע טאַשן אור (אויפגעשריבן דעם דאַטום) — אין לידז האָבן מיך די אָרטיקע בני-ציון פּרעזענטירט מיט אַ גאָלדענע קייט און מעדאַליאָן (מיט אויפשריפט); אין די שאָטלענדישע שטעט עדינבורג און גלאַזגוי, וואו מיין באָבע איז דאָרט ניט געווען, האָבן מיך די בני-ציון אַהין איינגעלאַדן אויף אַ קאָנצערט (איך האָב זיי פאָרגעטראָגן דעם דור הפלגה) — דאָס קאָמיטע האָט מיך דאָרט פּרעזענטירט מיט אַ זילבערן סיגאַרעט-שפּיץ, ספּיטשניצע [צינדהאָלץ-קעסטל] און אַ זילבערנע טאַבאַקס דאָזע (מיט אויפשריפט). דאָס זיינען די מתנות. — איך רייד שוין ניט פון מזומנים-גאָלדענע פונטן, און רייד שוין ניט פון די גוואַלדן, וואָס איך שעם מיך פּשוט צו דערציילן, מיט דער פּאַראַדע, ווי מען האָט מיך אַריינגעבראַכט אין יעדער שטאָט — די פּראַכטפולע וואוינונג, וואו איך האָב געפּראַוועט (עפּעס ווי אַ גוטער ייד) און די פּאַראַדע פון באַגלייטן ביים אַוועקפאָרן. ... אין דעם פּיבערישן צושטאַנד לעבן מיר שוין דאָ דאָס זעקסטע יאָר — אונזער גאַנצער טרייסט איז, וואָס מיר זעען קיין טעאַטער פאַר זיך — מיר האָבן פאַרגעסן אין דעם גאַנצן שאַרלאַטאַנסקן טעאַטער לעבן... און מיר זיינען העכסט צופרידן צו פירן אונזער רואיק, שטיל בעל-הביתיש לעבן.“

ג. פּלאַנט אומצוקערן זיך קיין רוסלאַנד. ער איז אַפילו וועגן דעם זיך מישב מיט נחום סאָקאָלאָוו, וועלכן ער באַגעגנט אין 1903 אין פּאַריז. אָבער ער ענדערט זיין פּלאַן און אין נאָוועמבער 1903 קערט זיך ג. צוריק קיין אַמעריקע.

עטלעכע כלל-טוער און טעאַטער-מענטשן האָב אין ניו-יאָרק אַראַנזשירט דעם 2 דעצעמבער 1903, נאָכמיטאָג, אין גרענד-טעאַטער, אַ גרויסן קבלת-פּנים, צוליב וועלכן ג. האָט פריער פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע אַן אויפרוף צו די יידישע מאַסן, אַז זיי זאָלן קומען אים מקבל פּנים זיין.

דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט. געשפּילט האָט מען צו איינצלנע אַקטן פון „שולמית“, „ברײנדעלע קאָזאַק“, „ביידע קוני-לעמעל“ און „בר כוכבא“ מיטן אנטייל פון די באַדייטנדסטע כחות פון דער יידישער טעאַטער-וועלט. ג. איז נאָך יעדן אַקט שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן. נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן געהאַלטן באַגריסונגס-רעדעס די אַקטיאָרן פיינמאַן, אַדלער און טאָמאַשעווסקי און ג. האָט געענטפערט.




אַפיש פון דער קבלת-פּנים-פאָרשטעלונג

אומקערן זיך איצט צו טעאַטער-טעטיקייט, איז אָבער שוין פאַר ג. געווען צו שווער. „איך האָב געהערט — שרייבט ער צו יצחק פּערקאָף — אַז אין לאָנדאָן בויט מען אַ סטאַביל יידיש טעאַטער. פאַר מיר האָט עס קיין אינטערעס, עס איז צו שפּעט פאַר מיר. עס איז פאַר די יונגע דורות“. און צו זיינעם אַ פריינט, א. ליכטענשטיין, שרייבט ער: „איר ווינשט אודאי צו וויסן וואָס איך טו און וואָס איך מאַך? ענטפער: איך טו גאָרנישט און מאַך גאָרנישט — וואָס דער פליכט איז פון אַ געוויסנהאַפטן מענטשן אין דער וועלט צו טאָן און צו מאַכן, האָב איך שוין מיינס אָפּגעטאָן און אָפּגעמאַכט — איך האָב מיין מיסיאָן ערפילט און האָב געמאַכט פאַר דער וועלט אַ יידישן טעאַטער — און ווי אַזוינע מ אַ כ ע ר ווי איך מוזן פאַלן צום אָפּפער אַליין אום אַנדערע גליקליך צו מאַכן, אַזוי מוז איך יעצט זיצן און צוזען ווי אַלע מיינע אַקטיאָרן זיינען גליקלעך. מאַנכע האָבן זייערע אייגענע

הייזער, עקיפּאַזשן, די פּרויען זיינען באַהאַנגען מיט בריליאַנטן און איך מוז צופרידן זיין מיט דעם וואָס זיי זיינען מיר ווייניקסטנס ניט קיין קעגנער, ניט קיין שונאים... אייניקע אינטעליגענטע פּריוואַטע מענטשן האָבן זיך אַריינגעלייגט אין מיינע אינטערעסן און האָבן אויסגעווירקט, אַז יעדער טעאַטער דאַרף מיר צאָלן אַ קליינע וועכענטלעכע גאַזשע [5 דאָלאַר]. איינמאָל אין יאָר האָב איך אַ בענעפיס און דאָס איז מיין עקזיסטענץ."

וועגן ג.'ס קומען אין אַמעריקע, שרייבט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות: „כבוד האָט ער געבעטן ביי די שוישפּילער פאַר דער בינע, אָבער ניט פאַר זיך אַליין, אָבוואָל די יידישע בינע איז געווען גאָלדפאַדענס לעבן. ער איז געזעסן דאָן [בעת דעם קבלת-פּנים פאַר אים] אין באָקס [לאָזשע], געקוקט אויף דער שיינער עלעגאַנטער בינע פון גרענד טעאַטער און אויף די פילע אַקטיאָרן אויף דער בינע און אַרום אים, אין באָקס, און זיין האַרץ האָט געקוואָלן פון נחת. איך האָב אין זיינע אַלטע אויגן געלעזן זיין פרייד און זיין גליק. ער האָט ווי געגאַפט און שטילערהייט אין זיך געשעפּטשעט: „מיין יידיש טעאַטער, מעשי ידי."

אַ גאַנץ אַנדער בילד וועגן ג.'ס קוק אויף די יידישע אַקטיאָרן, באַקומט זיך פון לעאָן קאָבריןס זכרונות:

„— איי, איי-איי, מיינע קינדער! — קרעכצט ער אַרויס.

„און ער הייבט זיך אָן צו קלאָגן פאַר מיר אויף די אַקטיאָרן, זיינע קינדער, וואָס ווילן אים איצט ניט קענען.

„ער האָט זיי פאַר מענטשן געמאַכט. איצט האָבן זיי קאַרעטן און פּאַלאַצן און כבוד, און זייער טאַטען ווילן זיי מער ניט קענען. דער איינציקער פון זיי, וואָס דערקענט אים יאָ, איז טאָמאַשעווסקי, דווקא איינער, וואָס ער איז קיינמאָל זיין אַקטיאָר ניט געווען.

„—ווייסט איר וואָס זיי וואָלטן געווען אָן מיר? — רעדט ער שוין מיט האַרץ און מיט ווייטאָג, און זיין פּנים, ווי פון פאַרשטייבטן מאַרמאָר, איז שוין אויפגעלעבט און רויטלט זיך, — אַלפאָנסן און קאַרמאַנשטשיקעס וואָלטן אַ סך פון זיי פאַרבליבן, ווען ניט איך! איר ווייסט די געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער? איך וועל אייך דערציילן. אַלפאָנסן און אַנדערע וואוילע יונגען זיינען געגאַנגען פון די שענקען און קאַבאַקן צו זייערע מוידן, האָב איך זיי אָפּגעשטעלט אויפן וועג און זיי געזאָגט: „קינדער, וואַרפט אַוועק אייערע מוידן און אייער הולטייסטוואָ, און קומט, מיר וועלן בעסער שפּילן יידיש טעאַטער" — און אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן דאָס יידישע טעאַטער."

אב. קאַהאַן שרייבט וועגן יענער צייט [אין זיין בוך „אין די מיטעלע יאָהרען"]: „קיין סך נחת האָט ער דאָ [אין אַמעריקע] ניט געהאַט. צו אַ טעאַטער זיך צושלאָגן איז אים געווען שווער, און ווען ער האָט דאָ געפּרובט שרייבן נייע פּיעסען, האָט זיין טאַלאַנט אים ניט געקאָנט דינען. דער אַמעריקאַנער טעאַטער-מאַרק האָט געפאָדערט אַ גאַנץ אַנדערע סחורה. . . . גאָלדפאַדען פלעגט פאַר מיר זיך באַקלאָגן אויף די ניו-יאָרקער יידישע טעאַטערס, אַז מען באַצאָלט אים ניט קיין „ראָיאַלטעס" [האָנאָראַר] פאַר זיינע פּיעסען. ער האָט שאַרף קריטיקירט הורוויצן און לאַטיינערן און די שוישפּילער. די שוישפּילער פלעגט ער אָנרופן מיט זייערע ערשטע נעמען (דודל, משהלע), ווי ער איז געוואוינט געווען זיי צו רופן אין רוסלאַנד, ווען זיי זיינען צו אים אָנגעקומען זיך לערנען „די מלאכה". ער פלעגט אָפט געברויכן אַ וואָרט, וואָס מען קאָן ניט דרוקן. ער האָט גערעדט מיט הומאָר, דאָס רוב מיט אַ שמייכל. אין רומעניע און אין רוסלאַנד פלעגט ער אויף זיי [די אַקטיאָרן] קוקן ווי אַ בעל-הבית קוקט אויף זיינע משרתים. ער האָט זיי אַלעמען „פאַר מענטשן געמאַכט", ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן."





אין אַ בריוו צו דינעזאָן קלאָגט זיך ג.: „איך האָב קיין טענות ניט, וואָס דאָס אַמעריקאַנישע יידישע טעאַטער האָט זיין טאַטען ניט דערקענט און וויל ניט וויסן פון מיר. ביי אַ פאָלק, וואָס עלטערן און קינדער זיינען געצוואונגען צו וואַנדערן אין פאַרשיידענע צייטן און אָפט אויף פאַרשיידענע וועגן, איז קיין זעלטנהייט ניט, אַז קינדער זאָלן זייערע עלטערן ניט דערקענען און אפילו עלטערן זאָלן ניט קאָנען טרעפן דעם וועג צו זייערע קינדער. טענות אָבער האָב איך, כאָטש איך ווייס ניט צו וועמען, וואָס דאָס ליב קינד מיינס וואַקסט אויס אַ גוטער שגץ, אַ עזות מחוצף-פּנים, און איך מעג זיך רעכטן, אַז מען וועט מיך אַמאָל שעלטן אין טאַטען-אַריין פאַר דעם טייערן תכשיט, וואָס איך האָב אויף דער וועלט געבראַכט."

ג. האָט באַקומען אַ געוויסע שטיצע פון זיינע פאַרערער און האָט ווידער אַרויסגעגעבן אייניקע ביכלעך לידער.

מיט טעאַטער האָט ער זיך אין יענער צייט ווייניק אָפּגעגעבן, הגם מען טרעפט אים זייער אָפט הינטער די קוליסן פון די ניו-יאָרקער יידישע טעאַטערס. אין אַ בריוו צו זיין פריינט ליכטענשטיין בעט ער אים, אַז אַזוי ווי שרייבן אָריגינעלע פּיעסן פילט ער זיך צו שוואַך, זאָל ער אים צושיקן פראַנצויזישע וואָדעווילס, וועלכע ער וועט אפשר פּרובן באַאַרבעטן.

אין 1904 האָט אין ניו-יאָרק זיך געגרינדעט אַ פאַריין פון העברעאיש-ריידנדיקע יונגעלייט, „דר. הערצל ציון-קלאָב". אָנגערעגט דורך זיי טראָגט זיך אַרום ג. מיטן געדאַנק צו שאַפן אַ העברעאישע בינע: צווישן די מיטגלידער פון דאָזיקן פאַריין קלייבט ער אויס אַ צאָל „באַגאַבטע" יונגע אַקטיאָרן פאַר וועלכע ער שרייבט אָן דעם 18 דעצעמבער 1905 אַן איינאַקטער אין העברעאיש (מיט אייגענער מוזיק) „דוד במלחמה" און פירט אים אויף אין מערץ 1906 אונטער זיין אייגענער אויפזיכט, ניט געקוקט אויף זיין דאַמאָלטיקן שוואַכן געזונט-צושטאַנד. דידאָזיקע „דעמאָנסטראַציע פאַר העברעאיש" איז געווען די ערשטע העברעאישע פאָרשטעלונג אין אַמעריקע.

דער איינאַקטער איז פון דער זעלבער „טרופּע" אויך אויפגעפירט געוואָרן אין מערץ 1907 און אין אַפּריל 1908. ביי יעדער פאָרשטעלונג האָט די פּיעסע געצויגן אַ גרויסן עולם און די יידישע און ענגלישע פּרעסע האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן.

ג. האָט — לויט דר. יהושע בלאָך — „ווירקלעך הנאה געהאַט פון דעם און אויף זיינע אַלטע יאָרן האָט ער אנגעהויבן פילן, אַז ער איז ניט בלויז דער "פאָטער פון דער יידישער בינע", נאָר אפשר אויך „דער שעפער פון דער העברעאישער בינע".

דער איינאַקטער איז אָפּגעדרוקט אין העברעאישן אָריגינאַל אין „אַרכיוו פאַר יידיש טעאַטער", אַרויסגעגעבן דורך „ייוו"א".

„אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט גאָלדפאַדען — לויט משה שטאַרקמאַן — ממש געליטן הונגער. זיין נויט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך געלאָזט איבערריידן פון אַ געוויסן דר. לאַנדעס, . . . . . . . . . . ., און פאַר אַ פּאָר דאָלאַר האָט ער אים אָנגעשריבן אַ רעקאָמענדאַציע-בריוו. דר. לאַנדעס האָט דעם בריוו פאַרעפנטלעכט אַלס אַן אַנאָנס אין דער יידישער פּרעסע און אים אויך געדרוקט אַלס פאָרוואָרט צו זיינע ביכלעך וועגן סעקסועלע ענינים. דערדאָזיקער אינצידענט האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט גאָלדפאַדענס שונאים, מיטן ראָמאַניסט-דראַמאַטורג משה זייפערט בראש, אין אים אַריינצושיסן גיפטיקע פיילן". און אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָט ג. אָנגעשריבן זיין פּיעסע „בן עמי" [בנוגע וועלכער ער דערקלערט, אַז דעם ערשטן אימפּולס צו איר האָט אים געגעבן דזשאָרדזש עליאָטס ראָמאַן „דניאל דעראָנדאַ"]. וועגן דער דאָזיקער פּיעסע זאָגט

זיך אַרויס ג. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע [קאַפּיטל: „פון שמענדריק ביז בן-עמי״]: „איך בין געקומען צו דעם באַשלוס, אַז דאָס נייע שטיק דאַרף זיין גאָר פון אַ נייעם סאָרט! ניט ענלעך צו מיינע אַלע פּיעסן, וועלכע איך האָב אַמאָל פאַרפאַסט אין אייראָפּע ביי פאַרשיידענע אומשטענדן, אין פאַרשיידענע לענדער און אין פאַרשיידענע צייטן, ווען מיין יידישע בינע איז נאָך גאָר אַ בייבי [קינד] געווען און די קרעפטע זיינען נאָך גאָר רוי געווען. . . . מיר יידן נויטיקן זיך איצט מער פון אימער אין פּעסטער איי נ י ק י י ט — אַלע סעקטען, אינטריגען, קאַסטען, קאַפּריזן און פאַרטיי-קעמפּע, דאַרפן פאַרוקט ווערן אויף דעם צ ו ו י י ט ן פּלאַן און יעדער אמתער געטרייער ייד פון זיין פאָלק דאַרף זיך באַשטרעבן מיטצוהעלפן מיט ראַט און טאַט, מיט פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציאָן צו רעטן זיין פאָלק און צו אַרבעטן וועגן זיינע פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט; אויפמונטערן זיין געפאַלענעם מוט און אין זיין ביטערן כוס אַריינצוגיסן כאָטש אייניקע זיסע טראָפּן פון טרייסט אין אַ בעסערער צוקונפט. און דאָס איז די הויפּט-אידעע פון מיין יעצטיקער נייע דראַמע — „בן-עמי״.

וועגן ג.׳ס לעצטע טעג שרייבט ב. גאָרין: „הגם שוין אַ קראַנקער און אויסגעמאַטערטער, האָט ער נאָך חשק געהאַט צו שרייבן פאַר דער בינע. דורכגעדרונגען מיטן נאַציאָנאַליסטישן געדאַנק, האָט ער זיך גענומען צו דראַמאַטיזירן „דניאל דערונדאַ״, און אין אַ משך פון אַ פּאָר יאָר איז דערפון אַרויסגעקומען זיין לעצטע דראַמע „בן עמי״, וועלכע, מחשבותן, האָט מיט דעם דערמאָנטן ענגלישן ראָמאַן גאָרניט צו טאָן. נאָר קיין נחת האָט ער פון זיין לעצטן ווערק ניט געהאַט. . . . אַ צייט נאָכדעם ווי ער האָט פאַרקויפט „בן עמי״, האָט ער מיך באַגעגנט און פאַר מיר אויסגעגאָסן זיין האַרץ. ער האָט זיך ביטער געקלאָגט, אַז דער דירעקטאָר האָט די פּיעסע איבערגעגעבן צו עפּעס אַ ייִנגל אין זיין טעאַטער, אַז ער זאָל זי איבערמאַכן. דאָ איז ניט קיין פראַגע צי „בן עמי״ איז אַ גוט ווערק צי ניט, דאָס איז געווען זיין לעצט ווערק, און מען האָט עס געקויפט צוליב זיין נאָמען. גאָלדפאַדען אַליין האָט אויך ניט געקלערט, אַז די פּיעסע איז בתכלית השלמות. עס איז נויטיק דאָ צוצוגעבן, אַז איידער ער האָט זי פאַרקויפט, האָט ער זיך געווענדעט צו די טעאַטער-קריטיקער זיי זאָלן צו אים קומען און ער וועט [זי] איבערלייענען, דערקלערנדיק, אַז ער פאַרלאַנגט זיי זאָלן אָנצייכנען אַלע פעלערן, וואָס זיי וועלן געפינען און ער וועט זיי אויסבעסערן. ער איז אויך געווען גרייט צו מאַכן די שינויים, וואָס דער דירעקטאָר האָט פאַרלאַנגט, נאָר וואָס אים האָט טיף באַליידיקט און געקרענקט איז געווען דאָס, וואָס אַ ייִנגל, וועלכער האָט ניט פאַרמאָגט זיין שיחת חולין און ניט זיין בינע-קענטניש, זאָל איבערמאַכן זיינע אַ פּיעסע.״

צוליב דעם וואָס ג. האָט פאַרקויפט זיין פּיעסע, האָבן די אַנדערע טעאַטערס אויפגעהערט אים צאָלן די 5 דאָלאַר אַ וואָך, מיט וועלכע זיי פלעגן אים שטיצן.

דעם 25 דעצעמבער 1907 איז אין פּיפּעלס טעאַטער א״ר פון באָרים טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס „בן עמי״ אָדער „דער זאָהן פון מיין פאָלק״, „מוזיקאַלישעס נאַציאָנאַל שטיק אין 4 אַקטן, מוזיק פון ה׳ פרידזעל, קופּלעטן-מוזיק און טעקסט פון ז. מאָגולעסקאָ״.

באָרים טאָמאַשעווסקי שרייבט וועגן דער אויפירונג: „ווען דער אַלטער טאַטע אונזערער, אברהם גאָלדפאַדען, האָט פאַרטיק געמאַכט זיין לעצטעס ווערק „בן עמי״, האָט ער אין פּיפּלס טעאַטער אויף דער בינע ביי זיינעם אַ בענעפיט אין אַ גלענצענדער רעדע אַנאָנסירט דעם פּובליקום, אַז זיין ווערק „בן עמי״ איז פאַרטיק. דאָס האָט געמיינט, אַז דאָס פּובליקום זאָל וויסן, אַז גאָלדפאַדען האָט אַ ניי ווערק און די מענעדזשערס זאָלן קומען דאָס ווערק קויפן... נאָך דעם צווייטן אַקט [דאָ רעדט זיך וועגן פאַרלייענען די פּיעסע אין אַן אַנדער טעאַטער] האָט דאָס מענעדזשמענט מיט אַ פּאָר פיש-עסער [חונפים] פון מענעדזשער, עטלעכע פּאַטריאָטן, וואָס גיבן אַכטונג אויף די בראַוואָס און וואָס קלאַפּן בראַוואָ מיט ברעטלעך, אַ פּאָר רעאַליסטישע אַקטיאָרן, וואָס זיינען פאַרגוויישט געוואָרן פון דעם גוישן רעאַליזמוס, זיך אויפגעשטעלט און ערקלערט דעם אַלטן גאָלדפאַדען, אַז זיין ווערק „בן עמי״ איז קיין פּיעסע ניט: זי האָט ניט קיינע טיפּן, קיינע סצענען, קיין לעבן, קיין טענדענץ; און איינער, אַ חוצפּהניק, האָט עס נאָך פאַרשטאַרקט און גאָר אָן אַ ברעקל בושה געזאָגט דעם אַלטן גאָלדפאַדען, אַז ער איז עובר בטל און ווייס אַליין ניט וואָס ער האָט אָנגעשריבן, און דאָס מענעדזשמענט האָט גאָלדפאַדענען ערקלערט, אַז די פּיעסע „בן עמי״ וועט ניט אויפגעפירט ווערן. . . . איך האָב דאָס ווערק אויפגעפירט טריי נאָך די פאָדערונגען ווי גאָלדפאַדען האָט עס אויפגעשריבן. צו די לעצטע צוויי פּראָבן איז גאָלדפאַדען געקומען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דער לאָזשע און באַוואונדערט די פּראָבן. — טאָמאַשעווסקי — האָט ער מיר געזאָגט — איר האָט מיר געזאָגט, אַז מיר וועט מען אָנטאָן אַ קרוין פאַר מיין „בן עמי, און איך זאָג, אַז אייך דאַרף מען אנטאָן אַ קרוין פאַר די אויפירונג פון מיין „בן עמי״. איך זע ביידי פּראָבן, אַז איר האָט מיינע געשריבענע מענטשן לעבעדיק געמאַכט. איר האָט אין מיינע געדאַנקען אַ נשמה אַריינגעגעבן.

„און „בן עמי״ איז אויפגעפירט געוואָרן מיט עטלעכע טעג שפּעטער. ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג איז די באַגייסטערונג געווען אַ שטורמישע. מען האָט אַרויסגערופן גאָלדפאַדענען אין די צענדליקער מאָל פאַרן פאָרהאַנג. די בראַוואָס און באַגייסטערונג איז [זיינען] געוואַקסן פון אַקט צו אַקט. ביים לעצטן אַקט איז דער אַלטער גאָלדפאַדען באַשענקט געוואָרן מיט בלומען און אַ בלומען-קראַנץ. גאָלדפאַדען איז געלאָפן אַהיים מיט זיינע פריינדע, טראָגענדיק בלומען מיט לאָרבערקרענצע און איז געבליבן שטיין ביי זיין טיר און זיך אָנגעטאָן אַ גרויסן קראַנץ איבער זיינע שולטערן און אַריינגעגאַנגען אין זיין הויז מיט אַ גדולה און אויסגעשריגן צו זיין לעבנסבאַגלייטערין: — דו זעסט, מאַמעלע, די בלומען און לאָרבערקרענצע? דאָס האָט דאָס פּובליקום געגעבן דעם עובר בטל גאָלדפאַדען. — וויינענדיק איז ער געפאַלן זיין פרוי אויף דעם האַלז און געמורמלט: —איך בין ניט עובר בטל, איך בין ניט עובר בטל. — 5 פאָרשטעלונגען האָט דער אַלטער טאַטע אברהם גאָלדפאַדען זיך געטרייסט און געקוויקט מיט זיין לעצטן קינד „בן עמי״. ביי דער 5-טער פאָרשטעלונג האָט ער געזאָגט, ער פילט ניט גוט און אַוועק אַהיים אַ קראַנקער״.

דאָס פאַרקערטע שרייבט ב. גאָרין: „דיזאָזיקע פּיעסע האָט פריער געקויפט אַדלער, נאָר ער האָט [קיין] חשק געהאַט צו שפּילן אין איר. ענדלעך האָט טאָמאַשעווסקי זיך מרחם געווען אויף איר, אָבער ער האָט איר ניט געשטעלט ווי גאָלדפאַדען האָט פאַרלאַנגט. גאָלדפאַדען האָט געוואָלט, אַז זיין לעצטע פּיעסע זאָל זיין אָן מוזיק און זאָל אויפגעפירט ווערן אַלס אַ דראַמע, נאָר די דירעקטאָרן האָבן אַנדערש באַשלאָסן און „בן עמי״ איז אויפגעפירט געוואָרן אַלס אָפּערעטע. ווי ווייניק נחת גאָלדפאַדען האָט ניט געהאַט פון זיין לעצטער פּיעסע, איז אים אָבער נאָך באַשערט געווען צו זיין ביי דער אויפירונג. די פּיעסע איז דורכגעפאַלן און מען האָט שוין געזאָלט אַרונטערנעמען איר פון דער בינע, נאָר פּלוצים איז ער קראַנק געוואָרן און אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אויף אייביק פאַרמאַכט זיינע אויגן און מיט זיין טויט האָט ער אַ ניי לעבן געגעבן זיין לעצטע פּיעסע״.

ענלעכס דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות:
„דער פּאָעטער פון דער יידישער בינע, אברהם גאָלדפאַדען, האָט געפילט, אַז „בן עמי" איז זיין לעצטעס ווערק און ער האָט דאָס אונצייליקע מאָל ווידערהאָלט. ער האָט געוואָלט, אַז זיין לעצטע שטיק זאָל ניט זיין קיין האָפּקע-פּיעסע, וואו די מוזיק שפּילט אָן אַ פאַרוואָס. ער האָט דערום פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אויפירן „בן עמי" אַלס אַ דראַמע, אָן מוזיק, אָבער דער דירעקטאָר פון טעאַטער [באָריס טאָמאַשעווסקי] האָט געהייסן „מאַכן מוזיק" און עס איז געבליבן ווי דער דירעקטאָר האָט געהייסן און ניט ווי דער פאַרפאַסער האָט געוואָלט. ביים אָנפאַנג איז די פּיעסע געווען אַ דורכפאַל. מען האָט זי שוין געוואָלט אפילו אַראָפּנעמען פון דער בינע און שטעלן אַן אַנדערע, אָבער גאָלדפאַדען ווערט דאַן פּלוצלינג קראַנק. אין עטלעכע טעג אַרום קומט דער קאַלטער טויט און רויבט אים אַוועק פון דער וועלט. גאָלדפאַדען שטאַרבט און מיט זיין טויט „בומט" [רעקלאַמירט] ער זיין לעצטעס ווערק. די פּיעסע „בן עמי" ווערט אַ סוקסעס און „לויפט" אַ פערצען וואָכן „סטרייט" [כסדר]."

דעם 9 יאַנואַר 1908 איז ג. געשטאָרבן און איז געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו אויפן וואַשינגטאָן בית-עולם אין ניו-יאָרק.

ווי בעסי טאָמאַשעווסקי גיט איבער, איז ג.'ס לעצטע וואָרט געווען: „התקוה".

אין דער לויה האָבן זיך באַטייליקט אייניקע צענדליק טויזנט מלוים.

די פּיעסע „בן עמי" איז ניט געדרוקט געוואָרן [הגם די אלמנה רעדט אין אירן אַ בריוו ווי וועגן אַ געדרוקטער פּיעסע]. אייניקע לידער פון דער פּיעסע זיינען געדרוקט אין „טהאָמאַשעפסקי'ס טהעאַטער שריפטען", ניו-יאָרק 1908. דער כתב-יד פון דער פּיעסע, מיט אַ דאַטע — ניו-יאָרק 8 נאָוועמבער 1906, געפינט זיך אין יידישן טעאַטער-מוזיי.

אין 1922 האָט ב. טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט אין ניו-יאָרקער נייִשאָנאַל-טעאַטער זיינע אַן אָפּערעטע „דער גאָלדענער פּאָדעם", פּערזאָנאָפיצירנדיק ג. און זיין פאַמיליע אַלס „העלדן".

די מוזיק איז באַשטאַנען פון אַ פּאָטפּורי פון ג.'ס ניגונים.

אייניקע פראַגמענטן פון ג.'ס ניט פאַרענדיקטע פּיעסן, דערונטער איינע א"נ „מיין צואה", געפינען זיך ביי ג.'ס ברודער, ש. גאָלדפאַדען אין ניו-יאָרק. אַ מאַנוסקריפּט פון „מיין צואה" איז אויך פאַראַן ביי שלום פּערלמוטער.

[יעקב מעסטעל, וועלכער האָט געלייענט דעם מאַנוסקריפּט פון „מיין צואה", גיט איבער, אַז דידאָזיקע פראַגמענטן זיינען „פאַרגאַנצט" געוואָרן פון ש. גאָלדפאַדען, עס לאָזט זיך אָבער דערביי געווי אָנווייזן, וועלכע שטעלן עס שטאַמען פון ג.'ס פעדער און וועלכע עס זיינען „געפיקסט" געוואָרן פון זיין ברודער].

אַ מאַנוסקריפּט פון ג.'ס פּיעסע „דער סמבטיון", וועלכע זאָל זיין אָנגעשריבן נאָך פאַר 1889 און ווערט דערמאָנט אין מזחם „במת ישחק", געפינט זיך ביי נחום ראַקאָוו אין ניו-יאָרק. ביי שלום פּערלמוטער געפינט זיך אויך אַ מאַנוסקריפּט פון ג.'ס אַ פּיעסע „די פאַרשטויסענע כלה" (אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג.)

ביי ב. גאָרין איז אויך פאַרנאָטירט אַן אויפפירונג (1899) פון ג.'ס פּיעסע „דער מענטשנפרעסער".

פון צייט צו צייט פלעגן אַנאָנסירט ווערן אויף ג.'ס נאָמען פּיעסן מיט וועלכע ג. האָט קיין שום שייכות ניט געהאַט. אַזוי איז אַנאָנסירט געווען אין לאָנדאָנער וואָכנבלאַט „די צוקונפט" יעקב פּ. אַדלערס אויפירונג (13 דעצעמבער 1884) פון „די אַרמוט אָדער אויף אַ אינזעל פערוואָרפען", „דראַמע אין 5 אַקטען מיט געזאַנג פערפאַסט פון האָראָוויטץ עט גאָלדפאַדען", אָבער שוין דעם 29 דעצעמבער פון זעלבן יאָר ווערט די פּיעסע אַנאָנסירט אַלס שמ"רס.

אַן ענלעכער פאַל איז געווען מיט דער פּיעסע „די אינטריגאַנטען אָדער אומשולדיג פאַרפאָלגטע", „קאָמעדיע אין 5 אַקטען מיט געזאַנג", אויפגעפירט דעם 22 נאָוועמבער 1884 אין לעמבערג, מיט „די ליבע פאַר געלט", „מעלאָדראַמע אין 5 אַקטן מיט געזאַנג", געשפּילט דעם 25 יאַנואַר 1885 אין לאָנדאָן און מיט דער קאָמעדיע „די לוסטיקע בחורים", וועלכע ווערט אין וואַרשעווער פּויליש-יידישן וואָכנבלאַט „איזראַעליטאַ" (נומער 27, 1890) אָנגעגעבן אַלס ג.'ס און איז באמת הערמאַן פּידלערס פאַריידישונג פון אַ פראַנצויזישן פאַרס, וועלכער איז אויף יידיש געשפּילט געוואָרן דורך יעקב פּ. אַדלער א"נ „די לוסטיקע קאַוואַלערן" [אָפּטמאָל אפילו אַנאָנסירט מיט אַדלער אַלס מחבר].




די מצבה אויף גאָלדפאַדענס קבר

ג.'ס פּאָפּולאַריטעט איז אויך אויסגענוצט געוואָרן פאַר אַ מיסטיפיקאַציע: אין 1905 איז אין וואַרשע דערשינען אַ ביכל וויצן, צווישן וועלכע ס'געפינען זיך אויך אייניקע גלייכווערטלעך פון ג., אָבער דאָס שער-בלאַט איז אויסגעשטעלט מיט אַ כונה ס'זאָל זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז דאָס גאַנצע ביכל איז ג.'ס:

„דער וויצלינג אָדער דער וועלט בערימטער לאַנדחכם
לויפט קויפט דאָס איז אַ סחורה
לייכט קייכט דאָס פערטרייבט די מרה שחורה
געזאַמעלטע וויצען פון פערשיעדענע פערפאַסער אונ פון
א. גאָלדפאַדען
וואַרשא תרסה
דרוק ש. ב. לאַנדא, נאַלעווקי 38"

אין רוסישן טעקסט ווערט ג.'ס נאָמען ניט אָנגעגעבן.

אויפן נאמען פון ג. זיינען אין פארשיידענע צייטן געגרינדעט געוואָרן פארשיידענע קלובן, פאריינען, אינסטיטוציעס א. ד. גל. צו די באזונדערס פאפולערע געהערן: „דער יודישער ארטיסטען-פאריין — אברהם גאָלדפאדען" אין לעמבערג [געגרינדעט אין 1908 דורך גרשם באדער, יוליוס גוטמאן, מתתיהו טהור און נארמאן גלימער. דער ציל פון פאריין איז געווען: „צו באשיצן די גייסטיקע אוןווירטשאפטלעכע אינטערעסן פון די בינע-קינסטלער". אין פאריין זיינען אריינגענומען געוואָרן אלס מיטגלידער אקטיאָרן, שריפטשטעלער, מוזיקער און כאָריסטן, — און דער „גאָלדפאדען פאריין אין סטאניסלאוו", גאליציע, וועלכער פירט אָן א דראמאטיש-מוזיקאליש-ליטערארישע טעטיקייט.

אין ניו-יאָרק עקסיסטירט ביז היינט צו טאָג א „גאָלדפאדען-לאדזש".

1926 איז אין דער גאנצער יידישער וועלט געפייערט געוואָרן דער 50 יאָריקער יובילײ פון יידישן טעאטער און פון ג. אלס זיין גרינדער. אין די גרעסערע טעאטערס זיינען געגעבן געוואָרן ספּעציעלע יום-טוב פאָרשטעלונגען, אויך מאָדערניזירטע אויפפירונגען פון ג.'ס פּיעסען. צו דער זעלבער געלעגנהייט זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן די גאָלדפאדען-ביכער אין ניו-יאָרק און אין מינסק און א זאמלונג „טעאטער-בוך", (ארויסגעגעבן אין קיעווער פארלאג „קולטור-ליגע", 1927). אין דער פּרעסע זיינען דערשינען ספּעציעלע ארטיקלען, דערונטער פיל מיט נייע דאטן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאטער. דאָס וואָכנבלאט „ליטערארישע בלעטער" אין ווארשע האָט ארויסגעגעבן (95, 1926) א ספּעציעלן גאָלדפאדען-נומער.

לכבוד דעם יובילײ האָט די יידישע „טעאטער-מוזײ"-געזעלשאפט" אין ניו יאָרק איינגעאָרדנט אין לאָקאל פון דער יידישער אקטיאָרן-יוניע א טעאטער-אויסשטעלונג מיט א באזונדערער אָפּטיילונג פון גאָלדפאדעןס פּיעסן, מאנוסקריפּטן, אילוסטראציעס און פאָטאָגראפיעס פון טיפּן און סצענעס אין ג.'ס פּיעסן, ג.'ס בילדער, נאָטן פון זיינע פּיעסן, חפצים פון רעקוויזיטן און מאקעטס פון זיינע פּיעסן, פּלאקאטן, אנאָנסן א. דג.




דער געדענק-טאָוול אין מאריענבאד

דורך דער איניציאטיוו פון א. און קלארא מייזעלס, מאיר צעלניקער און הילדא דאָליצקא איז געשאפן געוואָרן א פאָנד פון בערך 3000 טשעכישע קראָנען און דעם 11 אויגוסט 1929 איז אין מאריענבאד (טשעכיע) פאָרגעקומען דאָס פייערלעכע אויפדעקן פון א געדענק-טאָוול אויפן הויז „וויסבאדען" — מיט דער אויפשריפט אין דייטש: „אין דעם הויז האָט געוואוינט דער גרינדער פון יידישן טעאטער, אברהם גאָלדפאדען, אין יוני פון יאָר 1897".

ביי דער פייערונג זיינען געשפּילט געוואָרן מעלאָדיעס פון ג.'ס „שולמית".

די זאמל-ליסטע און דאָקומענטן וועגן דער דאָזיקער פייערונג געפינען זיך אין „ייוואָ".

זעלטן איז ארום א יידישן שרייבער געשאפן געוואָרן אזא ברייטע אויספאָרשונגס-ליטעראטור ווי ארום ג. וואָס צייטיקער דער יידישער טעאטער איז געוואָרן, אלץ בולטער האָט זיך ארויסגעוויזן ג.'ס באדייט אלס פּיאָנער פון דעם דאָזיקן טעאטער.

ג. אליין, ניט אָפּשאצנדיק די וויכטיקייט פון זיין אייגענער ערשטער לייסטונג פארן יידישן טעאטער, האָט אָפט געפּרובט זיך פארענטפערן פאר זיין „פּרימיטיווקייט".

אזוי שרייבט ער אין א בריוו צו שמ"ר: „איך, ווי איר זייט אליין מיין עדות געווען, האָב געמוזט אָנפאנגען אָנהייבן מיט קליינע אָפּערעטן (כאָטש איך וואָלט דאמאָלט בעסער אימשטאנד געווען צו שרייבן לעבנס-דראמען), ווייל ערשטנס, ווען ניט אָנפאנגען די קליינע אָפּערעטן פארפּוצט מיט אביסל פאנטאזיע, וואָלט גאָר קיין טעאטער נישט געווען; דען די אמאָליקע רויע אומגעבילדעטע קרעפטע האָבן איין וואָרט ניט פארשטאנען אליין ווען מען שרייבט זיי אָן א רעכטן מאָנאָלאָג, און וואָס ערגער איז, אז דאָס ליבע פּובליקום אין דער שטאָט [יאסי], וואו איך האָב דאָס טעאטער געגרינדעט, איז געווען נאָך רויער און אומגעבילדעטער פון די אקטיאָרן". און אין זיין אויטאָביאָגראפיע: „. . . איך וואָלט מיך זיכער ניט באדארפט בלאמירן מיט „שמענדריק" אָדער „ניע בע, ניע מע", אז די וועלט זאָל מיינען, אז איך קען טאקע אנדערש ניט שרייבן, ווערנד איך בין געצוואונגען געווען צו שרייבן קעגן מיין ווילן און טראָץ מיינע פעאיקייטן און קענטניסע זיך אָפּגעבן מיט אזוינע קינדערשע שפּילן. ווען א בילד-הויער, א סקולפּטאָר, האָט א יונג קינד פון א יאָר, וועט ער זיך ניט שטעלן אויסהאקן פון ווייסן מארמאָר א קונסטבילד פון „נאפּאָלעאָן" אָדער „וויקטאָר הוגאָ" און דאָס געבן זיין קינד זאָל זיך מיט דעם שפּילן. ער וועט גיכער מאכן פון האָלץ אן אומגעלומפּערטע פּופּע . . . דאָס קינד וועט זיך מיט דעם פיל בעסער אמוזירן ווי מיט דער מארמאָרנער, ווייסער, היסטאָרישער פיגור, וואָס וועט ערשט האָבן דאן אן אינטערעס פאר אים, ווען ער וועט שוין ווערן עלטער, אויסגעוואקסן. . . . דערפאר האָב איך נישט געטאָרט מיט אמאָל געבן א שפּרונג מיט א רעכטער דראמע, אָפּערעטע אָדער קאָמעדיע און האָב ווידער געמוזט מאכן אזא מאכינאציע".

אן ענלעכן שטאנדפּונקט פארטרעט אויך דר. יצחק שיפּער: „פון משוררים, לידער-זינגער און ווי אמאָל אויך פון פּשוטע יונגען פון גאס (אָדער — בעסער געזאָגט: יונגען פון „פארבאטענע געסלעך") האָט ער געמאכט אקטיאָרן-פּראָפעסיאָנאליסטן, וואָס א טייל פון זיי באלאנגט צו דער „העלדן-תקופה" אין דער יידישער אקטיאָרן-געשיכטע. . . . פון דעם אלטפרענקישן, פארגליווערטן רעפּערטואר האָט ער ארויפגענומען דעם שימל און אים באלעבט, באהויכט מיט א נייעם אָטעם. און מיטן כח פון דעם באנייטן רעפּערטואר ווי אויך מיט דער הילף פון זיינע אקטיאָרן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען זאפטיקע טאלאנטן, ממש „ווילדע זשעניען", האָט ער דעם עולם ארויסגעשלעפּט פון די שטובן און קעלערן און באשאפן א „פּובליקום", וואָס קומט זיך צונויף אין

טעאַטער כדי אויסצוהערן אַ שפּיל. אַזוי איז געוואָרן פון „פּורים-שפּילערײַ“ און פון „בענקל-זינגערײַ“ — יידיש טעאַטער. . . . ערשט דער רעפּערטואַר האָט דערמעגלעכט אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט צווישן אַקטיאָר און פּובליקום. ער איז געווען דאָס האַרץ פונם אָרגאַניזם, וואָס רופט זיך „יידיש טעאַטער“. און דערין באַשטייט אויך דער הויפּט-פאַרדינסט פון גאָלדפאַדענען, וואָס ער האָט געשאַפן אַזאַ געזונט-צאַפּלדיק האַרץ מיט אַ נאָרמאַלער בלוט-צירקולאַציע. מעג אונז ביים היינטיקן טאָג מער ניט באַפרידיקן דער רעפּערטואַר וואָס גאָלדפאַדען האָט באַשאַפן, מעג ער אויסזען נאַאיוו און פּרימיטיוו, איז דאָס אָבער ניט קיין ראיה, אַז מיר זאָלן אונטערשעצן זיין היסטאָרישע באַדייטונג. ס׳מעג קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער מיר דוכט, אַז גאָלדפאַדען וואָלט ניט צוגעאיילט די געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער, ווען ער וואָלט זיין רעפּערטואַר, אין דער צייט ווען ער האָט אים געשאַפן, אַוועקגעשטעלט אויף אַ העכערער קינסטלערישער מדרגה ווי ער האָט דאָס געמאַכט אין דער אמתן. מיר וואָלטן געהאַט אַ „ליטעראַרישן“ גאָלדפאַדען, אָבער ווער ווייס צי מיר וואָלטן געהאַט אַ שטענדיקן יידישן טעאַטער מיט אַ פאַרגאַנגענהייט פון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

—צום גליק האָט גאָלדפאַדען געהאַט די אַמביציע ליבער צו ווערן אַ טעאַטער-דירעקטאָר איידער אַ ליטעראַט!“

אין זיין „ניו-יאָרקער יודישע אילוסטרירטע צייטונג“ (ניו יאָרק 1887) פּרובט ג. אויף אַן אַנדערן אופן צו דערקלערן די סיבות פון זיין פּרימיטיוון שאַפן פאַר דער בינע: „אַזוי ווי אונזער ייד איז שטענדיק פאַרפאָלגט פון אַנדערע נאַציאָנען און דאָס האַרץ איז אים שטענדיק פאַרביטערט, אַזוי ווי יעדערער ייד שפּילט זיך אָפּ זיין אייגענע דראַמע ביי זיך אין דער היים; דער בעל-הבית איז פאַרזאָרגט, דאָס ווייב שרייט און שעלט, די קינדערלעך וויינען, האָב איך אים געמאַכט אַן אָרט, דאָס טעאַטער, ער זאָל האָבן וואוהין צו אַנטלויפן אויף עטלעכע שטונדן פון זיינע ביטערע דאגות, וואָס פאַרפאָלגן אים אַ גאַנצן טאָג. די אייניקע שטונדן, וואָס ער ברענגט צו אין טעאַטער, מוז ער פאַרגעסן זיינע צרות, ער מוז לאַכן, ער מוז הערן זינגען, ער מוז זען טאַנצן, און קויפט זיך פאַר ווייניק געלט זיין גרויס פאַרגעניגן, דערפאַר איז געווען שטענדיק מיין פּלאַן צו פאַרפאַסן נאָר קאָמישעס מיט געזאַנג און טענצע, וואָס ס׳הייסט אָפּערעטע“.

אין קעגנזאַץ צו דוד פרישמאַן, וועלכער פאַרלאַנגט, אַז ג.׳ס פּיעסען זאָל מען שפּילן אין אַ „באַאַרבעטונג“, שרייבט ג. אין אַ בריוו צו שלום-עליכם: „פאַרבעסערן איינע אַלטע זאַך, הייסט ביי מיר די זאַך פאַרדאַרבן. איך באַטראַכט מיינע אַלטע שריפטן (זאָגאַר אַ יאָר אַלט) ווי איין אַנטיקיטעט [אַנטיק], און עס איז ביי מיר גלייך דערצו ווי מען זאָל נעמען איינע אַלטע עגיפּטישע קאָלאָנע אָדער איין אַלטמאָדישן טיש און מען זאָל עס וועלן אויסבעסערן נאָך דעם נייעם סטיל. איר ווייסט, אַז דער מייסטער איז עובר אויף „בל תשחית“ — די אַלטע זאַך האָט נאָר איר געוויסן ווערט ווייל זי איז אַלט, מעג זיין ווי פּאַסקודנע קעגן דעם נייעם סטיל און ווען מען בעסערט זי אויס, פאַרלירט זי איר ווערט אַלס אַנטיקיטעט. איך שעם זיך אַליין יעצט פאַרוואָס איך האָב געשריבן „שמענדריק“. פאַר דעם וואָרען קריטיקער פון יידישן טעאַטער וועט „שמענדריק“ זיין אַ שטיק גאָלד. ער וועט זאָגן: איר וועט פרעגן ווי קומט עס, אַז דער פאַרפאַסער פון „שולמית“ און „בר כוכבא“ — זאָל שרייבן אַזאַ „שמענדריק“ — וועל איך אייך ענטפערן, אַז „שמענדריק“ האָט דערפאַר זיין ווערט, ווייל ער ווייזט אונז וואָס און ווי מען האָט באַדאַרפט שרייבן ווערנד די יידישע בינע איז נאָך געלעגן אין די ווינדעלעך, זי איז אַלט געווען אַ פערטל יאָר. . . . און ענדלעך: „שמענדריק“



איז געווען דאָס בריקל, וואָס האָט איבערגעפירט דאָס יידישע טעאַטער ביז אין דער שטופע ווי עס שטייט יעצט — דען ווען איך פאַנג אָן פון „אוריאל אַקאָסטאַ“, וואָלט גאָר קיין יידישער טעאַטער זיך ניט געקאָנט אַנטוויקלען און אַנטשטיין — ווען בעדער-יונגלעך און גאַסן-מיידלעך וואָלטן באַדאַרפט אויסריידן דעם סילוואַס פילאָזאָפישע רייד און די רויע שניידערלעך און שוסטערלעך וואָלטן באַדאַרפט אויפשטעלן זייערע אויערן צו הערן, וואָס זיי קאָנען ניט פאַרשטיין — “.

אין דעם זין פאַרענטפערט זיך אויך יעקב גאָרדין פאַר זיין באַאַרבעטונג פון ג.׳ס „מליץ יושר“ און „משיחס צייטן“: „. . . ווען איך האָב גענומען באַאַרבעטן גאָלדפאַדענס ווערק „משיחס צייטן“, האָב איך געמוזט אויפשרייבן אַ גאַנץ נייע דראַמע, פון אָנהייב ביזן אויסלאָז, פון ערשטן וואָרט ביזן לעצטן — נייע טיפּן, נייע כאַראַקטערע, נייע געדאַנקען, נייע ווערטער. שרייבט מען שוין אַ לעבנס-בילד, ווייל מען שוין יאָ אויסדריקן אַ געדאַנק מיט די ווערטער „משיחס צייטן“, דאַרף מען עטוואָס קענען און עטוואָס פאַרשטיין, מען דאַרף קענען דאָס לעבן, וועלכעס מען וויל שילדערן, מען דאַרף פאַרשטיין, אַז די אידעע פון „משיחס צייטן“ קאָן ניט אויסגעדריקט ווערן מיט קופּלעטן, פאַלשע פּאַרטייאישע מיינונגען, פּאַטריאָטישע לידער פון „אתה בחרתנו“דיקע געדאַנקען . . . אין דער פּיעסע „משיחס צייטן“ געהערט דעם ה׳ גאָלדפאַדען נאָר דער נאָמען און אייניקע קופּלעטן, אַלץ איבריקס איז פאַרפאַסט פון יעקב גאָרדין“.

אָבער אין זיין אַרטיקל „פון שמענדריק ביז בן-עמי“ [אין 1907] שרייבט ג. ווידער: „אויף אַ בינע, אומשטיינס געזאָגט, וואָס איך האָב קוים געפּועלט ביים אייגנטימער פון דעם הויז ער זאָל מיר אויסהאַקן אַ לאָך אין וואַנד פונם האָל [זאַל], וואָס פון יענער זייט איז געווען אַ קליין קעמערל, וואו ער פלעגט האַלטן אַ שטאַל מיט גענז, — דאָס איז געווען מיין ערשטע בינע, וואו איך האָב געמוזט שפּילן מיט 3-4 „שפּילערס“, אָן אַ פרוי, אָן אַ כאָר, אָן דעקאָראַציעס און פאַר אַן עולם, וואָס שמענדעדיק איז נאָך געווען צו הויך פאַר זיין גייסטיקע[ר] אַנטוויקלונג — איז שמענדריק געווען אַן איבעראַשונג — אַ צוג-שטיק, וואָס איז געגאַנגען 125 מאָל מיט דעם גרעסטן ערפאָלג — האָב איך דאַמאָלט געזאָלט פאַרפאַסן היסטאָרישע קאָסטיומירטע אָפּערעטן, אָדער איבערזעצן לעבנס-דראַמען און קאָמעדיעס פון די באַרימטסטע אויטאָרן פון די אומות-העולם?

„וואָלט מיר געהאַט געווען באַשערט צו גרינדן דאָס טעאַטער אין רוסלאַנד, וואו עס זיינען דאָ פיל מבינים אויף וואָרע דראַמען, וואָלט עס מיר געגעבן מוט צו אַרבעטן פאָרווערטס אויף דעם זעלבן זשאַנר און עס וואָלט גאָר אַן אַנדער רעפּערטואַר באַשאַפן געוואָרן. דער צופאַל האָט אָבער געוואָלט איך זאָל לייגן דעם גרונדשטיין פון יידישן טעאַטער אין רומעניע, אין אַ לאַנד און פאַר אַ פעבל, וואָס צוריק מיט 30 יאָר האָט עס נאָך קיין באַגריף ניט געהאַט פון טעאַטער-ליטעראַטור. . . פאַר אַן עולם וואָס זיין גאַנצע פיזישע און גייסטיקע נאַרונג איז באַשטאַנען אין אַ גוט גלעזל דראַבעשטער ווײַן און אין יידישע „לידלעך“ — און ווען איך האָב אויפגעפירט מיין ערשטע לעבנס-דראַמע, ריין אָן קאָמיקער, אָן געזענגע, זיינען מאַנכע פון פּובליקום צו מיר אַרויפגעגאַנגען אויף דער בינע און מיך אָפּאַסטראָפירט מיט פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע ווערטער:

„—מיר קומען ניט אין טעאַטער מען זאָל אונז אָנוויינען אַ קאָפּ! . . . מיר האָבן אונזערע אייגענע צרות אין דער היים פון ווייב און קינדער! — מיר קומען אין טעאַטער איר זאָלט אונז

אונטערהאַלטן און פאַר אונזער פראַנק ווילן מיר איר זאָלט אונז פריילעך מאַכן און מיר זאָלן זיך גוט אַנלאַכן".

ש. ל. ציטראָן זעט אָבער אין דעם אַ טיפערע כונה: „לויט זיי [די סיבות פון דער אנטשטייאונג פון יידישן טעאַטער] קומט אויס, אַז גאָלדפאַדען איז צוגעטראָטן צו בויען דאָס יידישע טעאַטער נאָר צוליב ריין מאַטעריעלע צוועקן, ד. ה. צוליב דער מטבע, און דאָס איז אויך די סיבה, וואָס האָט אים באַוואויגן צוצופּאַסן זיינע ערשטע פּיעסן צו דעם פאַרגרעבטן געשמאַק פון דעם המון. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. מיט דעם געדאַנק צו באַשאַפן אַ יידישן טעאַטער האָט זיך גאָלדפאַדען אַרומגעטראָגן נאָך פון זיין פרישטער יוגנט, און נאָר מיט דער איינציקער מחשבה, אַז דאָס זאָל דינען אַלס אינסטרומענט פאַר דער פאָלקס-בילדונג."

אין דעמזעלבן גייסט זעט דעם גאָלדפאַדען-פעריאָד מ. ליטוואַקאָוו אין זיין בוך „פינף יאָר מלוכישער אידישער קאַמער-טעאַטער": „אברהם גאָלדפאַדען איז געווען דער לעצטער פון די פאַרלוירן-געגאַנגענע געניאַלע יידישע בדחנים, מאַרשאַלעקן, פּורים-שפּילער. אין אים האָט געלעבט די אינטואיטיווע קראַפט פון יידישן מאַסן-קאָמעדיאַנט. ער איז געווען באַרופן צו באַנייען און פאַרפעסטיקן די מסורה פון דער יידישער פאָלקס-שפּיל, האָט ער געשאַפן סכעמעס פאַר דראַמאַטישע האַנדלונגען, סקעלעטן פאַר טעאַטער-שפּילן. אָבער ניט דער דור און ניט די סביבה זיינען דאַמאָלט געווען מסוגל צו שאַפן דעם מאָדערנעם יידישן קונסט-טעאַטער, איז גאָלדפאַדען אָביעקטיוו געצוואונגען געווען אנטאָן זיין האַנדלונג אין שמ׳רישע סוזשעטן און זיי פאַרקערפּערן אויף דער בינע אין וואָוויל-יונגערישער שפּיל. . . . גאָלדפאַדען האָט געדאַרפט און אפשר געקאַנט ווערן דער ערשטער באַשעפער פון קלאַסישע טעאַטער-טראַדיציעס אין דער יידישער סביבה, האָט דער היסטאָרישער גורל אים פאַרמשפּט צו ווערן אַ מין „משה רבנו" פון טעאַטער-שונד. . . . גאָלדפאַדען האָט געהאַט דעם טעמפּעראַמענט פון אַ פּורים-שפּילער און געלעבט האָט אין אים דער דראַנג צו שיינקייט, וואָס איז [פאַרבאָרגען] אין אונזער פאַרגאַנגענער פאָלקסטימלעכער טעאַטראַלישקייט".

דעם קעגנזאַץ דריקט אויס דוד פּינסקי אין זיין בוך „דאָס אידישע דראַמאַ": „דער גרינדער פון דעם יידישן טעאַטער נעמט דעם בדחן פאַר זיין אויסגאַנגספּונקט. וואָס ער האָט ניט געוואָלט טאָן אַליין אַלס בדחן, טוט ער עס מיט זיינע פּיעסן. ער צעלייגט, אַזוי צו זאָגן, דעם בדחן אויף זיינע דריי אונטערהאַלטונגס-עלעמענטן און טיילט זיי איין פאַרשיידענע פּערזאָנען: ווער עס זאָל פאַרטרעטן און אַרויסזאָגן ערנסטע געדאַנקען און ווער עס זאָל פּאַיאַצעווען, און אַלע מעגן זינגען. ער, דער טאַלאַנטפולער, באַגאַבטער מענטש, דער געשטודירטער און באַלעזענער, האָט ניט אַרויסגעבראַכט קיין קונסט-ווערק, נאָר אין אַ פּיעסע-צעגלידערטן, אין אַ פּיעסע-מגולגל געוואָרענעם בדחן. . . . דער אינהאַלט פון זיינע פּיעסן איז קיין אינהאַלט ניט. די מעשה איז גאָר קיין מעשה ניט. עטוואָס קומט דאָ פאַר אונז פאָר אָן קיין שום צוזאַמענהאַנג, אָן קיין שום סמיכת הפּרשה, אָן קיין שום פאַרוואָס און פאַר ווען. . . . זיינע ערנסטע געדאַנקען זיינען די געדאַנקען פון די בעסערע בדחנים פון זיין צייט, פון אליקום צונזער, צום ביישפּיל, פון מיכל גאָרדאָן . . . גאָלדפאַדענס געשטאַלטן, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פון דעם בדחנס ערנסטן עלעמענט, שטעלן אויך מיט זיך קיינעם ניט פאָר, זיינען קיינעמס ניט אָפּבילד. זיי זיינען קיין מענטשן ניט, קיין טיפּן ניט און קיין יחידים ניט. זיי זיינען בלויז ערנסטע געדאַנקען, מוסר השכלן אויף צוויי פיס. . . . ערשט אין זיין פּאַיאַצישן עלעמענט . . . זיינען [זיינע געשטאַלטן] קאַריקאַטורן, בדחנישע פּאַרזעניש. אָבער דעם בדחנס הומאָר איז פאָלקס הומאָר און גאָלדפאַדענס קאַריקאַטורן האָבן אויף זיך אַזויפיל פון דעם פאָלקס-הומאָר, אַז זיי זיינען געוואָרן דעם פאָלקס-אייגנטום."





ש. ל. ציטראָן גיט איבער אַן ענלעכע מיינונג אין נאָמען פון י. ל. פּרץ: בעת אַ געשפּרעך וועגן דעם יידישן טעאַטער צווישן פּרץ און ג., האָט פּרץ „באַנוצט די געלעגנהייט אויפצוואַרפן גאָלדפאַדענען זיין „שמענדריק" מיט „די צוויי קוני-לעמלעך" א. א. וו. — אַז איך וואָלט געהאַט אייער טאַלאַנט, אַזוי האָט זיך פּרץ דאַמאָלט אויסגעדריקט (כאָטש ווי מיר איז שפּעטער עטלעכע מאָל אויסגעקומען פון אים צו הערן, האָט ער פון גאָלדפאַדענס טאַלאַנט ניט אַזוי שטאַרק געהאַלטן), וואָלט איך געבויט מיינע דראַמעס צי קאָמעדיעס אויף פיל וויכטיקערע און אמתערע זייטן פונם יידישן לעבן. אָט נעמט, למשל, די סיסטעמלאָזיקייט פון אונזער קינדער-ערציאונג אין פּוילן . . .

„ . . . גאָלדפאַדען, געדענק איך, האָט זיך שטאַרק אָנגענומען פאַר זיינע „העלדן" און געוואָלט אויפווייזן, אַז זיי זיינען לגמרי ניט קיין קאַריקאַטורן, נאָר אמתע באַשעפענישן, גענומען פונם לעבן, פונם וואָליניש-יידישן לעבן, צוגעריכט צוליב עפעקט מיט פאַרשיידענע מינים טעאַטער-קריטיכער. פּרץ האָט זיך מיט גאָלדפאַדענען לאַנג מתווכח געווען, האָט אָפּגעשלאָגן אַלע זיינע טענות און פאַרגעלייגט אַ גאַנצע רשימה בילדער, וועלכע קאָנען און דאַרפן אָנגעטאָן ווערן אין דראַמאַטישע פאָרמען און פאָרגעשטעלט ווערן אויף דער יידישער בינע."

אויך יעקב דינעזאָן האָט ניט געהאַט קיין איבריק געהויבענע מיינונג וועגן ג.׳ס שאַפן פאַרן טעאַטער: „ . . . ער האָט צוליב דעם טעאַטער, וואָס איז ביי אים אַ לעבנס-אויפגאַבע געוואָרן, מקריב געווען אין אַ געוויסער באַציאונג זיין וואָרן און בעסערן טאַלאַנט. איך מיין: ער האָט צוליב דאָס טעאַטער און ניט-געלונגענע טעאַטער-שטיק אויפגעהערט צו זיין דער ריינער פאָלקאָמענער פאָלקס-דיכטער, וואָס ער איז עס פון זיין נאַטור און טאַלאַנט אויס פריער געווען. . . . צוליב דעם טעאַטער האָט דאָס פאָלק אין אים פאַרלוירן וואָס ער האָט מיט רעכט פון אים נאָך געקאָנט פיל האָבן; צוליב דעם טעאַטער האָט אויך ער ביים פאָלק פאַרלוירן אין העכסטער ווירדע און ריינסטער אַכטונג, וואָס ער האָט אומבאַדינגט דורך זיין אייגנאַרטיקן טאַלאַנט געזאָלט פאַרדינען. יאָ, ער האָט דעם בעסטן, ליבסטן און שענסטן טייל פון זיין טאַלאַנט אויף דאָס טעאַטער אויסגעטויש, און ווייל דער טויש איז ניט קיין נאַטירליכער געווען, איז ער ממילא אויך קיין געלונגענער געבליבן. דאָס טעאַטער האָט אים אַריבערגעוואַקסן, זיינע תלמידים האָבן זייער רבין אַריבערגעשטיגן. . . . איך ווייס ניט, צי האָט דער טאַטע פון יידישן טעאַטער אויסגעפּוצט זיין ניי-געבוירן קינד מיט אַזויפיל שיינע לידעלעך, ווייל ער האָט פאַר זיך געהאַט אַ מוסטער די אַלט-יידישע, כלומרשט טעאַטער-פאָרשטעלונגען, אַ שטייגער: „שפּרינצער המן" פון פּורים-שפּיל, „מכירת יוסף", „מלוכת שאול" און נאָך אַזעלכע, וואָס זיינען באַשטאַנען דורכאויס פון לויטער גראַמען און געזאַנג, און גאָלדפאַדענען אַליין איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן אַ יידיש טעאַטער אָן גראַמען, אַ האַנדלונג אויף דער יידישער סצענע אָן געזאַנג, אָדער ער האָט עס באַרעכנט געטאָן? פילנדיק אי זיך אַליין, אי דאָס יידישע פּובליקום ווייניק צוגעגרייט צו ערנסטע טעאַטער-פאָרשטעלונגען, און אַליין דערקענענדיק די שוואַכע זייטן פון זיינע פּיעסן, האָט ער אפשר דעם חסרון געמיינט ממלא צו זיין מיט זיינע יידישע לידעלעך, אין וואָס ער האָט זיך יעדנפאַלס געמענט פילן שטאַרקער. אַ סך גאָלדפאַדענס לידלעך זיינען שוין דעם יידישן פּובליקום באַקאַנט און באַליבט געווען נאָך אַ צייט פריער, איידער ער אַליין האָט נאָך דאָס יידישע

טעאַטער אין חלום געזען. צייטנווייז בין איך אַפילו גרייט געווען צו גלויבן, אַז ניט די לידלעך זיינען צוליב דעם טעאַטער אויף דער וועלט געקומען, נאָר דאָס גאַנצע יידישע טעאַטער איז צוליב די לידלעך באַשאַפן געוואָרן. אָבער ווי דאָרט איז שוין געשען, איז איצט קיין נפקא מינה ניט; איינס איז ביי מיר געוויס, אַז דאָס גאַנצע אינטערעס פון דעם דאַמאָלטיקן יידישן טעאַטער, זיין גאַנצער חן, ווי פאַר די מאַסען אַזוי אויך פאַר דעם אינטעליגענטן עולם, זיינען געווען נאָר די גאָלדפאַדענישע יידישע לידעלעך, און מען קאָן דעריבער זאָגן: גאָלדפאַדענס יידישע טעאַטער-לידלעך זיינען מכפר די אַלע קינדערשע פעלערן און אָפט אויך נאַרישקייטן אין דעם גאָלדפאַדענישן יידישן טעאַטער. . . . זיי זיינען מיט דער צייט געוואָרן פאָלקס-לידער.“

דינעזאָן דערציילט אויך, אַז ג.׳ס ניגונים פלעגן געזונגען ווערן אין רבנישע הויפן.

אַ ברייטערע אָפשאַצונג וועגן ג.׳ס שאַפן פאַרן טעאַטער, גיט ב. גאָרין אין „די געשיכטע פון אידישען טעאַטער“: „גאָלדפאַדען איז געווען דער איינציקער פון אַלע יענע, וואָס האָבן ביז דאַמאָלט געשריבן פאַרן יידישן טעאַטער, צו באַגרייפן דעם תוך פון דער בינע און מער פון אַלע האָט ער אינסטינקטיוו געפילט וואָס עס פאָדערט זיך פאַר אַן ערשט געשאַפענעם טעאַטער. . . . און טאַקע די ערשטע יאָרן פון זיין טעטיקייט אויף דער בינע — האָט דער קונדס אין אים אינגאַנצן פאַרטריבן דעם פאָעט און עס איז געווען דער קונדס אין אים, וואָס האָט זיך אַזוי גרינג צוגעפאַסט צו [פרעמדע] האַמעטנע פאַרסן, גראָבע בורלעסקעס און ביליקע קאָמעדיעס. . . . , וואָס האָבן אין אָריגינאַל געהאַט נאָר איין צוועק: צו אונטערהאַלטן אַ גראָבן געשמאַק און מאַכן אַ פראָסטן עולם צו לאַכן. גאָלדפאַדען איז אויך אויסן צו לאַכן און מאַכן דעם עולם פריילעך, נאָר דיזעלביקע פאַרסן, ווען זיי גייען דורך זיינע הענט, נעמען זיי אָן נאָך אַ טענדענץ און דאָס איז: צו עפענען די אויגן פון דעם טעאַטער-גייער אויף דעם זיסן ליכט פון השכלה. אַ חוץ דעם וואָס גאָלדפאַדען איז אַ קונדס, איז ער אויך קאַמפסלוסטיק, נאָר זיין קאַמף פירט ער אָן שנאה, אָן אַ פאַרביטערטקייט, אָן גאַל. ער האָט אין די מיינסטע שטיקער זיינע געהאַט אַן אויג, אַז דאָרטן וואו ער פאַרשפאָט אַ געוויסן סאָרט יידן, זאָל אויך זיין אַ שיינער ייד און אַז פאַראַלעל מיט דעם „פעלער“ זאָל אויך זיין אַ „מעלה“. די מוסטערס, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיינע ערשטע שטיקער זיינען געווען גראָבע פאַרסן פון די אומות העולם, וואו די פערזאָנען און האַנדלונגען ווערן ניט געמאָלט, נאָר געשמירט. נאָר ווי גראָב און אומגעלומפערט זיי זיינען ניט געווען, האָבן זיי זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט צוויי זאַכן: ערשטנס, האָבן די פרעמדע פאַרסן אָנגענומען מער אָדער ווייניקער אַ יידישע פאָרם און מער אָדער ווייניקער איז אין זיי געשאַפן געוואָרן אַ יידישע אַטמאָספער, און צווייטנס, האָבן זיי געהאַט איינהייטלעכקייט און גאַנצקייט. . . . ער ווייזט ניט קיין זויערע מינע ווען ער מאַכט אַ משונהדיקע הלצה, אים קימערט גאָרנישט וואָס אַ סיטואַציע קומט אַרויס אומגעלומפערט, אַבי עס איז נאָר לעבעדיק, און ער לאַכט אַליין און קוועלט דערפון און האָט שטאַרק הנאה. די מאַסע פילט, אַז דער שרייבער איז אין האַרצען און אין דער נשמה מיט איר און זי לאַכט און קוועלט אַזוי הערצליך ווי דער שרייבער גופא. ניט דער תלמיד פון דער ראַבינערשול, ניט דער פאָעט האָט אָנגעטאַפט דעם דופק ביים פאָלק, דאָס איז געווען דער קונדס אין גאָלדפאַדען, וואָס האָט געפונען דעם וועג צום האַרצן פון פאָלק און געשטעלט אים אויף איין ברעטל מיט דער מאַסע.

„. . . דער פיינערער געשמאַק אין גאָלדפאַדענען האָט אים אונטערגעזאָגט ווי וויט ער קאָן דערלויבן דעם קונדס צו טרעטן איבער דעם דאַזיקן געפערלעכן וועג און ער זאָל ניט אַריינפאַלן אין די גריבער פון וואולגאַריטעט און אומאַנשטענדיקייט. און דאָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז זיינער אַ פאַרס זאָל קענען אונטערהאַלטן ניט נאָר דעם פראָסטן עולם נאָר אויך אַ צושויער מיט אַ בעסערן געשמאַק. גאָלדפאַדען האָט דעם קונדס קיינמאָל ניט פאַרטריבן ווייל ער איז געווען אַ טייל פון זיין „איך“, נאָר וואָס לענגער ער האָט געשריבן, האָט ער אים אַלץ מער קאָנטראָלירט, אַלץ מער אָפגעשטופט צום הינטערגרונד און אַלץ מער געמאַכט פלאַץ פאַר דעם דיכטער. . . . ער האָט שוין איצט [נאָך די פאָגראָמען] מער ניט געקאָנט לוסטיק מאַכן זיך איבער זיינע פאַנאַטישע ברידער און פון זיין מוזע האָבן זיך דערהערט נייע טענער. אין דער צייט האָט ער געשאַפן „בר כוכבא“. פאַר אַ קעמפער פון השכלה איז „בר כוכבא“ געווען אַ סוזשעט, אויף וועלכן ער האָט זיך גרינג געקאָנט אויסגליטשן. „בר כוכבא“ איז געווען אַ קעמפער און פאַרטרעטער פון דעם נייעם דור אין זיין צייט. זיין רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט געדאַרפט געווינען די גאַנצע סימפאַטיע פון אַ שרייבער, וועלכער האָט אַ ביטערן קאַמף מיטן אַלטן דור. פאַר די פאָגראָמען וואָלטן די קעגנער פון בר כוכבא אַרויסגעקומען פון גאָלדפאַדענס פעדער ווי שוואַרצע טייוואָלים. נאָר איצט איז זיין בליק געוואָרן טיפער, זיין טאַלאַנט רייפער. דער טיכטיקסטער קעגנער פון בר כוכבא, דער פרעדיקער פון קושן דעם שונאס רוט איז געווען רבי אליעזר, און איצט ווערט ער געשילדערט גאָר אַנדערש. . . . וואָס ווייטער ווערט זיין טאַלאַנט מער צייטיק און מער אַנטוויקלט, און איר קאָנט הערן ווי ער זאָגט: „נו, קינדער, מיר האָבן שוין גענוג געשטיפט, עס איז איצט שוין צייט צו ווערן אַביסל לייטישער!“ נאָר די האַרמאָניע צווישן דעם אויטאָר, פובליקום און שוישפילער פלאַצט ניט דערפון, וואָס די פיעסען הויבן אָן צו אָטעמען מיט מער ערנסטקייט; דאָס פובליקום און די אַקטיאָרן זיינען אויך אַרויס פון די וויקעלעך און אויסגעוואַקסן פון די ערשטע קונדס-שטיקער. די אַנטוויקלונג פון די דריי עלעמענטן איז ניט קיין געצוואונגענע, קיין אַנגעוואָרפענע, נאָר אַ גאַנץ נאַטירלעכע. נאָר ווי ערנסטער גאָלדפאַדען ווערט ניט, פאַרגעסט ער אויף איין סעקונדע ניט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ בינע און ער ווענדעט אָן אַלע מיטלען וואָס די בינע פאַרמאָגט אויסצונעמען ביים פובליקום. וואָס מען זאָל ניט שפילן, מוזן אַריינקומען לידעלעך, פזמונימלעך, שאַנסאָנעטן און ער איז דערביי ניט מקפיד צי די צייט און פלאַץ ערלויבן אים עס צו טאָן. אין „שולמית“, למשל, שפאַרט ער אַריין דאָס לידל „ראָזשינקעס און מאַנדלען“. דאָס לידל איז אַ שיינס, נאָר אין דער צייט ווען יידישע מיידלעך האָבן געטאַנצט אין די וויינגערטנער און גערופן צו די בחורים, אַז זיי זאָלן מיט זיי חתונה האָבן, האָט מען ניט געקאָנט זינגען וועגן ווערט-פאַפירן און קאַנטאָרן און אייזנבאַנען, פון וועלכע יידעלע וועט פאַרדינען אַ סך געלט. . . . [ענלעכעס] קאָן מען טרעפן כמעט אין יעדן ווערק, און די איינציקע אורזאַך פאַרוואָס מען האָט זיי אַהין אַריינגעקוועטשט, איז נאָר די, וואָס די לידעלעך געפעלן דעם עולם. . . . אַ גרויסן געוויכט האָט גאָלדפאַדען געלייגט אויף די דעקאָראַציעס און אויסשטאַטונג, און זיין רייכע פאַנטאַזיע אַרבעט שטאַרק ווי אַזוי צו פאַנגען דאָס אויג פון דעם צושויער, און ער לאָזט ניט דורך די מינדסטע געלעגנהייט צו מאַכן אַ בינע-עפעקט. . . . גאָלדפאַדענס שטיקער, סיי די ערגערע און סיי די בעסערע, סיי די ערשטע און די שפעטערע, צייכנען זיך אויס דערמיט, וואָס די גאַנצע קראַפט ליגט אויפן אויטאָר. . . . די אַרבעט פון דעם שוישפילער איז אַ טפל, די גאַנצע קראַפט ליגט אין דעם שטיק גופא. . . . דאָס שטיק נעמט אויס ביים

פּובליקום מיט די ווערטער, ווערטלעך, סיטואַציאָנען, לידלעך, און אויב נאָר דער אַקטיאָר איז ניט אינגאַנצן אַ קאַליקע, וועט דאָס שטיק האָבן דערפאָלג. . . . מען דאַרף אויף אים קוקן ווי אויפן פאָטער פון דער יידישער בינע, גרינדער פון יידישן טעאַטער. עס איז אמת, אַז אָן גאָלדפאַדענען וואָלט אויך אַ יידישע בינע באַשאַפן געוואָרן, ווייל די פאָדערונג אויף אַזאַ אונטערהאַלטונג איז שוין געווען ביים פאָלק און די אונטערהאַלטונג גופא אין דער פאָרם פון גראָבע פאָרשטעלונגען איז שוין אויך געווען. נאָר עס איז קיין צווייפל ניט, אַז ווען ניט גאָלדפאַדען, וואָלט די יידישע בינע באַשאַפן געוואָרן אַ סך שפּעטער. גאָלדפאַדען האָט באַזעסן יענע קראַפט, וואָס האָט געמאַכט מעגלעך, אַז אַ טעאַטער זאָל קאָנען זיך האַלטן ביי יידן . . . "

צו ענלעכע אויספירונגען קומט אורי פינקעל אין זיין אַרבעט „סאָציאַלע פיגורן אין א. גאָלדפאַדענס ערשטע ווערק" אין מינסקער „צייטשריפט": „גאָלדפאַדנס ערשטע לידער-זאַמלונגען קאָנען מיט רעכט באַטראַכט ווערן ווי די צוגרייטונג צו זיין שפּעטערדיקן דראַמאַטישן שאַפן. אויב ער האָט שפּעטער אין זיינע פּיעסען גענומען אַריינשטעלן לידער פון אַ באַשטימטן כאַראַקטער, איז דערדאָזיקער כאַראַקטער אין אַ געוויסער מאָס שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן אין זיין ערשטן ביכל לידער. און ניט נאָר די לידער, נאָר אייניקע געשטאַלטן פון גאָלדפאַדנס פּיעסען זיינען צום ערשטן מאָל אָנגעצייכנט אין זיינע לידער. עס וואָלט געווען גרינג צו באַווייזן ווי אין גאָלדפאַדנס ערשטע לידער ווערן שוין אָנגעמערקט פיל געשטאַלטן: פון האָצמאַכן, פון די כלי-קודש א. א. חוץ דעם איז נויטיק אָנצווייזן אויף נאָך איין מאָמענט אין גאָלדפאַדנס לידער: אין דער אייגענער צייט וואָס גאָלדפאַדן האָט אין די לידער אַריינגענומען סוזשעטן, רעאַלע געשטאַלטן, האָט ער זיינע לידער צוגעגעבן אַ געזאַנג-כאַראַקטער. צו פיל לידער האָט ער אָנגעוויזן דעם געהעריקן מאָטיוו. אָט פון דעם געזאַנג-כאַראַקטער האָט זיך שפּעטער גענומען שפּינען דער אָפּערעטן-שטייגער אין גאָלדפאַדנס פּיעסען. דאָ איז ניט געווען אַן אַבסאָלוטע פאַרשקלאַפונג ביי אָפּענבאַך, ווי מען האָט גאָלדפאַדענען פאָרגעוואָרפן, דאָ איז געווען אַן אָרגאַנישע אַנטוויקלונג פון יענעם געזאַנג-שטייגער, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין גאָלדפאַדנס ערשטן ביכל. און אָט דאָס מוז מען געדענקען, צוגייענדיק צו גאָלדפאַדנס ערשטע פּיעסען. די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן באַשטימען אַ נייעם עטאַפּ אין גאָלדפאַדנס שאַפן. גאָלדפאַדן קערט זיך אָפּ פון די פיגורן פון זיינע ערשטע ווערק. גאָלדפאַדן גיט שוין דאַמאָלט נייע סעריעס דראַמעס און לידער, וואָס האָבן שוין די יידישע בורזשואַזיע ניט אויפגערייצט".

דר. מיכאל וויכערט שרייבט וועגן ג.'ס שאַפן: „גאָלדפאַדן איז געווען דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט געשריבן טעאַטער-טעקסטן, וועלכע זיינען געווען באַשטימט צו ווערן אויפגעפירט דורך פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן אויף אַ ריכטיקער בינע (פאַר אים האָט מען ביי אונז געשריבן דראַמעס, ניט האָבנדיק אין זינען אַ טעאַטער) און ער איז געווען אַ צייט דער איינציקער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דערדאָזיקער טעטיקייט. . . . ביי דער אַרבעט, מיט זיינע תלמידים, לערנענדיק מיט זיי און לערנענדיק פון זיי, האָט ער פּאַמעלעך און בהדרגה געבויט דעם ערשטן אַקטיאָרישן קאָלעקטיוו. . . . ניט אין אָנשרייבן די עטלעכע צענדליק טעקסטן צו ספּעקטאַקלען ליגט דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון גאָלדפאַדענען און ניט בלויז פון דעם אָרגאַניזירן דעם ערשטן קאָלעקטיוו פון יידישע אַקטיאָרן. מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל קוקן מיר אויפן ערשטן, מיט טיפער אָנערקענונג און אמתער באַוואונדערונג אויפן צווייטן. אָבער דאָס גרעסטע, וואָס ער האָט אויפגעטאָן, איז געווען: דאָס אויפוועקן דעם טעאַטראַלישן חוש, דעם עלעמענטאַרן כח, דעם דראַנג צו שפּיל און פרייד. אין דעם ליגט זיין באַדייט פאַרן יידישן טעאַטער".

י. דאָברושין אין זיין אָפּהאַנדלונג „גאָלדפאַדן דער דראַמאַטורג" כאַראַקטעריזירט אַזוי ג.'ס שאַפן: „. . . איז טאַקע דער תוך פון דער גאָלדפאַדן-דראַמאַטורגיע באַשטאַנען דערין, וואָס אַלע זיינע טעאַטער-שטיק זיינען געווען פאַרפאַסט צוליב, אַזוי צוזאָגן, דער אויסווייניקסטער שפּיל; זיי זיינען געבויט ניט אויפן אינדיווידואַליזירטן איינדרוק, נאָר אויפן טיפּיזירטן אויסדרוק. ניט אויפן פּסיכאָלאָגישן גאַנג פון פּערזענלעך-מענטשלעכע איבערלעבונגען, נאָר אויף די סכעמאַטישע ליניעס פון דער מענטשלעכער טבע, אויף יענע פאַראַלגעמיינערטע נאַטור-שטריכן, וואָס שטאַמען פון אַן איינגעפונדעוועטן, אָפּגעזעצטן לעבן-אָדער-קולטור-שטייגער.

„. . . ניט געקוקט אויף גאָלדפאַדנס געוואַגטער, שאַרפער אָפּלייקענונג פונם דאַמאָלטיקן פרומאַקישן פאַנאַטיזם, בלייבט דאָך פאָרט די כסדרדיקע אַלגעמיינע טענדענץ פון גאָלדפאַדנס פּיעסען צו אידעאַליזירן דעם פריידענקערישן בירגער און קליינבירגער, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַקסן אין יענער צייט, אידעאַליזירן און באַרעכטיקן אים סיי אַלס פרייען אויפגעקלערטן מענטשן און סיי אַלס טרייען זון פון דער נאַציאָנאַליסטישער, גאָטספאָרכטיקער טראַדיציע, וואָרום צווישן אָט די ביידע סותרדיקע עלעמענטן פונם יידישן קליינבירגער האָט גאָלדפאַדן, ווי יעדער משכיל פון זיין צייט, געוואָלט שלום מאַכן.

„. . . אונזער פּאָזיטיווע באַציאונג צום גאָלדפאַדן-שאַפן איז ניט שייך [צו] בויען אויף דער גאָלדפאַדן-אידעע, אויף די עקר-טענדענצן פון דעם גאָלדפאַדענישן אינהאַלט. ביי אונז און פאַר אונז האָבן אַ ווערט בלויז די דראַמאַטורגישע עלעמענטן פון דער גאָלדפאַדן-שפּיל, אונז דאַרף אינטערעסירן גאָלדפאַדנס טעאַטער-לופט, ניט די טיפּן, נאָר דער געבוי פון די טיפּן, ניט די טעקסטן, נאָר די טעאַטראַלישקייט פון די טעקסטן.

„. . . אין דעם אופן ווי אַזוי גאָלדפאַדן האָט טעאַטראַליזירט און, זעלבסטפאַרשטעלעך, צוגעגרייט פאַר דער בינע זיינע טעקסטן, ליגט די קראַפט פון זייער דויער. דאָ ליגט דער כח פון דעם, וואָס זיי זיינען מסוגל לעבן אַ טעאַטער-לעבן אין פאַרשיידענע צייטן, ביי פאַרשיידענע געשמאַקן און פאָדערונגען.

„. . . גאָלדפאַדן האָט אַ סטיל, וואָס איז לאַקאָניש אפילו אין זיין באַרעדעוודיקייט, אַ סטיל, וואָס איז פאַרפאַסט פאַר טעאַטער, אַן איינגנאַרטיקער יידישער סטיל.

„. . . דער גאָלדפאַדן-יידיש, אָט אַזוי ווי ער האָט זיך, בפרט פון אָנהייב אָן, אַנטוויקלט אין „שמענדריק", איז אַ יאַדערדיקער, אַ פאָלקסטימלעכער יידיש. אָבער גאָלדפאַדן קעכלט ניט דעם לשון, ער ברויכט ניט שפּראַך צוליב שפּראַך, ווי אַלע זיינע ליטעראַריש-טעאַטראַלע פאַרגייער, ער שפּילט בלויז אָפּט אויפן טעאַטער-וואָרט, אויפן רגילות-ווערטל.

„. . . טעאַטראַלישקייט — פריער פאַר אַלץ — דאָס איז אין תוך געווען דער גאָלדפאַדן-דעוויז. צוליב דעם האָט ער אָפּט מקריב געווען מיט עלעמענטאַרער אָנשטענדיקייט, סיי אין שאַפן, סיי אין פאַרווירקלעכן זיינע פּיעסעס, אַרויסגעוויזן אַזויפיל שוואַכקייטן, וואָס זיינען דערנאָכדעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שונד-סטיל. אָבער גאָלדפאַדן איז מיט אַלע מיטלען געגאַנגען דירעקט צום טעאַטער, מיט וויסן און ניט-וויסן גלייך געשפּייזט זיך און געווען איז ער איינער אַליין, און דעם ערשטן יידישן טעאַטער באַשאַפן . . . "

באַזונדערס ווערט אין דער לעצטער צייט אָפּגעשאַצט די טעאַטראַלישקייט פון גאָלדפאַדן. אַזוי שרייבט דר. יעקב שאַצקי: „אברהם גאָלדפאַדען איז געווען דער געניאַלער פּרימיטיוו פון יידישן טעאַט-

ראַלן אינסטינקט אין פולסטן זין פון וואָרט. . . . גאָלדפאַדען האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם גאַנצן אייראָפּעאישן טעאַטער פון זיין צייט: די בערלינער לוסט-שפּיל, די ווינער פאָלקס-דראַמע מיט די רייצנדע מוסר-השכלם, די אוקראַאינער ראָמאַנטישע און מוזיקאַלישע מעלאָדראַמע, דער אונגאַרישער וואולגאַרער פאָלקס-וואָדעוויל — דאָס זיינען וועלטן, וואָס האָבן שטאַרק באַאיינפלוסט גאָלדפאַדענס טעאַטער-שאַפונג. . . . דער פּראָבלעם פון אָריגינאַליטעט איז אייגנטלעך מער אַ פּראָבלעם פון פאַסיקן איינזאַפּן אין זיך די אַלע טעאַטער-עלעמענטן און איבערבויען זיי אין אַ ספּעציפישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. און אויב מען וועט אַנאַליזירן און אורטיילן גאָלדפאַדענען פון דעם שטאַנדפּונקט, וועט מען קומען צום באַשלוס, אַז דערדאָזיקער תלמיד פון אַ ראַבינער-שולע, דער מחבר פון דידאַקטישע לידער אין לשון-קודש, איז אַזוי דורכגעדרונגען מיט דער טעאַטראַלער אידעע, אַז דער משכיליזם ווערט אַ נעבן-זאַך, אַ מין צינזן-אָפּצאָל דער צייט, דער עפּאָכע. די מיטלען צו מוסרן און באַלערנען האָבן איבערגעוואַקסן דעם ציל אַזוי ווייט, אַז ווען דער מאָדערנער רעזשיסער באַפרייט דעם טעקסט פון די דידאַקטישע עלעמענטן, ליידט דאָס גאָלדפאַדענישע ווערק לחלוטין גאָרניט דערפון. . . . [עס] בלייבט אַ סך, זייער אַ סך, ווייל אין עצם פון גאָלדפאַדענס שאַפן ליגט דער שוישפּילערישער און קאָנסטרוקטיווער פאַרנעם פון טעאַטער. גאָלדפאַדען האָט אונז איבערגעלאָזט גוט געבויטע מאָדעלן פון פּיעסען, וועלכע מען קאָן אָנפילן מיט אַ נייעם אינהאַלט, אַז עס זאָל ניט שאַדן דער אייגנאַרטיקער קאָנסטרוקציע פון אָריגינאַל. . . . די גאַלעריע פון עכטע פאָלקס-טיפּן אין גאָלדפאַדענס גרויסן רעפּערטואַר זיינען דער אויסגאַנגס-פּונקט פאַר שעפערישע[ר] אינטואיציע פונם רעזשיסער און אַקטיאָר. דידאָזיקע מענטשן, וועלכע זיינען ניט קיין סימבאָלן, נאָר כאַראַקטער-טיפּן, זיינען אַזוי דורכגעדרונגען מיט פאָלקס-הומאָר, פאָלקס-סענטימענט און פאָלקס-וויץ, אַז זיי זיינען אַלע סימפּאַטישע פּערסאָנאַזשן, ווערן שנעל באַפריינדעט מיטן „פּובליקום“, געווינען דעם צוטרוי פון צושויער. . . . די מאָדערנע יידישע בינע האָט אין גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר אַ קוואַל פון שעפערישע[ר] מעגלעכקייט, אַן אוצר פון טעאַטראַלע איינפאַלן, אַ פעלד מיט ווייטע און ברייטע פּערספּעקטיוון.“

דר. א. מוקדוני כאַראַקטעריזירט אַזוי ג: „איין מענטש, וואָס איז אַ גאַנצער טעאַטער, איז אברהם גאָלדפאַדען. ער איז אַן אַקטיאָר, אַ מוזיקער, אַ רעזשיסער, אַ דראַמאַטורג און אַ דירעקטאָר. . . . עס איז לחלוטין ניט ניכר די פרעמדע ווירקונג, איר פילט ניט קיין פרעמדע שפּורן אין שאַפן, ער איז דורך און דורך אַזוי יידיש, אַזוי פאָלקסטימלעך, אין דער זעלבער צייט מאָדערן-טעאַטראַליש. זיין טעאַטער איז בשום אופן ניט קיין איבערזעצונג פון דעם פרעמדן טעאַטער. ער איז אַ טיף אָריגינעלער יידישער טעאַטער אין אַלע זיינע אויסערלעכע פאָרמען און אין זיין תוך. . . . ער האָט באַהערשט אַלע פאָרמען פון דער טעאַטראַלער דיכטונג, פון דראַמע ביז וואָדעוויל, און אַ קלאָרקייט, אַ בולטקייט ליגט אין די פאַרשיידענע פאָרמען פון זיין סצענישער דיכטונג. ניטאָ קיין צעשוואומענקייט, קיין אַריינברעכן זיך פון איין פאָרם אין דער אַנדערער.“

יעקב מעסטעל שרייבט: „אויף דער יידישער בינע איז כמעט דער איינציק „טראַדיציאָנעלער“ פאַרבליבן אברהם גאָלדפאַדען. . . . דאָרט, וואו מ'האָט געשפּילט גאָלדפאַדענען „ווי עס שטייט געשריבן“, דאָרט, וואו מען האָט געגעבן אַ גאָלדפאַדען-פאָרשטעלונג פּשוט דערפאַר, ווייל דער עולם האָט ליב צו זען אַ גאָלדפאַדען-פּיעסע — דאָרט איז גאָלדפאַדען פאַרבליבן ווי אַ תורה מסיני, ווי דער נוסח פון אַ תפילה, דאָרט איז די טויזנדסטע גאָלדפאַדען-פאָרשטעלונג אין בוענאָס-איירעס און יאָהאַניסבורג אין עצם תמיד ענלעך געווען צו זיין ערשטער פאָרשטעלונג אין יאַסי אָדער אָדעס, — ווייל גאָלדפאַדען איז ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן אַ שטיק יידישע טעאַטער-טראַדיציע. . . . ווייניקער טראַדיציאָנעל זיינען שוין געבליבן די דעקאָראַציעס ביי די גאָלדפאַדען-פאָרשטעלונגען. און דאָס פּשוט דערפאַר, ווייל אין דעם פּרט איז אויך גאָלדפאַדען אַליין ניט געווען אויסגעהאַלטן. שפּילנדיק אונטער פאַרשיידענע אומשטענדן, האָט ער ביי דעמזעלביקן „עקדת יצחק“ געלאָזן אין יאַסי אַראָפּשוועבן מלאכים פון הימל, און אַ צווייט מאָל, שפּילנדיק ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל אין אַ שטאַל, איז ער געווען צופרידן, ווען זיינע מלאכים האָבן געקאָנט זיך אַריינשפּאַרן אויף דער בינע דורך אַ ליילעך-שפּאַלט. דערפון נעמען זיך אויך די אָפטע דיפערענצן אין דער גאָלדפאַדען-„אויסשטאַטונג“. אָבער דערפאַר טרעטן נאָך בולטער אַרויס די פעסטע, ניט אָנרירבאַרע טיפּן, וואָס די גאָלדפאַדען-שפּילער האָבן געשאַפן. אַ סך פון זיי זיינען שוין אפילו אַריבער אַלס משל אין פאָלקס-ווערטל. אין דער טעאַטער-וועלט דאַרף מען ניט איינעם אָנרופן „פאַרעטער“ אָדער „שוואַכלינג“ — עס איז גענוג ווען מען זאָגט אים, אַז ער איז אַ „פּאַפּוס“ אָדער „ער גייט איבער צו די רוימער“. מיט „זיין אַ העלד ווי בר-כוכבא“, אָדער אַ „ברײנדעלע קאָזאַק“, אָדער אַ „שמענדריק“ איז גענוג בולט באַצייכנט דער כאַראַקטער פון אַ מענטשן.“

אברהם טייטעלבוים: „ווי אַלע עכטע גרויסע טעאַטער-פּיעסן, זיינען גאָלדפאַדענס קאָמעדיעס אַ זייער פיינע, מייסטערהאַפטע קאַנווע, וואָס גיט מעגלעכקייטן סיי דער אַקטיאָרישער שפּיל און סיי דער רעזשיסאָרישער אינוואַציע. זיי לאָזן פּלאַץ פאַר דער דערגענצונג און שאַפערישן איינפאַל פון יעדן אויפירער. זיי לאָזן זיך אַדאַפּטירן און צופּאַסן צו אַלע לאַגעס, צו אַלע סביבות און אומשטענדן. זיי לאָזן זיך צופּאַסן צו אַלע אופנים פון אויפירן און זיינען בויגזאַם פאַר אַלע מאָדערנע און מאָדערניזירטע ריכטונגען. מיט דעם זעלביקן עפעקט האָט מען געשפּילט גאָלדפאַדענס פּיעסן אויף די פּראָווינציעלע פאָרמאַלע בינעס, וואו די צופעליקע נאַאיוו-געמאָלענע דעקאָראַציעס זיינען בלויז געווען טעאַטראַלע הינטערגרונטן און האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיטן אינהאַלט פון די פּיעסן. וועגן רעקוויזיט אָדער מעבל האָט מען זיך ווייניק געזאָרגט, מען האָט גענוצט בלויז די זאַכן, וואָס זיינען אומבאַדינגט נויטיק געווען, ווי דאָס ווערט געטאָן אויף די פאָרמאַלע מאָליער-בינעס. די זעלביקע קינסטלערישע ווירקונג האָט זיין פּיעסע געהאַט ווען זי איז אין קאַמינסקיס טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ביי ספּעציעל געמאָלענע דעקאָראַציעס און עכט נאַטוראַליסטישער אויסשטאַטונג. . . . מיט נאָך אַ סך גרעסערן קינסטלערישן דערפאָלג נוצט גראַנאָווסקי אין זיין גאָלדפאַדען-אויפירונג זיינע קאָנסטרוקטיוויסטישע לייטערס. . . . ווייל וואָס פאַר אַ כונה מען זאָל ניט אַריינלייגן אין דער אויסטייטשונג פון גאָלדפאַדענס פּיעסן, וואָס פאַרע קאַפּאַטעס מען זאָל ניט אָנטאָן זיינע העלדן, וועלכע אויסריכטונגען מען זאָל ניט געבן זיינע פּערסאָנאַזשן, וועט אַלץ ניט מעגלעך זיין צו פאַרשטיקן און פאַרטרייבן דעם הויפּט-עלעמענט, וואָס ליגט אין גרונט פון זיין גאַנצן געבוי און וואָס גיט זיי זייער אומשעצבאַרן ווערט — אַ חוץ זייער פּשוטקייט און פאָלקסטימלעכקייט — און דאָס איז: זייער טעאַטראַלישקייט. אָט יענע וויטאַלע, נערוועזע, צאַפּלדיקע און קיינמאָל ניט איינרוענדיקע קוואַליטעט, וואָס דריקט זיך אויס ניט אין אַן אינטערעסאַנטן ספּור-המעשה, ניט אין געפליגלטער פּראָזע, ניט אין קיין בליצנדיקע מעטאַפאָרן, נאָר אין דער אייגנאַרטיקער, אויף קיין אַנדער זאַך ניט ענלעכער, און מיט קיין אַנדער זאַך ניט פאַרבייטבאַרער טעאַט-

ראַלער דינאַמישקייט, טעאַטראַלער האַנדלונג. און גאָלדפאַדען איז פריער פון אַלץ געווען אַ טעאַטראַל. ס'איז גענוג אויפמערקזאַם דורכשטודירן די „רעמאַרקען" פון זיינע פיעסען, די אָנווייזונגען פאַר די אַקטיאָרן אָדער דעם אויפירער, כדי צו זען, ווי העל און שאַרף ס'איז געווען זיין חוש פאַר דער טעאַטראַלער פאַנטאַסטיק און סצענישער באַוועגלעכקייט. . . . גאָלדפאַדען האָט ניט באַדאַרפט מען זאָל פאַר אים אַנטפּלעקן דעם מאָדערנעם סוד, אַז אַ פיעסע ווערט מער געהערט מיט די אויגן ווי מיט די אויערן. פאַר אים, פונקט ווי פאַר אַלע עכטע טעאַטער-קינסטלער איז עס געווען דער תוך און דער עיקר פון זיין גאַנצן שאַפן. . . . גאָלדפאַדענס שאַרפער חוש פאַר טעאַטראַלישקייט זעט זיך אויך גאַנץ קלאָר אין זיין שטאַרקער ליבע איבערצובייטן זיינע האַנדלונגס-ערטער, אַרומצוטרייבן זיינע העלדן איבער דער וועלט. . . . איך מיין, אַז ס'איז אפשר ניט געווען אַזויפיל דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו, וואָס האָט אים געפירט צוזאַמענצוברענגען אַלע זיינע העלדן אין ארץ-ישראל [אין „משיחס צייטן"] ווי דער שטאַרקער פאַרלאַנג פאַר דער טעאַטראַלער עפעקטקייט, וואָס אַזאַ סיטואַציע גיט אים."

וועגן ג. אַלס מוזיקער שרייבט יאָזעף רומשינסקי: „גאָלדפאַדען אַליין איז ניט געווען קיין מוזיקער, אָבער ער האָט געהאַט אַ מוזיקאַלישן אויער. אַלס פּאָעט און הייסער ייד, האָט ער זייער שטאַרק געפילט דעם ריטם אין די יידישע מעלאָדיעס. גלייך פון אָנפאַנג אָן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז יידישע פיעסען דאַרפן גיין מיט מוזיק. גאָלדפאַדען איז דאַן געווען אין זיד-רוסלאַנד, וואו עס האָבן עקסיסטירט די „מאַלאָ רוסישע" (קליין רוסישע) טרופּעס, וועלכע פלעגן אויפירן לעבנס-בילדער מיט געזאַנג. אָט די אויפירונגען זיינען געווען זייער ערפאָלגרייך. גאָלדפאַדען איז געווען באַפריינדעט מיט דעם דאַמאָלטיקן קליין-רוסישן פּאַרפאַסער און דירעקטאָר קראָפּאָווניצקי, וועלכער האָט געהאַט אויף אים אַ שטאַרקן איינפלוס, און ער האָט באַשלאָסן צו גיין אין יענעמס וועגן, דאָס הייסט, אויפירן יידישע פיעסען מיט מוזיק. . . . ער פלעגט נעמען משוררים, וואָס האָבן געזונגען ביי אַ חזן און זיי בעטן, אַז זיי זאָלן ברענגען אַ בוך מיט חזנישע נאָטען, אַ „גרויסן בוך". דער משורר פלעגט זינגען פון די נאָטען, ביז וואַנען אים, גאָלדפאַדענען, איז עפּעס געפעלן, און ער פלעגט עס נעמען פאַר זיינער אַ פיעסע. . . . די ערשטע פעריאָדע איז באַשטאַנען 90 פּראָצענט פון חזנישע מוזיק. די ערשטע פראַגע וואָס גאָלדפאַדען פלעגט פרעגן אַן אַקטיאָר איז געווען: צי ער קאָן זינגען, צי ער האָט אַ שטימע, צי ער קען נאָטען?"

ג. אַליין שרייבט וועגן דעם אין יידיש-דייטשן זשורנאַל „די וועלט" [אונזער איבערזעצונג פון דייטש]: „קודם כל בין איך זיך מודה ומתודה: דער מחבר פון דער מוזיק פון „שולמית" און אַ סך אַנדערע יידישע זינג-שפּילן, דער שרייבער פון די שורות, האָט ניט קיין שום טעאָרעטישע ידיעות אין מוזיק, און קען אפילו ניט לייענען קיין נאָטען. כאָטש איך האָב ביי די קאָמפּאָזיציעס פון מיינע שטיק שטענדיק אַכטונג געגעבן דערויף, אַז די מוזיק זאָל זיך צוזאַמענשטעלן פון פאָלגנדיקע עלעמענטן: 1) אָנהייב און שלום כאָרן, 2) מאַרשן, 3) טענץ, 4) אַריעס, 5) דועטן, 6) טערצעטן, 7) באַלאַדעס, 8) לידער, 9) שאַנסאָנעטס, — פונדעסטוועגן האַלט איך, אַז ס'איז ניט ריכטיק וואָס מ'האָט מיינע געזאַנג-שפּילן אָנגערופן „אָפּערע". ווארום כדי צו פאַרדינען דעם נאָמען „אָפּערע", וואָלטן זיי געדאַרפט זיין אַ מוזיקאַלישע איינהייט, אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט, און דאָס איז אָבער ניט אַזוי, ווייל איך האָב טייל נומערן אַליין געשאַפן און טייל געבאָרגט ביי אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן. איך קאָן מיט אַ רואיק געוויסן זאָגן „געבאָרגט", ווארום טייל-מאָל האָט מיר אַ חזן בהכשר הכשרות געבאָרגט פאַר מיין בינע





דעם אָדער יענעם נומער פון זיין שול-רעפּערטואַר, אַזוי, אַז אָפט איז אַ מעלאָדיע געזונגען געוואָרן אין דער שול און אין דער זעלבער צייט און אין דער זעלבער שטאָט איז די מעלאָדיע „געטאַנצט" געוואָרן אויף מיין בינע, פאַרשטייט זיך, מיט מאָדולאַציעס.

„מ'מעג טאַקע זאָגן, אַז איך בין מער קאָמפּילאַטאָר ווי קאָמפּאָזיטאָר. איך מיין אָבער, אַז אויך דאָס קאָמפּילירן איז אַ ק ו נ ס ט. איך פיר מיך דערביי אַזוי: איך באָרג מיר — ווי שוין אויבן באַמערקט — פון אַ חזן עטלעכע שיינע טענער פון זיינער אַ „קדושה", פון אַן אַנדערן — זיינעם אַ „מן המצר", פון אַ דריטן — עטלעכע אַקאָרדן פון זיינעם אַ „ויהי רצון" א. א. וו., און די דאָזיקע מעלאָדישע שטיקלעך פון די פאַרשיידנסטע טאָן-אַרטן שמעלץ איך צוזאַמען, מיט דער הילף פון מיין דיריגענט, אין שמעלץ-טאָפּ פון געשמאַק און האַרמאָניע, אַזוי, אַז ס'קומט אַרויס אַ פולשטענדיק נייער, קונסט-אויסגעהאַלטענער דועט א. ד. ג.

„איך מאַך ניט קיין סוד: אין די ערשטע יאָרן פון מיין גרינדן דאָס יידישע טעאַטער האָב איך מיר דאָ און דאָרט דערלויבט צו מאַכן קליינע הלוואות, וועגן וועלכע איך האָב גאָרניט געמאָלדן מיינע קרעדיטאָרן. איך האָב ביי אַ געלעגנהייט אַריינגעשמוגלט אין מיינע שטיק לייכטע מעלאָדיעס פון אָפענבאַך, ל'קאָק, ווערדי, מייערבער, אפילו פון וואַגנערן. כדי זיך צו אַנטשולדיקן, קאָן איך אַ חוץ היינעס ווערטל: „אין דער קונסט איז ניטאָ קיין זעקסט געבאָט", אויך זיך שטיצן אויף דעם אומשטאַנד, אַז איך האָב מיינע געצוואונגענע הלוואות ניט געמאַכט צוליב אייגננוץ אָדער דעם חשק צו פאַרדינען. וואָס פאַראַ נוצן האָט אַן אָרעמער קאָמפּאָניסט פון מיין שטייגער געקאָנט ציען פון „פּלאַגיאַטן" אין גרעסערן סטיל? — נאָר איך האָב עס געטאָן אויסשליסלעך, ווייל איך האָב געשטרעבט אויפצוהייבן אויף אַזאַ אופן דעם מוזיקאַלישן געשמאַק פון די ברייטע שיכטן פון מיין פאָלק.

„צום באַדויערן האָט אויך דאָס דרייסטע מיטל ניט געטראָפן אין ציל. דער געשמאַק פון די אונטערשטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַזוי פאַרדאָרבן, אַז זיי האָבן פשוט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די אייראָפּעאישע מוזיק. זייער אויער איז כלל ניט געווען פעאיק אויפצונעמען אַנדערע מעלאָדיעס, ווי די, וועלכע ווערן געזונגען אין דער שול און אין קלויז. איך האָב זיך געמוזט אָפּזאָגן פון די צוועקלאָזע פּרובן און זיך נעמען אויף אַן אַנדערן וועג. איך האָב זיך דעריבער באַגרעניצט אויף אָפּצוהיטן אַן אייגנאַרטיקע יידישע פאָלקס-מוזיק, וואָס איר כאַראַקטעריזאַציע איז אַ געוויסער פריגישער טאָן-אַרט, און דער דאָזיקער וועג מיינער איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ גרויסן דערפאָלג.

„. . . עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פובליקום, אַ פובליקום, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ פרימיטיוון זין פאַר קונסט און אַ נישט אַנטוויקלטן מוזיקאַלישן געשמאַק, האָט מען געמוזט געבן די אמתע „לייכטע" מוזיק. כאָרן, אַריעס, דועטן א. א. וו. האָב איך אַריינגעשטעלט בלויז צוליב בינע-עפעקט; פאַר מיין עולם האָט דאָס נישט געהאַט קיין שום רייץ. עס האָט אים נאָר „אָנגעברומט אין קאָפּ", ווי איינער פון מיינע אומצופרידענע טעאַטער-באַזוכער האָט זיך אויסגעדריקט. דאַגעגן האָט דאָס דאָזיקע אייגנטימלעכע טעאַטער-פובליקום אַרויסגעוויזן אַ פאָרליבע צו סענטימענטאַלע פאָלקס-לידער און קאָמישע שאַנסאָנעטס. זיי האָבן דאָס איינגעשלונגען מיט גרויס חשק און פלעגן עס שטענדיק נאָכזינגען ביי זיך אין דער היים, בעת דער אַרבעט אָדער אין אַ יום-טוב. איך וועל בלויז דערמאָנען דאָס ליד „ראָזשינקעס און מאַנדלען" פון „שולמית", דאָס „פאַסטוך-ליד" פון „בר כוכבא", „יאַנקעלע גייט אין שול אַריין" פון „אחשורוש" און „גיי, גיי" פון „אַלמאַסאַדאַ".

„. . . איצט עפּעס וועגן אַרט פון מיין שאַפן: איך זינג אָפּ אָדער כ'שפּיל אויף דער פּיאַנאָ די מעלאָדיע, וועלכע כ'האָב פאַרפאַסט און אַ מוזיקאַליש-געבילדעטער מיטאַרבעטער מיינער קאָפּירט דאָס אויף נאָטן. מיין מיטאַרבעטער נעמט דערנאָך אַהיים די פּאַרטיטור און מאַכט דערפון אַן אָרקעסטראַציע. פריער אָבער, כאָטש איך פאַרשטיי מיך ניט אויף קאָנטראַפּונקט, גיב איך אים גענויע אָנווייזונגען בנוגע דער אינסטרומענטאַציע. איך הייס אים, צום ביישפּיל, אַז אַ געוויסע מעלאָדיע זאָל נאָר ש ט י ל געשפּילט ווערן פון שטרייך-אינסטרומענטן מיט אַ לייכטן אַקאָמפּאַנימענט פון פלייטן, זי טאָר אָבער בשום אופן ניט באַגלייט ווערן פון שווערע בלאָז אָדער שלאָג-אינסטרומענטן. אָדער איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז אַ געוויסער נומער טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ שלאָף-ליד, אַן אַנדער ליד דאַרף בילדן אַ פּאַסטוך-ליד, צוליב וואָס עס דאַרף נאָר די פלייט שפּילן סאָלאָ, א. ד. ג. ביי עכט פריגישע מאָטיוון פאַרטראָג איך איבערהויפּט ניט קיין אינסטרומענטאַציע, נאָר כ'לאָז דעם באַטרעפנדן נומער שפּילן אוניסאָנאָ. אין אַזאַ פאַל מוזן מיינע קאַפּעלמייסטערס שטענדיק מיך פאָלגן און קעגן זייער ווילן לאָזן זיי מיר פריי די מעלאָדישע פּרימאַ.

„. . . ווען איך האָב אין מיין יוגנט „געשריבן לידלעך", האָב איך אויך פאַר מיין מוזע גענומען די רעליגיעזע מאָטיוון; וואָרום מיינע לידער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ רעליגיעז-נאַציאָנאַלער טענדענץ פון טעקסט און מיט דער „יידישלעכקייט" פון די מעלאָדיעס. שוין דאַמאָלט האָב איך געשאַפן טעקסט און מוזיק צוזאַמען. דעריבער זיינען אויך אין מיינע טעאַטער-שטיק די ל י ד ע ר דער הערשנדער עלעמענט. אָן זיי איז גאָרניט מעגלעך אַ יידיש בינע-שטיק."

אָבער גאָלדפאַדען „האָט צומאָל אפילו פון זיך זעלבסט אַביסל אָפּגעשפּעט, — באַמערקט דר. יהושע טהאָן אין „היינט" — אַזוי האָט ער מיר אַמאָל דערציילט ווי ס'האָט אים געטראָפן אַ געוועזענער קאָלעגע פון דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול, וועלכער האָט זיך אַביסל צוגעשמדט און איז געוואָרן דער דיריזשאָר פון דער קייזערלעכער אָפּערע אין פּעטערבורג. אָט דער דאָזיקער חבר האָט צו אים געזאָגט: — הערסטו, אברהם, וואָס דיינע פּיעסען זיינען ווערט, ווייס איך נישט, נאָר פון דער מוזיק קאָן מען באמת ווערן אַ בעל-מום . . . "

ש. ל. ציטראָן דערציילט: „גאָלדפאַדען האָט באַזעסן זייער אַן אָנגענעמע שטים. ייִנגלווייז פלעגט ער אַמאָל אונטערהעלפן ביים עמוד דעם חזן פון זיין געבורטס-שטאָט אַלט-קאָנסטאַנטינאָוו. . . . אין די זומער-חדשים, בעת אין ראַבינער-שול פלעגן ניט פאָרקומען קיין למודים, פלעגט גאָלדפאַדען אַרומפאָרן איבער די וואָלינער שטעטלעך אום אויפצוזאַמלען פאַרשיידענע ניגונים און אויסנוצן זיי נאָכדעם פאַר זיינע לידער. גאָטלאָבער, וועלכער פלעגט צייטנווייז אויך פאַרפאַסן יידישע לידער מיט אייגענער מוזיק, האָט געהאָלפן גאָלדפאַדענען צו באַאַרבעטן און איבערצואַנדערשן די צונויפגעקליבענע נגונים און כל-ערליי וואַריאַציעס. . . . צוגלייך מיט דעם [אָנהייבן שרייבן „שולמית"] האָט זיך ביי אים דערוועקט דער געדאַנק צו אַראַנזשירן דאָס שטיק אין מוזיק אין דער פאָרם פון אַן אָפּערע. אָבער אַ ווערק פון היסטאָרישן מזרח-לעבן קאָן ניט אָנגעקליידט ווערן אין חזנישע נגונים און פאָלקס-לידלעך; דערצו דאַרף אָנגעווענדעט ווערן אָריענטאַלישע, אָדער, לכל הפחות, אָריענטאַליש-ענלעכע מוזיק. ווייסנדיק, אַז קיין אָדעס קומען אָפּט מאָל טערקישע און גריכישע שטעט-אַרומשלעפּנדיקע זינגער און מוזיקאַנטן, וועלכע באַזוכן די ווינקעלערס און די איבעריקע וואָלוועלע פאַרווײַלונגס-ערטער פון די אונטערשטע פאָלקס-שיכטן, פלעגט גאָלדפאַדען גאַנץ אָפּט אַהינקומען, אום צו פאַרשרייבן און פאַרנאָטירן זייערע געזאַנגען. אָבער די אַלטע [אַלע] מאָטיוון, וואָס ער האָט דאַמאָלט צונויפגעקליבן, זיינען נאָך אים געווען גאַנץ ווייניק. . . . באַזוכנדיק [שפּעטער] אין די רומענישע שטעט די פאַרשיידענע קאַפע-הייזער און טראַקטירן, האָט ער דאָרט אָפּגעשריבן גאַנצע אוצרות מיט מאָטיוון פון די אַלערליי באַלקאַנישע פעלקער און פון די מזרח-איינוואוינער בכלל. צווישן די געזאַנגען זיינען געווען פיל יידיש-שפּאַניאָלישע און פאַרצייטיקע ארץ-ישראלדיקע".





יעקב מעסטעל, וועלכער האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אויפן באַלקאַן, גיט איבער, אַז אָפּט, הערנדיק זינגען די מאָנטאָנעגרישע און אַלבאַנעזישע פאָלקס-לידער, האָט אים געקלונגען אין אויער דער גאַנצער גאָלדפאַדען-רעפּערטואַר.

אויספירלעך באַהאַנדלט א. ז. אידעלזאָן אין זיין בוך „די אַנטשטייאונג פון דער יידישער מוזיק" די 25 מוזיק-נומערן פון „שולמית" (אַראַנזשירט פאַר פּיאַנאָ דורך ה. א. רוסאָטאָ, אַרויסגעגעבן פון דער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו יאָרק):

„נומער 1: „דער מאַרש קיין ירושלים" — [אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס"] — איז גענומען פון נאָמבערגס „זמירת ישראל" ז. 79 (לך ד' הגדולה).

נומער 2 [„קומט זשע גיכער אין איינעם זיך בענטשן"] — איז טיילווייז פון נאָמבערגס „מי הוא זה מלך", דאָרט, ז. 196.

נומער 3 [„יברכך"] — איז דער „מגן אבות"-שטייגער מיטן סוף-מאָטיוו פון טראַדיציאָנעלן טאָן פון „לדוד ברוך", אין דער צייט וואָס דער מאָטיוו, וועלכן גאָלדפאַדען האָט באַנוצט פאַרן וואָרט „דרכך" אין דאָזיקן געזאַנג, איז ענלעך צו אַ תימנער פאָלקס-מאָטיוו.

נומער 6 [„אַך, וואָס זע איך דאָרט"] — איז אַ טיפּישע איטאַליענישע אַריע.

נומער 6 [„ראָזשינקעס און מאַנדלען" אָדער „אין בית-המקדש"] — איז אַ יידישער פאָלקס-טאָן און איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אין גאָלדפאַדענס ווערטער און ניגון.

נומער 8 [„איך דאַנק דיר, גאָט"] דאָסזעלבע, זעט אויס צו זיין גענומען פון אַן איטאַליענישן קוואַל.

נומערן 9-10 [„יאָ וואו נעמט מען די עדות" אָדער „אָט דער ברונעם" און „דאָס וועט אָבער קיינמאָל ביי אונז ניט געשען"] — זיינען שטאַרק אַדאָפּטירט פון שעסטאָפּאָלס ניגון אויף תהלים קי"ד (אדוני זכרני), וועלכער האָט צו דעם צוועק אַדאָפּטירט די אַריע נומער 6 פון ווערדיס „טראַוויאַטאַ" (די אַריע פון וויאָלעט).

נומער 11 [„פּאַסטוכער-כאָר"] — איז אויך פון אַן איטאַליענישן קוואַל.

נומער 12 — אַ „באַלעט", איז אַן אימיטאַציע פון אַ „מאַזורקע".

נומער 13 [„לויף צו מיר, דו שיינער בחור"] — איז אוקראַאיניש.

נומער 14 [„קום זשע, קום זשע, בחור שיינער"] — איז אַ חסידישער טאַנץ אין שטייגער פון „אדוני מלך".

נומער 15 [„דו ביזט מיין כלה"] — איז חסידיש אין ציגיינער-שטייגער. ס'איז געוואָרן זייער פּאָפּולער.

נומער 16 [„שבת, יום-טוב און ראש חודש"] — איז צו דערקענען אַן אימיטאַציע פון אַליעזרס באַרימטער אַריע אין „די יידין", אָנהייבנדיק פון „רחל, ווען גאָט".

נומער 17 [„איך הייס יואב גדעוני"] — איז אַן אוקראַאינישער טאָן.

נומער 18-19 [„אין אַזאַ שעה ליג איך דאָס דאָ" און „דאָרטן אין דער וויסטע ווייט"] — זיינען אַ קאָמפּילאַציע פון דייטשע און אוקראַאינישע מאָטיוון.

נומער 20 [„שרייט זשע ווייבער מיט מיר אין איינעם"] — איז אַ טיפּישער טערקישער „העדזשאַס"-טאָן.

נומערן 21-22 [„פּלאַקער פּייערל, פּלאַקער“ און „ליגט זשע צו האָליץ“] — זיינען אַ פּאָפּולערער יידישער פאָלקס-טאָן מיט אַן אַנדערן נוסח.

נומער 23 [„גאָט, זע אַליין, גאָט“] — איז אַ חסידישער טאָן פון טיפּ „דבקות“.

נומער 24 [„פון די צווייגן די פידעלעך“] איז דער אוקראַאינישער דאָריאַן-שטייגער.

נומער 25 [„גיט אַ שבח“ אָדער „אין בית המקדש“] — איז אַ רוסישער מאַרש אָדער אַ מין אימיטאַציע.

און די 17 מוזיק-נומערן פון „בר כוכבא“ (אַראַנזשירט פון א. גאַרפינקעל, אַרויסגעגעבן פון ד. מאַזין קאָמפּ., לאָנדאָן):

„נומער 1 — איז אַ חסידישע דבקות-מעלאָדיע מיט אַ חזניש דריידל.

נומער 2 — איז אַ זייער באַקאַנטער פאָלקס-ניגון.

נומער 3 — איז אַ דועט און אַ סאָלאָ, אַדאָפּטירט פון פראַנצויזישע אָדער איטאַליענישע קוואַלן.

נומערן 4-5 — זיינען באַזירט אויף דיזעלבע יסודות.

נומער 6 — איז אַ פּרעכטיקער מאַרש, באַווייזט אוקראַאינישן איינפלוס.

נומערן 9-10 — זיינען אַ מיש-מאַש פון חזנישע מאָטיוון פון שעסטאָפּאָל און אַנדערע.

נומער 11 — הייבט זיך אָן אין באַקאַנטן דייטשן מאַרש-סטיל און פאַרענדיקט זיך מיטן העדזשאַס-שטייגער.

נומערן 12-13 — זיינען אַ געמישטער אוקראַאינישער שטייגער און זיינען זייער פּאָפּולער.

נומער 14 — איז אַ „בראַוואורא-אַריע“ אין איטאַליענישן סטיל.

נומער 15 — איז אין סטיל פון אַ יידישן פאָלקס-ניגון און איז זייער באַליבט ביים עולם.

נומער 17 — איז אַ חסידישער טאָן.“

א. ז. אידעלזאָן גיט צו: „הגם דורך די צוויי אַנאַליזירטע אָפּערעטן קאָן גאָלדפאַדען ניט גערעכנט ווערן אַלס אַן אָריגינעלער שאַפער פון מוזיק, פונדעסטוועגן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך דראַמאַטישע טעכניק און מוזיקאַלישן געשמאַק אין זיין צופּאַסן חנודיקע נגונים, וואָס קאָנען אַפּעלירן צו די יידישע מאַסן. די נגונים זיינען פיין צוגעקליבן, אויך בנוגע דעם דראַמאַטישן עפעקט וועלכן זיי דאַרפן איבערלאָזן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער אַקאָמפּאַנימענט איז זייער אַ פּרימיטיווער און ס'געפינט זיך ניט אין זיי קיין מוזיקאַלישער סטיל, אַ חוץ דאָס, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ פּאָטפּורי. אויפן פּובליקום, וואָס זיין געשמאַק איז מער אַנטוויקלט, מאַכן גאָלדפאַדענס אָפּערעטן קיין איינדרוק, אָבער צוריק מיט 50 יאָר זיינען זיינע אָפּערעטן געווען אַ אַנטפּלעקונג אין מזרח-אייראָפּע און האָבן אַרויסגערופן אַ פּוראָר אין אַלע יידישע ישובים אין רוסלאַנד.“

נאָך דער אויפירונג פון „שולמית“ אויף אונגאַריש אַלס אָפּערע שרייבט דר. פעליקס אַדלער אין דעם יידיש-דייטשן זשורנאַל „די וועלט“ (30, 1899): „מ'קאָן רואיק זאָגן, אַז אין דער גאַנצער ביז איצטיקער אָפּערען-ליטעראַטור איז עפּעס ענלעכעס ביז היינט נאָך ניט געווען. ניט ווילנדיק מוז מען זיך דערמאָנען אין יענע אַלטע טעמפּל-געזאַנגען ווי מען קאָן עס נאָך ביז היינט הערן אין קליינע פרומע שולן. דאָס וועזן פון דערדאָזיקער מוזיק ליגט אין דער גאַנץ אייגנאַרטיקער ריטמיק און האַרמאָניע און אויך אין דער מעלאָדיק, וועלכע ווירקט פולשטענדיק פרעמד אויף אַן אויער, וואָס איז געוואוינט צו דער מאָדערנער מוזיק. קוים אָבער האָט מען זיך צוגעוואוינט צו דעם עקזאָטישן, געפינט מען אויס, אַז דידאָזיקע אַלטע יידישע געזאַנגען האָבן אַ מערקווירדיקע קראַפט, זייער טאַנץ באַזיצט אַ ווייכע און אַ מילדע גראַציע. דאָס ליד און דער טאַנץ בייטן זיך איינס נאָכן אַנדערן, דאָ און דאָרט זיינען אויך פאַראַן דועטן און קוואַרטעטן, אַפילו נאַטירלעך אַרויסגעוואַקסענע אַנסאַמבלען. ליידער איז ניט פאַראַן קיין קלאַוויר-אויסצוג, דורך וועלכן מ'זאָל קאָנען, ביי אַ שפּעטערדיקן שטודיום, פיקסירן דעם איינדרוק, וועלכן מ'האָט באַקומען אין מאָמענט פון דער אויפירונג. מ'קאָן דעריבער זיך ניט גענוי אָפּשטעלן אויף דער מוזיק. אַ סך זאַכן וואָלטן אודאי דאַן באַקומען אַן אַנדער פּנים ווי בעת דער ערשטער אויפירונג. אויפפאַלנד איז די אויסערגעוויינלעכע עשירות פון דער מוזיק. יעדער נומער ברענגט נייעס און אָריגינעלעס, אַזוי, אַז ס'ווערט ניט מאָנאָטאָן און ס'באַקומט זיך ניט קיין לאָקאַלער קאָלאָריט און דערפאַר פאַרלירט מען ניט דעם אינטערעס צו דער זאַך. אָבער ניט נאָר אין דעם ריין מעלאָדישן און ניט נאָר אין דעם עקזאָטישן ריטם געפינט זיך דער רייץ פון דערדאָזיקער מוזיק. זי באַזיצט אויך אַ געוויסע דראַמאַטישע אויסדרוקס-פעאיקייט, וועלכע שטייגט לויט די פאָדערונגען, לויט דער סיטואַציע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ פולשטענדיק נאַאיווע מוזיק איז אָנגעוויזן אויפן טעקסט און ליידט דאָרט, וואו דער ליברעטיסט האָט פאַרנאַכלעסיקט דעם קאָמפּאָניסט. אַזוי ווי דאָס פּאַסירט אָפט ביים ה' גאָלדפאַדען, איז די מוזיק ניט אומעטום פון זעלבן ווערט און שטייט ניט אומעטום אויף דער הויך. ביי אַלע דראַמאַטישע שטייגערונגען איז איר הויפּט שטאַרקייט באַשטאַנען אין לירישן און קודם כל אין נאַציאָנאַלן עלעמענט. נאַציאָנאַל איז די מוזיק אין זעלבן זין ווי סמעטאַנאַס „די פאַרקויפטע כלה“.ביידע זיינען גענומען פון אורקוואַל פון פאָלק.“ [אונזער איבערזעצונג.]

מ. קויפמאַן, אַ יידיש-דייטשער פאָרשער פון יידישער פאָלקס-מוזיק, באַמערקט: „אַזוי ווי גאָלדפאַדען האָט גלייכצייטיק געשאַפן טעקסט און מוזיק, איז אַרויסגעוואַקסן אַן ענגע גאַנצקייט, אַן איינהייט, פון וועלכער סיי דער טעקסט אָדער די מוזיק אַליין איז ניט געווען בכח אַזוי אַרויסצוברענגען די אַלגעמיינע ווירקונג, אַזוי ווי ביידע האָבן עס גלייכצייטיק געקאָנט טאָן אַלס ניט צעטיילבאַר“.

יוסף טשערניאַווסקי שרייבט אין ניו-יאָרקער „טעאַטער און קונסט“: „אברהם גאָלדפאַדען האָט צוגעזונגען, איינער האָט עס פאַרשריבן און נאָך איינער האָט געמאַכט עפּעס אַ שלים מזלדיקע אָרקעסטראָווקע פאַר 6-7 אינסטרומענטן מיט אַ [דער] פּרימיטיווסטער האַרמאָניזירונג, פון יידישע חתונות גענומען. . . . איינהערנדיק זיך צום הונדערטסטן מאָל צו די מאָטיוון פון „שולמית“, „בר כוכבא“, „מכשפה“, „קוני לעמעל“ און צו פאַרשיידענע לידלעך פון אַנדערע אָפּערעטן, אין וועלכע עס הערן זיך קלאַנגען פון אוקראַאינישן ליד, פון שול-חזנות, אָפטמאָל אויך פון דער פּסוידאָ-פאָלקסליד, שטעל איך פעסט, אַז אין גאָלדפאַדען האָבן מיר פאַרלוירן אונזער אָפּענבאַך, וועלכער וואָלט אויפגעטאָן פאַר דער יידישער אָפּערעטע דאָס, וואָס דער ייד זשאַן אָפּענבאַך האָט אויפגעטאָן פאַר דער וועלט-אָפּערעטע. די טראַגישע לאַגע פון גאָלדפאַדען איז באַשטאַנען ניט אין דעם, וואָס עס האָבן אים געיאָגט פון שטאָט צו שטאָט הן די רוסישע רעגירונג און הן די יידישע באַפעלקערונג, נאָר אין דעם, וואָס ניט האָבנדיק קיין מוזיקאַלישע בילדונג, האָט ער געשאַפן מוזיק. ווען גאָלדפאַדען וואָלט, אין דער תקופה פון זיין וואַנדערן, אָפּריכטן גלות און שאַפונגס-אַנטוויקלונג, אויסגעשטודירט אַ וועלכן עס איז „קלאַוויר“ פון די אומשטערבלעכע קלאַסיקער פון דער וועלט-אָפּערעטע און וואָלט אונטער דער דאָזיקער השפּעה געשאַפן אין יידישן

ס ט י ל — וואָלטן זיינע ווערק געבליבן פאַר אונז לעולם ועד, אַלס מוזיקאַלישער טיש-בוך, אַלס קלאַסישער מוסטער".

ג.'ס בריוו קאָנען דינען אַלס וויכטיקער אָנהאַלטפּונקט פאַרן פאַרזיכטיקן גאָלדפאַדען-פאָרשער, אָבער ביז איצט איז נאָר אַ טייל פון זיי פאַרעפנטלעכט, ווי: 4 בריוו צו שלום-עליכם, פאַר דער צייט פון 1889-90 [אָפּגעדרוקט אין ניו-יאָרקער „גאָלדפאַדען-בוך"], 7 בריוו צו יעקב דינעזאָן פאַר דער צייט פון 1890-1903 [אָפּגעדרוקט אין „די יידישע וועלט", וואַרשע, 4, 1928], צו איינצלנע בריוו: צו משה פינקעל פון 4 אָקטאָבער 1876 [אָפּגעדרוקט „אַרכיוו", ווילנע, זז. 255-6], צו שרהסאָן [געדרוקט אין „יודישע גאַזעטען", 11 דעצעמבער, 1903; „די יידישע וועלט", וואַרשע, 4, 1928, ז. 126], צו זיין פרוי אין פּאַריז פון 1901 [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 257 און דערמאָנט אין פּערקאָף'ס „אברהם גאָלדפאַדען", ז. 8], צו פּראָפּ. זעליקאָוויטש, פון 1901, [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 259], צום „פאָרווערטס", פון דער זעלבער צייט [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 260], אַ בריוו וועגן אַ געשפּרעך מיט מאַקס נאָרדוי [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 261], אַן אויפרוף פון ג. וועגן קבלת-פּנים פאַר אים, ניו-יאָרק, נאָוועמבער 1903 [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 262], ג.'ס רעדע אויפן קבלת-פּנים [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 264], אַ בריוו צו שמ"ר, בערך 1902-1903 [אָפּגעדרוקט אין „פּנקס", ניו-יאָרק, 1927, ז. 159], צו שלום עליכם [אָפּגעדרוקט אין „פּנקס", 3, 1928, ז. 266], אַ בריוו אין רעדאַקציע [„דער פאָלקס-אַדוואָקאַט", נ. י., 19 סעפּט. 1888], צו א. טאָרטשינער, ניו-יאָרק, 30 דעצעמבער 1908, [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 277], 6 בריוו צו יצחק פּערקאָוו, פאַר דער צייט פון 1903-1907 [אָפּגעדרוקט אין פּערקאָפס בוך „אברהם גאָלדפאַדען", לאָנדאָן, 1908] און 2 בריוו צו יאָזעף ווײַנשטאָק, פּאַריז, 15 אַפּריל 1900, [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 461].

אין „אַרכיוו פאַר יידיש טעאַטער", וואו עס געפינען זיך פיל נייע מאַטעריאַלן פאַר דער גאָלדפאַדען-פאָרשונג, איז אויך אָפּגעדרוקט ג.'ס אַ מאַנוסקריפּט, אין דער פאָרם פון אַ בריוו אין רעדאַקציע, אַלס זיין ענטפער אויף אַ רעצענזיע וועגן „ניע בע, ניע מע". אין דעם בריוו געפינען זיך איייניקע נייע פאַקטן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אָפּערעטע.

פאַרן צווייטן באַנד פון דעמזעלבן „אַרכיוו" ווערן צוגעגרייט צום דרוק נאָך 25, ביז איצט ניט פאַרעפנטלעכטע, בריוו פון ג.

פיל מאַטעריאַל פאַר דער אויספאָרשונג פון דעם גאָלדפאַדען-פּעריאָד געפינט זיך אין ג.'ס אויטאָביאָגראַפיעס.

די ערשטע א ו י ט אָ ב י אָ ג ר אַ פ י ע האָט ג. פאַרעפנטלעכט בעת זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע, אין זיין „ניו יאָרקער אילוסטרירטע יידישע צייטונג" (נומער 4, 1887). אין 1888 איז דידאָזיקע אויטאָביאָגראַפיע איבערגעדרוקט געוואָרן אין „הויז-פריינד" (באַנד 1, זז. 165-8) אין דער פאָרם פון אַ ביאָגראַפיע (פאַרקירצט און אין דריטער פּערזאָן) געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים פון „אַ וואָהלינער". דיזעלבע אויטאָביאָגראַפיע איז אויך דערשינען דעם 9 יאַנואַר 1908 אין דער ניו-יאָרקער „דיא ווארהייט" און איז דערנאָך ווידער איייניקע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן.

אין 1896 האָט ג. צוגעשיקט צו ה. י. מיניקעס פאַר זיין זאַמלבוך „דיא אידישע ביהנע" אַן אַרטיקל „די ערשטע פּעריאָדע פון דעם אידישען טעאַטער". דער אַרטיקל איז אַנאָנסירט געוואָרן פאַרן צווייטן באַנד פון דעם זאַמלבוך, וואָס איז אָבער ניט דערשינען, און דער אַרטיקל איז פאַרלוירן געגאַנגען.

ערשט דעם 1 אויגוסט 1901 נעמט ג. אין פּאַריז אויפסניי שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע, פון וועלכער 3 פאָרטזעצונגען זיינען באַלד געדרוקט געוואָרן אין „מיניקעס יום-טוב-בלעטער" אין ניו-יאָרק און דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרן טיילווייז אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבן פון „מיניקעס יום-טוב-בלעטער", ווי אויך אין ניו-יאָרקער „גאָלדפאַדען-בוך" און דורך שלום פּערלמוטער אין „פאָרווערטס" פון 24 אַפּריל 1927.

אין „די וועלט" (1900,19) האָט ג. אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער באַרירט ענינים, וועלכע טראָגן אַ ביאָגראַפישן כאַראַקטער.

פון זעלבן כאַראַקטער איז אויך ג.'ס אַרטיקל „פון שמענדריק ביז „בן-עמי", געדרוקט דעם 29 מערץ 1907 אין „דער אַמעריקאַנער" און איבערגעדרוקט אין „אַרכיוו".

דעם 5 אַפּריל 1929 האָט שלום פּערלמוטער אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אין דער פילאַדעלפיער „די אידישע וועלט", א"נ „דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער", ג.'ס אויטאָביאָגראַפיע לויט זיין כתב-יד פון 4 העפטן. דאָס איז ג.'ס ערשטע אויספירלעכע אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע דערגרייכט ביז נאָך דער אויפפירונג פון „ברייַנדעלע קאָזאַק". צום סוף פון דער לעצטער פאָרטזעצונג (געדרוקט דעם 5 יולי 1929) באַמערקט פּערלמוטער: „דאָס בוך נומער 4 האָב איך נאָך ניט אינגאַנצן צוזאַמענגעשטעלט און איך מוז דערפאַר דאָ אונטערברעכן מיין סעריע. פון די ערשטע עטלעכע בלעטלעך, וואָס איך האָב נאָך מיט גאָלדפאַדענס כתב-יד, קאָן מען בלויז זען, אַז אין רומעניע איז ער שוין לאַנג ניט געבליבן און אין דעם יאָר 1878 [1879] איז ער געקומען אין אָדעס קאָנקורירן מיט ישראל ראָזענבערג, און ער האָט אָנגעהויבן זיין טעאַטער אין רוסלאַנד, אין אָדעס, מיט „ברייַנדעלע קאָזאַק" אין דעם יאָר 1878 [1879]".



דער מאַנוסקריפּט פון ג.'ס אויטאָביאָגראַפיע — אין באַזיץ פון שלום פּערלמוטער אין ניו־יאָרק

אַ חוץ לענגערע און קורצערע ביאָגראַפיעס אין דער פּעריאָדישער פּרעסע, אין לעקסיקאָנען און ענציקלאָפּעדיעס, אַ חוץ לידער געווידמעט ג., פיל אַרטיקלען און זכרונות וועגן אים אַלס דיכטער, רעדאַקטאָר, דראַמאַטורג און גרינדער פון יידישן טעאַטער, זיינען

אויך אַרויס ספּעציעלע ווערק וועגן ג.׳ס טעטיקייט אויפֿן פעלד פון דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער.

בערך 1877 אָדער 1878 איז אין רומעניע דערשינען אין יידיש די בראָשור „במת ישחק או גי־חזיון. סאַלאָן פּאָמאָ ווערדע", בקרת מאת הרואה אברהם הגרשוני לבני־קהת" [ג. אַבראַמסקי]. די בראָשור האַלט 30 ז. און איז אַ יקר־המציאות. די וויכטיקסטע שטעלן פון איר האָט נח פּרילוצקי ציטירט אין אַן אַרטיקל אין „בי־כער־וועלט" (וואַרשע, 3-4, 1923).

אין 1889 איז אין וואַרשע דערשינען אין העברעאיש „במת ישחק או משא גיא חזיון" (40 ז. 16°) פון יהושע מזח.

אין 1908 איז אין לאָנדאָן דערשינען י. פּערקאָפּס בראָשור „אברהם גאָלדפאַדען. מיינע מעמואַרען און זיינע בריעף" (30 ז. 16°, דאָפּל־שפּאַלטיק), וואָס אַנטהאַלט אויך אייניקע בילדער און גאָלדפאַדענס פאַקסימיליע. די בראָשור איז דערשינען באַלד נאָך ג.׳ס טויט און דער מחבר האָט די הכנסה פון דער בראָשור באַשטימט פאַר ג.׳ס אלמנה.

אין 1926 איז אין ניו־יאָרק דערשינען „גאָלדפאַדען־בוך, אַרויס־געגעבן פון דעם אידישן טעאַטער מוזיי ניו יאָרק" [104 ז. 16°], וואָס אַנטהאַלט, אַ חוץ 2 קורצע הקדמות, אייניקע אַרטיקלען וועגן ג., ג.׳ס בריוו צו שלום עליכם און צו א. ליכטענשטיין, אַן איבער־דרוק פון ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע [לויט מיניקעס יום־טוב בלעטער], אַ „גאָלדפאַדען־ביבליאָגראַפיע" [רשימה פון זיינע ביאָגראַפיעס, אויטאָביאָגראַפיעס, זכרונות, אַרטיקלען, ערשטע רעצענזיעס און קריטישע אָפּשאַצונגען וועגן ג. און זיין טעאַטער (228 נומערן)] ווי אויך אייניקע בילדער.

אין זעלבן יאָר איז אין מינסק דערשינען נ. אויסלענדערס און או. פינקעלס בוך „א. גאָלדפאַדן. מאַטעריאַלן פאַר אַ ביאָגראַפיע, אַרויסגעגעבן פון אינסטיטוט פאַר ווייסרוסלענדישער קולטור" [104 ז. 16°], וואָס אַנטהאַלט אויך אַ נייע רשימה פון 17 ביבליאָגראַפישע אָנווייזונגען.

אין „צייטשריפט" (1, 1926) האָט אורי פינקעל אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע אַרבעט א"נ „סאָציאַלע פיגורן אין א. גאָלדפאַדנס ערשטע ווערק".

אין „טעאַטער־בוך" (קיעוו, 1927) האָט י. דאָברושין פאַרעפנטלעכט אַ פּרוב פון אַן אַנאַליטישער אָפּהאַנדלונג א"נ „גאָלדפאַדן דער דראַמאַטורג".

אין זלמן זילבערצווייגס בוך „הינטערן פאָרהאַנג" (ווילנע, 1928) זיינען 117 זייטן, א"נ „די זכרונות פון יצחק ליבערסקאָ, דער איני־ציאַטאָר פון גאָלדפאַדענס טעאַטער", געווידמעט ג.׳ס בינע־טעטי־קייט אין רומעניע און אין רוסלאַנד.

פון ג.׳ס קאָמפּאָזיציעס זיינען דערשינען:

„אחשורוש", [15 נומערן], אַראַנזשירט דורך ה. א. רוסאָטאָ, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק, 1899.

„דיא צויבערין" [10 נומערן], אַראַנזשירט דורך ה. א. רוסאָטאָ, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק, 1900.

„עקידת יצחק" [25 נומערן], אַראַנזשירט דורך ה. א. רוסאָטאָ, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו יאָרק [אָן דרוק־יאָר].

„בר כוכבא" [20 נומערן], אַראַנזשירט דורך ה. א. רוסאָטאָ, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק, 1909.

„בר כוכבא" [17 נומערן], אַראַנזשירט דורך א. גאַרפינקעל, „ר. מאזין קאָמפּ.", לאָנדאָן.

„שולמית", [25 נומערן], אַראַנזשירט דורך ה. א. רוסאָטאָ, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק, 1911.

„שמענדריק" [6 נומערן], אַראַנזשירט דורך י. מ. רומשינסקי, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק, 1911.





„קוני לעמעל", [10 נומערן], אַראַנזשירט דורך י. מ. רומשינסקי, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק, 1911.

„מליץ יושר" [4 נומערן], אַראַנזשירט דורך רוסאָטאָ און פרידזעל, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק, 1921.

„גיהנום און גן־עדן" [1 נומער — דער קוואַרטעט פון „לא תחמוד"], אַראַנזשירט דורך ה. א. רוסאָטאָ, פערלאַג פאָן י. קאַצע־נעלבאָגען, ניו־יאָרק.

„השיבנו נאַזאַד" [פון „לא תחמוד"], אַראַנזשירט דורך י. י. קאַממען, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק.

„פּאַריאָמערט פאַרקלאָגט" [פון „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ"] אַראַנ־זשירט פון ה. רוסאָטאָ, „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק.

„יצר הרע" [פון „לא תחמוד"], אַראַנזשירט פון ה. רוסאַטאַ און י. י. קאַממען, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק.

„שטעה אויף מיין פאָלק", [פון „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ"], אַראַנ־זשירט פון ה׳ רוסאָטאָ, „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק.

„שופר של משיח", [פון „משיחס צייטן"] אַראַנזשירט פון י. מ. רומשיסקי, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק.

„דאָס בוימעלע" [פון „מליץ יושר"] אַראַנזשירט פון י. מ. רומ־שיסקי, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק.

„ניקאָליי׳ס מפּלה" פון סאַל סמאָל (שמולעוויטש), מוזיק פון א. גאָלדפאַדען [מאָטיוו פון „ראָזשינקעס און מאַנדלען"], אַראַנזשירט ביי ה. א. רוסאָטאָ, „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק.

„אַ טרעמפּ ביזטו, געה ווייטער, געה", ווערטער פון י. ריינגאָלד, מוזיק פון א. גאָלדפאַדען [מאָטיוו פון „פּאַריאָמערט, פאַרקלאָגט"], אַראַנזשירט פון י. מ. רומשינסקי, „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק.

ג.׳ס געדרוקטע פּיעסן אין יידיש:

[1] צוויי שכנות
[געדרוקט אין „דיא יודענע", 1869]

[2] די מוהמע סאָסיע
[געדרוקט אין „דיא יודענע", 1869]

[3] פּאַליע שכור
אַ טרינק־ליד פון אַ שניידערל פון וואָדעוויל „די וויבאָרעס פון גובערנסקן רב".
[פראַגמענט, געדרוקט אין „קול מבשר" נומער 44, 1871]

[4] אַנאָנימע קאָמעדיע אין 2 אַקטן,
וועלכע איז געשפּילט געוואָרן בערך 5-8 אָקטאָבער 1876 אין יאַסי
[סוזשעט אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע]

[5] די רעקרוטן
אָפּערעטע אין 3 אַקטן
[סוזשעט און פראַגמענטן געדרוקט אין ג.׳ס אויטאָביאָ־גראַפיע]

[6] דאָס בינטל האָלץ
וואָדעוויל מיט געזאַנג אין 1 אַקט.
[סוזשעט געדרוקט אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע]

[7] די אינטריגע
אָדער
דוואָסי די ספּלעטניצע
רעאַליסטישע דראַמע אין 5 אַקטן
[סוזשעט געדרוקט אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע]

[8] די באָבע מיט דעם איינעקיל
אָדער
באָנציע דיא קנייטלעכלייגערין

מעלאָדראַמע אין 3 אַקטען מיט געזאַנג, פערפאַסט פאָן
אברהם גאָלדפאַדען
(דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען און דיא דעקאָראַציאָנען צו
דער פּיעסע זענען צו זאַממענגעשטעלט פון דעם פערפאַסער)
הובא לבית הדפוס ע״י המדפיסים א. בוימריט-
טער וחתנו נ. גאנשאר אשר קנו הזכות מהמחבר.
ווארשא בדפוס בוימריטטער וחתנו גאנשאר רחוב ביע-
ליינסקע 16.
[אָן דרוק-יאָר. צענזורירט אין ווארשע 18 פעברואר 1891,
40 ז. 16°]
[ערשטע אויסגאַבע אין אָדעס 1879]

[8א] דרוק פון יעקב סאַפּירשטיין
139 דיוויזשאָן סטריט, (קענגאַיבער לודלאָוו סט.) ניו יאָרק
1893.
[געדרוקט פון די ווארשעווער מאַטריצן, בלויז אַן אנדער
שער-בלאַט]

[8ב] גאָלדפאַדענס טהעאטער מאגאזין
פערלאַג י. לידסקי, בוכהענדלער, ווארשא, נאַלעווקי 32
ווארשא תרס״ה [1905], דרוק ש. ב. לאַנדא.

[9] שמענדריק
קאָמעדיע אין דריי אַקטען מיט געזאַנג און טענצע
הערויסגעבער: יצחק ליבערסקאַ אין יאַסי און ע. מ.
ווערבעל אין אָדעס.
אָדעס 1879, 40 ז.

[9א] ווארשע, ביי י. ליבערמאַן, 1890.

[9ב] גאָלדפאַדענ'ס יודישעס טהעאטער
שמענדריג
אָדער
די קאָמישע חתונה
אַ קאָמעדיע אין דרייא אַקטען
פערפאַסט פון א. גאָלדפאַדען
(דיא מוזיק, די קאָסטיומען און דיא דעקאָראַציאָנען צו
דער פּיעסע זענען צוזאַמענגעשטעלט פון דעם פערפאַסער)
ווארשא תרס'ז [1907]
פערלאַג און אייגענטהום פון ליב מאַרגענשטערן בוכהאַנד-
לונג אין ווארשא. פראַנציסקאַנער שטראַססע נומ. 26.
[40 ז. 16°, מיט אַ בילד ווי „מעפירט שמענדריג צו דער
חופּה"]

[9ג] דיא קאָמישע חתונה פאָן שמענדריק מיט דיא כלה
אין דרייא אַקטען.
צו שמענדרק מוט דו כלה לויפט קוינעם אלו
וועט אור האָבון אַ שיינום אונטר האלט
וועט עטץ זעהן וואָס מוט אוז געשעהן באַלד
מען האָט דו כלה פאַר בוטען.
אונטער דו חופּה אונ מוטען
עס איז איין פארגנוגען פאַר דיא וועלט
איהר וועט דם קענון קויפן פאַר אַ שפּאָט געלד:
[נאָמען פון מחבר ניט אנגעגעבן. געדרוקט צוזאַמען מיט
ג.'ס איינאַקטער „דער קאַטער" און אַ קאָמעדיע אין 3
אַקטן „ליד פון פּייטעל נאַר מיט נאַטקי גנב" [פון ?],
30 ז. 32°. אויף דייטש אַנגעגעבן: דרוק און פערלאַג פון
ב. ל. נעבעלעס, לעמבערג 1875 [?] ]

[10] דיא קאַפּריזנע כלה-מויד
אָדער
קבצנזאָהן עט הונגערמאַן
מעלאָדראַממא אין 4 אַקטען אונ אין 5 בילדער פערפאַסט
פאָן אברהם גאָלדפאַדען
(דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען אונ דיא דעקאָראַציאָנען צו
דער פּיעסע זעננען צוזאַממענגעשטעלט פון דעם פער-
פאַסער).
הובא לבית הדפוס ע״י המדפיסים א. בוימריטטער וחתנו
נ. גאנשאר ושותפו ר' אהרן גאזלאַווסקי, מא״סם אשר קנו
הזכות מהמחבר.
ווארשא בדפוס בוימריטטער וחתנו גאנשאר
רחוב בעליינסקע 16
שנת תרמ״ח לפ״ק [1887]
[46 ז. 16°]

[10א] דרוק פון יעקב סאַפּירשטיין
139 דיוויזשאָן סטריט, (געגענאיבער לודלאָוו סט.)
ניו יאָרק 1893
[געדרוקט פון די ווארשעווער מאַטריצן מיט אַ נייעם
שער-בלאַט און אַ צייכנונג]

[10ב] גאָלדפאַדענס טהעאטער מאַגאזין.
קבצנזאָהן עט הונגערמאַן
[א. א. וו.].
פערלאַג י. לידסקי, בוכהענדלער, ווארשא נאַלעווקי 32
ווארשא תרס״ה [1905].

[10ג] פאַרלאַג פ. קאַנטאָראָוויטש, ווארשע, 1922.
מאַריאַנסקאַ 2

[11] די שטומע כלה
שווישפּיל אין 3 אַקטן מיט געזאַנג
[סוזשעט געדרוקט אין ג.'ס אויטאָביאָגראַפיע]

[12] דער לעבעדיקער מת
[וואָדעוויל אין 1 אַקט]
[סוזשעט געדרוקט אין „שריפטן", קיעוו, 1928, ערשטער
באַנד, ז. 342]

[13] איקס, מיקס, דריקס
פאַרס אין 2 אַקטן
[סוזשעט געדרוקט אין ג.'ס אויטאָביאָגראַפיע]

[14] דער קאַטער
איין לוסט שפּיל אין איין אַקט
[געדרוקט אַנאָנים צוזאַמען מיט „דיא קאָמישע חתונה
פאָן שמענדריג מיט דיא כלה. לעמבערג 1875 [?]

[15] ברײַנדעלע קאָזאַק
טרויים-בילד אין 4 אַקטן מיט פּראָלאָג און עפּילאָג
[סוזשעט און אייניקע דיאַלאָגן געדרוקט אין ג.'ס אויטאָ-
ביאָגראַפיע]

[16] דיא כישופמאַכערין (צויבערין)
אָפּערעטע אין 5 אַקטען אונ אין 8 בילדער
פערפאַסט פאָן אברהם גאָלדפאַדען
(דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען אונ דיא דעקאָראַציאָנען צו
דער פּיעסע זעננען צוזאַמענגעשטעלט פון דעם פערפאַסער)
הובא לבית הדפוס ע״י המדפיסים א. בוימריטטער וחתנו
נ. גאנשאר, ושותפו ה' אהרן קאָזלאָווסקי מא״סם, אשר קנו
הזכות מהמחבר
ווארשא [אָן דרוק-יאָר, 64 ז. 16°]
[ערשטע אויפלאַגע 1887]

[16א] דיא כשופמאַכערין
אַ טהעאטער שטיק פון א. גאָלדפאַדען
פּרייז 10 סענט

דרוק אונד פארלאג פון
דיא היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני,
83-85-87 קאנאל סט., ניו יאָרק
[אָן דרוק-יאָר. באמת נאָר אַ ניי שער-בלאַט,און טעקסט איבערגעדרוקט פון די וואַרשעווער מאַטריצן]

[16ב] דיא כישופמאַכערין (צויבערין)
פאַרלאַג פּ. קאַנטאָראָוויטש, וואַרשא 1922 מאַריאַנסקא 2

[17] דער ליגנער
אָדער
טודרוס בלאָז
קאָמישע אָפּערעטע אין 4 אַקטען פון א. גאָלדפאַדען
פערלאַג פון אמקרויט עט פריינד, בוכהאַנדלונג, פּשעמישל.
[60 ז. °16. אויף דער הילע אָנגעגעבן 1911. ערשטע אויסגאַבע וואַרשיינלעך פריער]

[18] דער פאַנאַטיק
אָדער
דיאביידע קני-לעמיל
אָפּערעטע אין 4 אַקטען און 8 בילדער
[ערשטע אויסגאַבע, וואַרשע 1887]

[18א] גאָלדפאַדענ'ס יודישעס טהעאַטער
די צוויי קוני-לעמעלעס
היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני ניו יאָרק.
[דרוק-יאָר ניט אָנגעגעבן, באמת נאָר אן איבערדרוק פון וואַרשעווער מאַטריצן, מיט אַ צייכנונג אויף דער הילע]

[18ב] אברהם גאָלדפאַדען
[אויסגעקראַצט: דער פאַנאַטיקער]
אָדער
דיא ביידע קי-לעמיל
פארלאג פּ. קאנטאראוויטש ווארשע 1922
מאַריאַנסקא 2

[19] שולמית
אָדער
בת ירושלים
איינע מוזיקאַלישע מעלאָדראממא אין פערזען און אין 4 אַקטען און 15 בילדער.
פערפאַסט פאָן אברהם גאָלדפאַדען.
[דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען און דיא דעקאָראַציאָנען צוא דער פּיעסע זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון דעם פערפאַססער]
דרוק און פערלאג פון ר. מאַזין ענד קאָמפּ. ווייטשעפּעל, לאָנדאָן [1902. ערשטע אויסגאַבע וואַרשע 1886 אין אַן אַנדערן פאַרלאַג]
פרייז מיט די נאָטען 4 שילינג.
[62 ז. °16]

[19א] [איבערגעדרוקט אין היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני, 50-52 עלדריטש סט. ניו-יאָרק. אָן דרוק-יאָר]

[19ב] [איבערגעדרוקט אין וואַרשע 1922, פאַרלאַג פּ. קאַנטאָראָוויטש]

[19ג] א. גאָלדפאַדען
שולמית
אָדער
בת ירושלים
בעארבייט פון ז. האבער.
מיט ווידערגאבע פון די וויכטיגסטע לידער
פערלאג „פאַמיליענבלאַט“ נאדבורנא 1911

קליינער טעאַטער-פיהרער נומער 1
פרייז 12 ה', 10 פּפּ' [32 ז. °32]

[20] דאָקטאָר אלמאסאדא
אָדער
דיא יודען אין פּאַלערמאָ
היסטאָרישע אָפּערעטא אין 5 אַקטען אונ אין 11 בילדער בעאַרבייטעט נאָך איינעם דייטשען ראָמאַן פאָן אברהם גאָלדפאַדען
(דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען אונ דיא דעקאָראַציאָנען צו דער פּיעסע זעננען צוזאַמענגעשטעלט פון דעם פערפאַסער)
הובא לבית הדפוס ע״י המדפיסים א. בוימריטטער והתנו נ. גאנשאר, ושותפו ה' אהרן קאָזלאָווסקי מא״סמ אשר קנו הזכות מהמחבר.
ווארשא בדפוס בוימריטטער והתנו גאנשאר רחוב ביעליינסקע 16 שנת תרמ״ח לפ״ק [1887]
[62 ז. °16]

[20א] דרוק פון יעקב סאפּירשטיין 139 דיוויזשאָן סטריט, (גענעאיבער לודלאָוו סט.) ניו יאָרק 1893
[איבערגעדרוקט פון די וואַרשעווער מאַטריצן, נאָר מיט אַ ניי שער-בלאַט]

[20ב] גאָלדפאַדענס טהעאטער מאגאזין
פערלאג י. לידסקי, בוכהענדלער, ווארשא תרס״ה [1905]
דרוק ש. ב. לאנדא, נאַלעווקי 38.

[21] בר-כוכבא (דער זוהן פון דעם שטערן)
אָדער
דיא לעצטע טעג פון ירושלים
אַ מוזיקאַלישע מעלאָדראמא אין ריימען, אין 4 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג, אין 14 בילדער
פערפאַסט פון א. גאָלדפאַדען.
(בעאַרבייטעט נאָך פיעלע היסטאָרישע קוועלען)
[ערשטע אויסגאַבע, געדרוקט אין וואַרשע 1887]

[21א] פרייז 10 סענט.
דרוק אונד פערלאג פון דיא היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני, 122-128 לעאָנאַרד סט., ברוקלין, ניו יאָרק
[קיין דרוק-יאָר. 80 ז. °16]

[21ב] בר-כוכבא
אַ מוזיקאַלישע מעלאָדראמא אין 4 אַקטען און אַ פּראָלאָג מיט 14 בילדער פון אברהם גאָלדפאַדען, מיט דעם בילד פונ'ם פערפאַסער. פרייז 35 קאָפּ. פערלאג פון דוד ראָטה בוכהאַנדלונג, לעמבערג. תרס״ט [1909]
דרוק פון א. סאלאט, [80 ז. °16]

[21ג] א. גאָלדפאַדען.
בר כוכבא
מוזיקאַלישע מעלאָדראמע אין 4 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג
פאַרלאַג „מוזיק“ וואַרשע 1928
פרייז 1.50 גר.
[70 ז. °16, געדרוקט אין אונזער אָרטאָגראַפיע]

[21ד] א. גאָלדפאַדען
בר-כוכבא
בעארבייט פון נ. ראטשפּרעכער.
מיט ווידערגאבע פון די וויכטיגסטע לידער
קליינער טעאַטער-פיהרער, נומר 2
פערלאג „פאַמיליענבלאט“, נאדבורנא, 1911.
פרייז 12 ה', 10 פ'פ.

[35 ז. 32°]

[22] טהעאַטער פאָן קעניג אחשורוש
אָדער
קעניגין אסתר
ביבלישע אָפּערעטע אין 5 אַקטען און 15 בילדער
[ערשטע אויסגאַבע לעמבערג 1890, פערלאַג נעבעלעס]

[22א] א. גאָלדפאַדענ׳ס טהעאַטערשטיקע
קעניג אחשורוש
ביבלישע אָפּפערעטע אין 5 אַקטען און 15 בילדערן פאָן
א. גאָלדפאַדען
קראקא, תר״ס [1900] דרוק אונד פערלאַג פאָן יוסף פישער
(גראַדנגאַססע 62)

[22ב] קעניג אחשורוש
אָדער
קעניגין אסתר
ביבלישע אָפּערעטע אין 5 אַקטען אונד 15 בילדער
פון א. גאָלדפאַדען
פערלאַג פון ב. ראַבינאָוויץ
398 גרענד סטריט, ניו יאָרק
[48 ז. 16°, דרוק-יאָר?]

[22ג] פערלאַג פון דיא היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני ניו יאָרק
פרייז 10 סענט. [אָן דרוק-יאָר]

[23] דאָס צעהנטע געבאָט
„לא תחמוד“
קאָממישע אָפּפערעטא (צויבערמערכען) אין 5 אַקטען 10
פערוואַנדלונגען און 28 בילדערן
אָריגינאַל פערפאַסט פאָן אברהם גאָלדפאַדען.
(מוזיק, דעקאָראַציאָנען, קאָסטיומע, אַראַנזשירט פאָם
פערפאַססער)
צום ערשטען מאָל אויפגעפירט אויף דער ביהנע, אונטער
דער פערזענליכען לייטונג דעם אויטארס, אין ניו יאָרק
[אויפן דרויסיקן שער-בלאַט: א. גאָלדפאַדען׳ס טהעאַטער-
דער פערזענליכען לייטונג אונ פערבעססערט מיט פיעלע
ליעדער, אין לעמבערג 1891
קראקא תרנ״ז [1898, 76 ז. 16°]
בדפוסו של יוסף פישער (גראַדנגאַססע נו׳ 62)
[אויפן דרויסיק שער-בלאַט: א. גאָלדפאַדען׳ס טהעאַטער-
שטיקע.]

[23א] א. גאָלדפאַדענ׳ס טהעאַטרשטיקע
[טעקסט ווי אויבן]
קראקא, תרס״ב [1902]

[24] רבי יאָזעלמאַנן
אָדער
דיא גזירות פין עלזאַס
היסטאָרישע אָפּער אין פינף אַקטען אין דרייא אונ צוואַנ-
ציג בילדער פערפאַסט פאָן אברהם גאָלדפאַדען.
(מוזיק, קאָסטימע, דעקאָראַציאָנען, צוזאַמענגעשטעלט פאָם
פערפאַסער)
צום ערשטען מאָל אויפגעפירט אויף דער יודישען ביהנע
אין לעמבערג 14 יענער 1891
פרייז דרייסיג קרייצער
דרוק אונד פערלאַג פאָן צבי הירש נעבעלעס אין לעמבערג.
Nachdruk Verboten Lemberg 1892
[68 ז. 16°]





[24א] מליץ יושר
אָדער
רבי יאָזעלמאַנן
אַ היסטאָרישע אָפּערא פון דיא גזירות פון עלזאַס אין 5
אַקטען און 23 בילדער
פערפאַסט פון א. גאָלדפאַדען
פערלאַג פון ב. ראַבינאָוויטש, 398 גרענד סטריט, ניו יאָרק
1900
[72 ז. 16°]

[24ב] היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני, 83-85-87 קאַנאַל סטר. ניו יאָרק
[אָן דרוק-יאָר]

[25] א. גאָלדפאַדענ׳ס טהעאַטער שטיקע.
„משיח׳ס צייטען?!“
עפּאָכען-בילדער דער רוססישען יודען.
אַלס שוישפּיל מיט געזאַנג און טענצע אין 6 אַקטען,
4 פערוואַנדלונגען און 30 בילדערן
אָריגינאַל פערפאַסט פאָן אברהם גאָלדפאַדען.
(געשריבען און אויפגעפיהרט אונטער דער פערזענליכען
לייטונג דעם אויטאָרס אין לעמבערג (גאַליציען) אים
יאהרע 1891 דען 15 דעצעמבער. צום צווייטען מאָל אויפ-
געפיהרט אויף דער ביהנע אין בוקאַרעסט (רומאניען) אים
יאָהרע 1893, פערבעססערט מיט געזענגע, ליעדער אונד
טאַנצע אונטער דער פערזאָנליכען לייטונג דעם אויטאָרס)
קראקא תר״ס [1900] [100 ז. 16°]
דרוק אונד פערלאַג פאָן יוסף פישער (גראַדנגאַססע נו. 62)

[26] א. גאָלדפאַדענ׳ס טהעאַטער שטיקע
עקדת יצחק
או
מהפכת סדם ועמרה
ביבלישע אָפּערעטטא אין 4 אַקטען אונ 40 בילדערן
אָריגינאַל פערפאַסט פאָן א. גאָלדפאַדען
קראַקא, תרנ״ז [1897]
דרוק אונד פערלאַג פאָן יוסף פישער (גראַדנגאַססע נו׳ 62)
[70 ז. 16°]

[26ג] [וואַרשעווער אויסגאַבע]
אין העברעאיש:

[1] הקנאי
או
שני יקטן-יקשן
מחזה צחוק (אופוריתה) בארבעה מעשים
חבר אברהם גולדפדן בלשון יהודית אשכנזית בשם
דיאביידע קאנע-לעמעל.
מתרגם עברית ע״י מר-דרור
ירושלים בדפוס מערכת „הצבי“
בהוצאות בן ציון טאראגאן וש׳ ישראל שריזלי
[72 ז. 24°. דרוק-יאָר ניט אָנגעגעבן]

[2] א. גולדפדן
שולמית
חזיון מימי קדם
תרגם יעקב לרנר
הוצאת פ. קנטורוביץ
ורשה מרינסקה 2
ורשה 1921 [70 ז. 16°. פאַראַן פריערדיקע אויסגאַבן. די

איבערזעצונג האָט זיך מיט יאָרן פריער געדרוקט אין אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע]

[3] דוד במלחמה
חזיון — יסודתו בדברי הימים לישראל
במערכה אחת וחמשה מחזות בשירים ומחולות
מאת
אברהם בן חיים ליפּא גאָלדפאַדען
[געדרוקט אין „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַ-טער און דראַמע“, ווילנע, ניו יאָרק 1930, זז. 293-98]

---


מ. ע. פון שלום פּערלמוטער, סאָול וואַלערשטיין, זיגמונד וויינטרויב, דוד הירש און אַדאָלף שטיין.

ש. ע. פון יעקב מעסטעל, קאַרל זילבערמאַן און פּנחס טאַנצמאַן.

ב. גאַרין — „געש. איד. טעאַט.“ I, זז. 147-256; II, זז. 52-60, 145-151, 182-184, 223.

אברהם גאָלדפאַדען — אַ בריעף אין רעדאַקציע, „דער פאָלקס־אַדוואָקאַט“ נ. י., 9, 1888.

ישראל בן עולם — [ענטפער], „דער פאָלקס אַדוואָקאַט“, נ. י. 11, 1888.

Felix Adler—Eine Jüdische Original Oper, “Die Welt”, 30, 1899.

Abraham Goldfaden—Die Music meiner Jüdischen Singspiele, “Die Welt”, 19, 1900.

ר. א. ב. [ראובן אשר ברודעס] — אברהם גאָלדפאַדען, „דיא וועלט“, 28, 1900.

בריוו פון דר. דאַנציגער צו באָרים טאָמאַשעווסקי, „דער טהעאַטער זשורנאַל“, נ. י., 2,־1901.

ש. ז. ציפקין — „בשרה“, ניו־יאָרק, סוכות תר"ע.

דוד פרישמאַן — „אַלע ווערק“, ווארשא, פערלאג „צענטראל“, 3טער באַנד, ז. 75.

Hutchins Hapgood—“The Spirit of the Ghetto”, New York, Funk & Waghalls Comp., 1909, pp. 113—176.

ב. גאָרין — דער יודישער טעאַטער אין אַמעריקע, „די יודישע וועלט“, ווילנע, 5, 1913.

ב. באָרוכאָוו — דאָס אידישע טהעאַטער פאַר גאָלדפאַדענ'ס צייטען, „דיא וואַרהייט“, נ. י. 14 נאָוו. 1915.

באָרים טאָמאַשעווסקי — [זכרונות], „פאָרוו.“, נ. י. 13 מאַי 1917.

דייוויד קעסלער — גאָלדפאַדען, לערנער, שייקעוויטש, „דער טאָג“, נ. י., 21 יאַנואַר 1917.

דייוויד קעסלער — אַ קלאַפּ דעם אידישען טהעאַטער, „דער טאָג“, נ. י. 4 פעברואַר 1917.

יעקב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „די וואַרהייט“, נ. י., 4, 7, 18, 29 יאַנואַר, 1, 28 פעברואַר, 29 סעפּט., 15, 22 דעצעמבער 1917, 5, 12 יאַנואַר, 2 16 פעברואַר, 9, 16, 23, 30 מערץ, 6 אַפּריל, 2 יולי 1918.

ב. באָטווינִיק — די אָרימע שעהנע „שולמית“, „פאָרוו.“, נ. י. 5 נאָוו. 1920.

M. Kaufman — Ab. Goldfaden der Begrün'ler der Yüdischen Theater-Singspiele, “Neu Zeitschrift Für Music”, 14, 1920.

משה בראָדערזאָן — בײדע קוני לעמלעך, „טעאַטער און קינאָ“, לאָדזש, 1, 1922.

משה טייטש — גאָלדפאַדן אויף אַ נייעם שטייגער, „טא"ק“, לאָדזש, 5 1923.

הלל ראָגאָף — די צוויי „קוני לעמעלס“ אין שוואַרקס קונסט טהעאַ-טער, „פאָרוו.“, נ. י. 9 פעברואַר, 1924.

ל. דרייקורס — בריוו פון גאַליציע, „ליט"בלט“, וואַרשע, 29 (21 נאָוו. 1924).

אַלטער קאַציזנע“ — די באָבע־יאַכנע גאָלדפאַדנס אין טעאַטער „צענט-ראַל“, „ליט"בלט“, וואַרשע, 33, 1924.

דר. נ. סירקין — די צוויי קוני לעמעלס, "דער טאָג“, נ. י. 1 פעברואַר 1924.







אב. קאַהאַן — מאַלי פּיקאָן אַלס „שמענדריק“, „פאָרוו.“, נ. י. 13 נאָוו., 1924.

נ. בוכוואַלד — גאָלדפאַדענ'ס אַ שפּיל מאָדערניזירט, „פרייהייט“, נ. י. 1 פעברואַר 1924.

נ. ב. לינדער — מאַלי פּיקאָן אַלס „שמענדריק“, „טאָג“, נ. י., 21 נאָוו. 1924.

שכנא עפּשטיין — דער וועג פונ'ם נייעם טעאַטער, „פרייהייט“, נ. י. 9 פעברואַר, 1924.

ל. ס. ביעלי — „די צוויי קוני לעמעלס אין שוואַרקס קונסט טעאַ-טער, „יוד"טגבל“, נ. י., 1 פעברואַר 1924.

דר. א. מ., — „די צוויי קוני לעמעלס“ אין קונסט טעאַטער, „מא"זש“, 25 יאַנואַר 1924.

אברהם פישזאָן — 50 יאָהר אידיש טעאַטער, „מא"זש“, נ. י., 19 דעצ. 1924.

נ. בוכוואַלד — „שמענדריק“ קאָנקורירט מיט מאַלי פּיקאָן, „פרייהייט“ 28 נאָוו. 1924.

דר. ש. מ. מלמד — „תחית המתים“ פון פאַרצייטיקער אָפּערעטע — לעבהאַפט און פאַרבענדיג, „די נייע וואַרהייט“, נ. י. 16 מערץ 1925.
„גאָלדפאַדען־בוך“, נ. י. 1926.

נ. אויסלענדער — או. פינקעל — „א. גאָלדפאַדען“. מינסק, 1926.

א. ר. מלאכי — גאָלדפאַדען אַלס רעדאַקטאָר, „אונדזער בוך“, נ. י. 1, 1926.

אב. קאַהאַן — די ערשטע פּיעסע אין שוואַרץ'עס נייעם טעאַטער, „פאָרוו.“ 19 נאָוו. 1926.

נ. בוכוואַלד — ווי לאַנג וועט מען דולדען קאַהאַן דעם קריטיקער? „פרייהייט“, נ. י. 25 נאָוו. 1926.

יעקב באָטאשאנסקי — „נאָך דער פאָרשטעלונג“, בוענאָס־איירעס, 1926, ז. 86.

ב. באָטווינִיק — מכח די אויפפיהרונג פון גאָלדפאַדענ'ס „לא תחמוד“ אין שוואַרקס קונסט טעאַטער, „דער וועקער“, נ. י. 18 דעצ. 1926.

נ. בוכוואַלד — פון גאָלדפאַדן ביז גאָלדפאַדן, „דער האַמער“, נ. י. מאַי 1926.

גאָלדפאַדען־נומער פון „ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע, 95, 1926.

א. גורשטיין — צו דער סצענישער געשיכטע פון דער „כישופמאַכערין“, „ליט"בלט“, 96 (5 מערץ 1926).

א. גורשטיין — צו א. גאָלדפאַדען־פאָרשונג, „ליט"בלט“, 109, 1926.

א. גורשטיין —אַ פראַנצויזישער רייזענדער וועגן גאָלדפאַדנס טעאַ-טער, „ליט"בלט“, 120. (20 אויגוסט 1926).

ל. דושמאַן — מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, „אָקטיאַבר“, מינסק, 5 נאָיאַבר, 1926.

א. גורשטיין — גאָלדפאַדען אין מאָסקווע, „דער עמעס“, 6 יאַנואַר 1926.

ב. קארלינִיוס — טעאַטער־נאָטיצען, „מאָמענט“, וואַרשע, 22 אָקט. 1926.

נחמן מייזיל — גאָלדפאַדנס „דאָס צענטע געבאָט“ אין קאַמינסקים טעאַטער, „ליט"בלט“, 130, 1926.

אסתר רחל קאַמינסקי — [זכרונות], „דער מאָמענט“, וואַרשע, 23 יולי 1926.

י. דאָברושין — גאָלדפאַדן און גראַנאָווסקי, „דער האַמער“, נ. י. דעצ. 1926.

י. רימיניק — די ערשטע פינף יאָר אידישער טעאַטער אין אָדעס, „די רויטע וועלט“, כאַרקאָוו, 12, 1926.

ש. י. דאָרפזאָן — „שולמית“ אויף דער אונגאַרישער בינע, „פאַריזער בלעטער“, פאַריז, 123, 1926.

דר. י. קריטיקוס — גאָלדפאַדענ'ס „דאָס צענטע געבאָט“ אין מאָרים שוואַרץ קונסט־טעאַטער, „דער אַמעריקאַנער“, נ. י. 26 נאָוועמבער 1926.

אב. קאַהאַן — „בלעטער פון מיין לעבען“, נ. י. 1926, II זז., 389-91, 378.

מיכאל וויכערט, „טעאַטער און דראַמע“, וואַרשע, 1926, II, זז. 59-56.

י. קאַנטאָר — דער אידישער מעלוכע־טעאַטר פון אוקראַאינע, „די רוי-טע וועלט“, 8-7, 1926.

ה. —טש — ביבליאָגראַפיע, „די רויטע וועלט“, 11, 1926.

דר. יעקב שאַצקי — גאָלדפאַדען און דער מאָדערנער אידישער טעאַ-טער, „זאַמעלבוך צום חנוכת הבית פון אידישן קונסט־טעאַטער“, נ. י. 1926.

[—] — לא תחמוד (אַמאָל און היינט), דאָרט.

ב. אַראָנסאָן — די פּלאַסטישע אויפגאַבע פון „לא תחמוד“, דאָרט.

Maximilian Hurwitz — “The Tenth Commandment” by Abraham Goldfaden,

דאָרט.

מ. וו. — אברהם גאָלדפאַדן, „אַרבעטער־לוח“, וואַרשע, 1926, זז. 164-171.

אורי פינקעל — סאָציאַלע פיגורן אין א. גאָלדפאַדנס ערשטע ווערק, „צייטשריפט“, מינסק, 1, זז. 87-104.

ג. זעליקאָוויץ — האָבען די אידען אַמאָל געהאַט אַ דראַמאַ ?, „יוד“טבל“, ב. י. 29 יאַנואַר 1926 .

מיכאַאיל יאַ— — גאָלדפאַדענס ירושה, „פרימאָרגן“, ריגע, 19 מערץ 1926.

דר. א. מוקדוני — אברהם גאָלדפאַדען, „מאָ“זש“, נ. י. 22 יאַנואַר, 1926.

נחמן מייזיל — אברהם גאָלדפאַדען, „היינט“, וואַרשע, 12 מערץ 1926.

שלום פּערלמוטער — צום אַכצענטען יאָהרצייט פון אברהם גאָלדפאַדען, „טאָג“, נ. י. 22 יאַנואַר 1926.

א. פרי — דער טאַטע פון יודישן טעאַטער אברהם גאָלדפאַדען, „קונסט און לעבן“, 1, 1926.

א. ג. קאָמפּאַנעיעץ — גאָלדפאַדען און יעקב אַדלער, „או“וואָרט“, בוקאַרעסט, 27, 1926.

י. קירשענבוים — אברהם גאָלדפאַדען צו זיין 18טען יאָהרצייט און צום 50 יעהריגען יובילעאום פון אידישען טהעאַטער, „דער אַמעריקאַנער“, ב. י. 22 יאַנואַר 1926.

י. קירשענבוים — צום אָנדענקען פון אברהם גאָלדפאַדען, „ייד“פאָלק“ נ. י. 4, 1926.

REP — גראַנדיעזער גאָלדפאַדען מיטינג אין בוקאַרעשט, „או“וועג“, בוקאַרעסט, 2, 1926.

דר. י. שאַצקי — אברהם גאָלדפאַדען און זיין טעאַטער, „צוקונפט“, 3, 1926.

יעקב שטערנבערג — די וויג פון יידישן טעאַטער אין רומעניע, „או“וואָרט“, בוקאַרעסט, 23, 1926.

איפסילאָן — שולמית, „אַפריקאַנער“, 38, 1926.

נ. בוכוואַלד — ביי אַ פּראָבע־פאַרשטעלונג פון „לא תחמוד“ אין אידישן קונסט טעאַטער, „פרייהייט“ נ. י. 19 נאָוועמבער 1926.

נ. בוכוואַלד — די גרויסע דערגרייכונג אין אידישן קונסט טעאַטער, „פרייהייט“, נ. י. 24 נאָוו. 1926.

א. גלאַנץ — „לא תחמוד“, „דער טאָג“, נ. י. 19 נאָוועמבער 1926.

א טעאַטראַל — „דאָס צענטע געבאָט“ אין וואַרשעווער יידישן קונסט־טעאַטער, „פ“צט“, וואַרשע, 22 אָקט. 1926.

טעטריקאָן — די ערשטע פּרעמיערע אין נייעם יודישען קונסט־טעאַטער, „וואַרש“עקס“, 22 אָקט. 1926.

י. ט. — ביידע קונע לעמעל, „שעדלעצער וואָכנבלאַט“, 15, 1926.

ישראל דער יענקי — „דאָס צעהנטע געבאָט“, שוואַרץ'ס „בעאַרבייטונג“ און נייע אויפפיהרונג פון גאָלדפאַדענס שטיק, „ייד“טבל“, נ. י., 28 נאָוו. 1926.

ב. סמאָליאַר — ווי אַזוי גאָלדפאַדענס „לא תחמוד“ ווערט אויפגעפירט אין שוואַרצעס קונסט טעאַטער, „ייד“וועלט“, 26 נאָוו. 1926.

אַלטער עפּשטיין — „לא תחמוד“, „פאַרן פאָלק“, נ. י. 16, 1926.

פּאָמפּאַדור — „דאָס צענטע געבאָט“, „קונדס“, נ. י. 48, 1926.

מ. קאַטץ — די אויפפיהרונג פון „די צוויי קוני־לעמעלס“ לכבוד אַ האַלבען יאָהרהונדערט אידיש טעאַטער; „ייד“וועלט“, פילאַדעלפיע, 6 אָקט. 1926.

ה. מ. קירשענבוים — גאָלדפאַדענס אָפּערעטע אין סטענדערד טעאַטער, „יידישער זשורנאַל“, טאָראָנטאָ, 23 נאָוו. 1926.

ל. קעסנער — „לא תחמוד“ אָדער „דאָס 10טע געבאָט“, „ייד“טבל“, 19 דעצ. 1926.

ל. קרישטאָל — דאָס צענטע געבאָט אין אידישן קונסט טעאַטער, „פרייע אַרב. שטימע“, 9, 1926.

דר. י. שאַצקי — גאָלדפאַדענס „לא תחמוד“ אין אידישן קונסט־טעאַטער, „אויפגאַנג“, נ. י. 6, 1926.

ש. ניגער — די ליעדער פון אברהם גאָלדפאַדען, „צוקונפט“, 3, 1926. „טעאַטער־בוך“, קיעוו, 1927.

משה שטאַרקמאַן — גאָלדפאַדן און שמ“ר, „פנקס“, נ. י. 1927, זז. 158-161.

יעקב דינעזאָן — „זכרונות און בילדער“, וואַרשע, זז. 34-211.

ר. גראַנאָווסקי — יצחק יואל לינעצקי, „פנקס“, נ. י. 1927, זז. 149-50.

ש. פּערלמוטער — ווי אַזוי גאָלדפאַדען האָט געגרינדעט דעם אידישען טעאַטער, „פאָרווערטס“, נ. י. 24 אַפּריל 1927.

קלמן מרמר — צווישן ביכער און זשורנאַלן, „פרייהייט“, נ. י. 26 אַפּריל 1927.

נאָטע זארין — דאָס טעאַטער און חזנות, „טעאַטער און קונסט“, נ. י. 1927, ז. 37.

דר. יעקב שאַצקי — אברהם גאָלדפאַדען און דאָס אידישע טעאַטער, דאָרט.

ש. י. דאָרפזאָן — אברהם גאָלדפאַדען אין רומעניען, „יודיש טעאַטער“, ווין, 1, 1927.

מענדל נייגרעשל — „גאָלדפאַדן־בוך“, דאָרט.

דוב זאַוואַצקי — יודישע אָפּערעטען־מוזיק, דאָרט.

משה שטאַרקמאַן — „בן עמי“ — גאָלדפאַדענס לעצטע שאַפונג, „ליטבלט“ וואַרשע, 33, 1927.

ז. קוטלר — דר. אבא ה. סילוור, „דואר היום“, ירושלים 29 יולי, 1927.

שאול ראַסקין — ב. אַראָנסאָנ'ס דעקאָראַציעס צו „דאָס צענטע געבאָט“, „טעאַטער און קונסט“, נ. י. 1927.

נ. פראַנק — א. גאלדפאַדען אין פּאַריז, „פּאַריזער הײנט“, 22 אַפּריל 1927.

ש. ניעפּאָמניאַשטשי — גאָלדפאַדען אין בוקאַרעסט, „צייטשריפט“, מינסק, 1928, II-III, זז. 779-84.

זלמן זילבערצווייג — דער „אני מאמין“ פון אברהם גאָלדפאַדען, „טעאַט“צט“, וואַרשע, 3, 1928.

י. רימיניק — די ערשטע טריט פונם אידישן טעאַטער, „דער האַמער“, נ. י., פעברואַר, אַפּריל 1928.

י. רימיניק — צו דער געשיכטע פון גאָלדפאַדנס „מומע סאָסיע“, „שריפטן“, קיעוו, 1928, 1טער באַנד, זז. 337-43.

דר. יעקב שאַצקי — רעצענזיעס, „פנקס“, נ. י. 1928, ז. 394.

א. פרומקין — די פיער פעריאָדען פון דער אידישער אָפּערעטע, „מאָ“זש“ נ. י. 13 אַפּריל, 1928.

משה שאַליט — בלעטערנדיק, „ליט־בלט“, וואַרשע, 10, 1928.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג“ [„די זכרונות פון יצחק ליברעסקאָ, דער איניציאַטאָר פון גאָלדפאַדנס טעאַטער“], ווילנע, 1928.

שלום פּערלמוטער — אידישע דראַמאַטורגען, „די אידישע וועלט“, קליוולאַנד, 21 נאָוו. 1928.

ק. מרמר — אברהם גאָלדפאַדען, „פרייהייט“, נ. י. 9, 10 יאַנואַר, 1928.

נחמן מייזיל — אברהם גאָלדפאַדענס בריוו צו יעקב דינעזאָן, „די יודישע וועלט“, וואַרשע, IV, 1928.

יעקב וואַקסמאַן — צוליב גאָגאָלס „רעוויזאָר“ האָט מען אַרויסגעגעבן דעם ערשטן פאַרבאָט צו שפּילן יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד, „טעאַט“צט“, וואַרשע, 4, 1928.

זלמן זילבערצווייג — זיין ברודער האָט ערפונדן דאָס יודישע טעאַטער און ער ערפינדעט קינסטלערישע זייגערס, „טעאַט“צט“, וואַרשע, 7, 1928.

נ. אויסלענדער, ד. וואָלקענשטיין, נ. לוריע, ע. פיניבערג — „אידישע ליטעראַטור“, קיעוו, 1928, ערשטער טייל זז. 44-133.

„ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון י“וואָ“, וואַרשע, 1928. ז. 403.

דר. יעקב שאַצקי — אַ ניט־פאַרעפנטלעכטער בריוו פון אברהם גאָלדפאַדען צו שלום עליכמן, „פנקס“, נ. י 3. 1928, ז. 266.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג“, ווילנע 1928, זז. 139-118.

מאיר צעלניקער — העלפט שאַפען אַ דענקמאָל פאַר גאָלדפאַדענען, „די פאָסט“, לאָנדאָן, 26 יולי 1929.

יוסף רומשינסקי — „שולמית“ פאַר אַ מיליאָן אידען, „דער טאָג“, נ. י. 25 יאַנואַר 1929.

שלום פּערלמוטער — דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער, „די אידישע וועלט“, פילאַדעלפיע 5 אַפּריל — 5 יולי, 1929.

ס. גאָלוב — „שולמית“ איז נאָך יונג און שעהן, „דער טאָג“, נ. י. 28 יאַנואַר 1929.

מרדכי דאַנציס — איינדרוקען פון אָלשאַנעצקי׳ס ראַדיאָ־אויפיהרונג פון גאָלדפאַדענ׳ס „בר כוכבא“, „דער טאָג“, נ. י. 25 פעברואַר, 1929.

באָריס טאָמאַשעווסקי — באָריס טאָמאַשעווסקיס זכרונות פון אידישען טעאַטער, „קאַליפאָרניער אידישע שטימע“, 12 אַפּריל 1929.

שלום פּערלמוטער — דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער, „די אידי־שע וועלט“, פילאַדעלפיע, 5 אַפּריל - 5 יולי 1929.

ישראל געזונד — דער באַזוך פון אברהם גאָלדפאַדען אין לעמבערג, „דער מאָרגען“, לעמבערג, 704, 1929.

דוד ישעיהו זילבערבוש — אברהם גאָלדפאַדען, „ליט“בלט“, וואַרשע, 2, 1, 1929.

נ. שטיף — „די יידישע ליטעראַטור“, קיעוו 1929, זז. 247-79.

אברהם טייטעלבוים — „טעאַטראַליאַ“, וואַרשע 1929, זז. 43-53.

יעקב וואַקסמאַן — דאָס ערשטע יידישע טעאַטער אין פּעטערבורג, „טעאַט“צט“, וואַרשע, (8)1, 1929.

דר. יהושע טהאָן — לעמבערגער געשטאַלטען, „היינט“, וואַרשע, 10 מאַי, 1929.

לעאָן בלאַנק — מאָגולעסקאָ צוקריגט זיך מיט יעקב גאָרדין צוליב אַ ליעדעל אין אַ פּיעסע, „פּאָרווּ.“ 22 יאַנואַר, 1929.

A. Z. Idelson—“Jewish Music in its Historical Development”, New York, pp. 447-53.

מ. שטאַרקמאַן — פיליפּ קראַנצס ליטעראַרישע באַגעגנישן, „פּילאָל. שריפטן. ביי י“וואָ“, ווילנע, דריטער באַנד, 1929. זז. 65-66.

שלום פּערלמוטער — דער סוף פון לעמבערגער אידישען טעאַטער פון וואַנען אַמעריקע האָט אימפּאָרטירט איהרע באַוואוסטע אַרטיסטען, „דער טאָג“, נ. י. 7 פברואַר 1930.

א. ר. מלאכי — די העברעאיש־אידישע שפּראַך־פראַגע מיט אַ זעכציג יאָהר צוריק, „צוקונפט“, נ. י. מאַי 1930.

דר. מאיר בן אברהם הלוי — די „גרויסע שול“ אין בוקאַרעשט אין דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער, „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע“, ווילנע־ניו־יאָרק 1930, זז. 239-42.

ב. וויינשטיין — די ערשטע יאָרן פון יידישן טעאַטער אין אָדעס און אין ניו־יאָרק, דאָרט. זז. 243-54.

משה שטאַרקמאַן — מאַטעריאַלן פאַר אברהם גאָלדפאַדענס ביאָגראַפיע, דאָרט, זז. 255-75.

ה. נ. פישערמאַן — גאָלדפאַדען אין ליכט פון זכרונות, דאָרט, זז. 276-79.

ש“ס—ראַמאַן — דער רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין בוקאַרעשט אין 1877, דאָרט, זז. 280-285.

דר. יעקב שאַצקי — גאָלדפאַדענס אַ סטאַטוט פאַר אַ יידישער דראַמאַ־טישער שול אין ניו־יאָרק, אין 1888, דאָרט ,זז. 286-290.

דר. יהושע בלאָך — גאָלדפאַדענס העברעאישע דראַמע, דאָרט, זז. 298-291.

י. ש. — די עלטסטע רעצענזיע וועגן יידישן טעאַטער אין ניו־יאָרק, דאָרט, זז. 431-36.

י. ש. — צוויי בריוו פון א. גאָלדפאַדען צו יוסף וויינשטאָק, דאָרט, זז. 461-3.

דר. יעקב שאַצקי — „טעאַטער־בוך“, דאָרט, זז. 465-6.

דר. יעקב שאַצקי — נ. אויסלענדער — או. פינקעל. א. גאָלדפאַדן, דאָרט, זז. 479-80.

דר. יעקב שאַצקי — אברהם גאָלדפאַדענס בריוו צו יעקב דינעזאָן, דאָרט זז. 479-80.

דר. י. שאַצקי — Jewish Music in its Historical Development דאָרט, זז. 481-5.

דר. יעקב שאַצקי — קלענערע אַרבעטן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, דאָרט, זז. 498-501.

פאַני שאַפּיראָ — דער טעאַטער־מוזיי א“נ פון אסתר־רחל קאַמינסקי ביי י“וואָ, דאָרט, זז. 512.





# גאָלדפאַדען, וואָלף



געב. 14 אָקט. 1884 אין קיעוו, אוקראַינע, פאָטער — יידל גאָלדפאַדען, אַ ברודער פון אברהם גאָלדפאַדען.

ג. שטודירט אין ניעזשינער גימנאַזיע, דער־נאָך באַקומט ער אין קיעווער אוניווערזיטעט אַ דיפּלאָם אַלס פּראָוויזאָר. די אַרבעט איז אים אָבער ניט געווען צום האַרצן. אים האָט גאָר געצויגן צו דער בינע, און נאָך גרויסע שוועריגקייטן טרעט ער אַריין אין 1906 אין דער פּעטערבורגער דראַמאַטישער שול פון ניקאָליי פּאָפּאָוו, רעזשיסער פון קאָמיסאַרזשעווסקאַס טעאַטער.

אין משך פון 17 יאָר שפּילט ג. אין פאַרשיידענע רוסישע טרופּעס מיט אַזעלכע אַקטיאָרן ווי דאַווידאָוו, וואַרלאַמאָוו, הײדעבוראָוו, כאַרלאַמאָוו, פּאָלעוויצקאַ און פיל אַנדערע, דורכפאָרנדיק מיט זיי רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, קאַווקאַז און סיביר.

אין 1917 איז ג. אין אָדעס איינער פון די גרינדער פון ערשטן אַקטיאָרישן פאַרבאַנד און ער ווערט אויסגעקליבן אַלס דער ער־שטער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד.

אין 1919 ווערט ער אָנפירער פון דער געזעלשאַפט „הזמיר“ אין כערסאָן, און וויצע-פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט, אין 1920 גרינ־דעט ער, אונטער דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט, אין ניקאָ־לאַיעוו אַן אינטים טעאַטער א“נ „דער נייער וועג“, וואָס איז דאָס איינציקע טעאַטער אין יענער געגנט.

אין דער אייגענער צייט גיט זיך ג. אָפּ מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין דראַמאַטישע סטודיעס, אין דער געזעלשאַפט און אין די קאָאָפּעראַטיוון, און פאַרפאַסט 33 איינאַקטערס אין רוסיש, וועלכע ווערן דאָרט געשפּילט.

אין 1923 קומט ג. אין אַמעריקע און טרעט אַריין אין יידישן קונסט-טעאַטער, וואו ער שפּילט ביז 1926 און באַטייליקט זיך אין טורנעע פון דערדאָזיקער טרופּע איבער מערב-אייראָפּע. אין 1926-7 שפּילט ער אין גאַרדען-טעאַטער אין פילאַדעלפיע, 1927-8 — ווידער אין קונסט-טעאַטער, 1928-9 אין פאָלקס-טעאַטער און 1929-30 אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן.

זייט 1927 איז א. מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו פון דער יידי־שער אַקטיאָרן־יוניע.

א. האָט איבערזעצט און אויפגעפירט אויף יידיש „סטודענט־פּרינץ“ (קאָלאָמביאַ-טעאַטער, פילאַדעלפיע), נאַטאַנסאָנס „הינטער מויערן“, יושקעוויטשס „די קאָמעדיע פון הייראַט“ און אָסטראָוו־סקיס „אומשולדיק־שולדיק“ (אַלע דריי אין פאָלקס־טעאַטער).

ש. ע.

יעקב מעסטעל — ווער זיינען די קינסטלער פון דעם ניו־יאָרקער אידישען קונסט־טעאַטער, „די צייט“, לאָנדאָן, 4 אַפּריל, 1927.